Das
Sterntüchel.

Bilder aus dem israelitischen Leben in Russisch-Polen

im

jüdisch-deutschen Jargon.

Druck von C. W. Vollrath in Leipzig.

זענען שטיל גיבליבען, האָט ער געזאָגט — רבותים, אֶרץ ישׂראל-געלט מיז מען אַוועק שיקען קיין אֶרץ ישראל, נאָר וואָס מעהר מען וועט גיפינען געלט, זאָל מען דעם ווייב אַוועק גיבען, אַזוי דאַכט מיך איז דער יושר. —

אַלע האָבען געזאָגט — רעכט, רעכט, נאָר אַזוי. —

מיכל האָט דעם פישלען אפרעג געטיהן, — זאָג נאָר דיא בָחור, האָסט דיא ערגיץ אַביסיל, אַרייסטער, אָדער אַף אַפּאַפּיר פאַרשריבען וויא פיעל דיא האָסט געלט צים אויף גינעהמען אֶרץ ישׂרָאל געלט, זאָג, וואָרין אָט פּאַטש איך. —

יאָה — עפינט דאָס עֵיזיל, דאָס ערשטע מאָהל-אויף, זיין מויל צי רעדין — יאָה איך האָב דאָ ביי מיר אַרייסטער ווי די גַבאים פון איטליכער שטאָט האָבען מיט זייער האַנד אַריין געשריבען, דרייהינדערט מיט צוואָנציק רענדליך איז אינים רייסטער אָנגעשריבען, דאָס איבריקע איז מיינס. —

ר' וועלווילע דער בריה האָט אויך גיהאָלפען, מען האָט גילעֵינט און גיחֶשבינט, סיז אֶמת, נאָר דרייהינדערט מיט צוואָנציק רענדליך איז גיוועזין אַריין גישריבען, דאָס האָט מיכל געהייסין ר' איסרן מיט זיין שוועֶר ר' וועלווילע זאָלין דאָס געלט נעהמין צי זיך, אין זעהען אָפּשיקען ווי אַזוי זיי ווייסין, עס זאָל אָנקימען קיין אֶרץ ישראל, דאָס איבריקע האָט ער אַליין גינומען פינִי אין די הענט אַריין די רענדליך מיט די אַסיגנאַציעס, אין דאָס ווייסע געלט, — נאָט פינִי פאַר אייער נדן-געלט מיט אייער מאַמיס שטערינטיכיל אין פאַר מזונות, נאָר עפּיס וויל איך אייך פינִי זאָגין, וואָס אַיושר איז, דעם שלאָפּין ר' עובדיהן, אַז איהר ווילט, זאָלט איהר דערפון עפּיס אָפּטהיילין, איאָה רבותים. —

פינִי האָט אויף גיהויבין ביידע הענט צי גאָט, — דיא ביסט אַגיטער רבונו של עולם, דיא האַרסט לאַנג, אָבער דיא באַצאָהלסט גיט, נאָט ר' עובדיה צעהן רענדליך (ויא גיבט ר' עובדיהן אין די הענט אַריין די צעהן רענדליך) אין אייך ר' יחיאל — ר' מיכל האָב איך גיוואָלט זאָגין — דאַנק איך, גאָט זאָל אייך מיט אייער גיט פרים ווייב, גיבען מזל אין בּרָכה איהר זאָלט אייך עלטערין אין עושר אין אין כּבוד. אָמן.

גיענדעט.

זײַער גִיט אַנטלויפִין, נאָר אַף זַיין שְׁלִימַזְל הָאבִּין זֶעך דִי בְּרייטֶע טֶערקִישֶׁע שַׁארִיוואַרִים פַארטשֶׁעפִּיט אִין יהויז אִינִים דראָנג וואָס מֶען הָאט דִי הויזִינטִיהר אִינטֶער גִישְׁפַּארט (בַּיי דֶעם ר׳ אִיסרן אִין זַיין שְׁטִיבּ) ווי פִישִׁיל הָאט מִיט כּוֹח אַרִים גִיטִיהִין, אִיז דֶער דראָנג מִיט דֶער טִיהר אִים-גִיפאַלִין — ווײַל דִי טִיהר הָאט נִיט קיין זאַווִיסִים, אִין דִי בֶּעהָאנִים זֶענִין אויך פִין אַיאָהר אָן קאַלִי. —

דֶער פאַל פִין דֶער טִיהר מִיט דֶעם דראָנג הָאבִּין אַרַעש גִימאַכט, אִין דֶער קלאָפּ הָאטִים דִי צוויי שׁוֹמרִים אויף-גִיוועקט, אִיז דֶער פויגִיל שׁוין גִיוועזִין אַרוֹים גִיפלויגִין, אַנָא נאָך, אַנָא נאָך לויפִין. פִישִׁיל לויפט בֶּעסֶער חאָטשֶׁע אִין טֶערקִישֶׁע פאַפִּיצִים, דֶערִיבֶּער הָאבֶּען זיי אַזוֹי גֶעשרִיגִין — חאַפּט אִיהם, גִיכֶער חאַפּט אִיהם, אָט אַנטלויפט עֶר דֶער אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הִינט. —

מֶיכל הָאט פאַרשטאַנִין, אַז דִי אַלֶע שִׁילמַזלנִיקִים חסִידִים גֶעהִין אִין פאַנטאָפִּיל וועלִין זיי פִישלִין נִיט קאָנִין חאַפִּין, הָאט מֶיכל נאָר טאָדרִיסִין מִיט זֶעך גִינֶעהמִין, אִין בַּיידֶע זֶענִין פִישלִין נאָך גִילאָפִין. גִיט נאָך גִילאָפִין.

פִינִי הָאט נֶעבִּיך גֶעשרִיגִין — וועה מַיינֶע יָאהרִין, אִיך בִּין איין אייבִּיקֶע עֲגִינָה, אַפאַרפִינצטֶערטֶע עֲגִינָה; דֶער אַחבּראָש ווֶעט ווידֶער אַנטלויפִין, — דאָס הָאט זִיא הִינדֶערט מאָהל אַלֶע מאָהל הֶעכֶער גֶעשרִיגִין.

אִיז אָבֶּער מֶיכל פאַרסאַפִּיט גִיקִימִין, שלֶעפִּינדִיק דֶעם פִישלִין, טאָדרִים הָאט אויך גִיהאָלפִין דֶעם פֶּעטִין פִישלֶען צִי טאַסקִין.

מֶען הָאט אִיהם אַרַיין גִיבּראַכט צִי פֵּסח ראָטהַייזֶער, דֶער גאַנצֶער עוֹלָם לאַכט, מֶען קאַטשִׁיט זֶעך פאַר גִילֶעכטֶער, וואָס אִיז?

דֶער פִישִׁיל אַיידֶער עֶר אִיז אַרוֹים פִין ר׳ אִיסרס שְׁטִיבּ, הָאט עֶר זַיין טֶערקִישִׁין פאַרוויקִילטִין קאָפּ אִיבֶּער גִיקֶעהרט, אִין מִיט דֶער ווַייסֶער פאַטשַיילֶע הָאט עֶר זֶעך צִי גִיבִּינדִין דֶעם הַאלז, אַרוֹיף אויף דֶעם טֶערקִישִׁין דזִיבּוֹן מִיט קנֶעפִּילִיך הָאט עֶר זֶעך אָנגִיטִיהִין ר׳ אִיסרס אַקאַפּטִין איין אַלטִין, צִי גִיגַארטִילט מִיטן הַאנטִיך, אַזוֹי הָאט מֶען אִיהם אַרַיין גִישלֶעפּט צִי פֵּסח ראָטהַייזֶער.

יָוסִילֶע ר׳ עוֹבדִיהֶס אִיז פִינִים ווינקִילֶע — ווִי עֶר מִיטן פאָטֶער אִיז גִיזֶעסִין אִין גִיוואַרט אַף מֶיכלן — צִי גִיקִימִין אִין הָאט מוֹדִיעַ גִיוועזִין, אַז דֶער גַנב הָאט גֶעלט אַרִים זֶעך אִין אַבּיינאַרטִיל, וואָס עֶר הָאט צִים אויך גִינֶעהמִין פִין אַלֶע יוֹדִישֶׁע שטֶעט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל-גֶעלט. אִין בַּעל הַנֵס גֶעלט.

גִיט, גִיט מֶען הָאט דֶעם בַּיי גאַרטִיל אָפּגִישפּראָנטשקִיט, אִין אַפִּין טִישׁ ראָס גֶעלט אִיבּרגִיצֶעהלט, פִיר הִינדֶערְט מִיט זֶעקס אִין פֶערצִיק רויטֶע רֶענדלִיך, אִין זֶעקס הִינדֶערט רוּבּל אַזִיגנאַצִיעֶס, אַחוּץ ווַייס גֶעלט אַהִינדֶערט גִילדִין.

ר׳ עוֹבַדְיָה דֶער שלאַפֶער פרִימֶער ר׳ עוֹבַדְיָה אִיז צִי גִיקִימִין צִים טִישׁ, אַלֶע

האָבּין גישטימט. חאַ חאַ חאַ, איך לאַך, לאַכט איהר אויך, ער מיינט, איך וועל איהם מאָרגין אַריין טראָגין גוזמאות רעגדליך, ניט אגראָשין, איין רענדיל האָבּ איך איהם אימיסנע געגיבּין כּדי איהם צו פּאַרבּלענדין די אויגין, מיין חופּה איז בּיי איהם אין שטיבּ געוועזין, איאָה. —

וועלוויליע דער בּריה פּאַלט אַרים קישין מיכלן, — פּאַר דעם אויספּיהרין, אַז ער אַליין דער צַדיק זאָל מסדר קדישין זיין, בּיסט דיא ווערטה טויזענט קיש, וואָיל קליג. —

וויסט דיא וואָס נאָך איך וועל דיר זאָגין, אַז דורך דעם פּאַלשין שטערינטיכיל וועסט דיא מיין קינד האָבּין אין לאָהיהפּאָלי דאָס גרעסטע טרויען אין גלויבּין, איך בּין אַמבּין אין קאָן די וועלט, אַלע וועלין דיר חנפנין, אַלע וועלין דיך האַלטין פּאַר אַגרויסין עושר, געלט וועט מען דיר אין שטיבּ אַריין בּרענגין, איך האָבּ מיט דיר ניט צו זאָרגין בּרוך השם, דיא וועסט דורך דעם גרויסין קרעדיט ערשט ווערין אַרעכטער עושר, איך האָבּ קיין קינדער נישט, גלייבּט מיר מיכל, אַז מיר געהט די גאַל איבּר, איך בּין אַף דעם גיטין יודין אַמבּין, נאָר מחמת פּרנסה, מיז איך טאַנצין אין קאָהן, אַז גאָט בּרוך הוא וועט דיר העלפין, אַז דיא וועסט בּאמת רייך זיין, וועל איך אַף דער עלטער מיך נעבּין דיר צו טילען, איך בּין קיין שלימזלניק ניט, איך וועל דיר צו ניץ קימין.

מיכל קישט צוריק דעם שווער, אין גיבּט איהם זיין האַנט תּקיעת כּף, — אָט האָט איהר מיין האַנט, אַז איך וועל נאָר אשטייגר פּרנסה האָבּין, וועל איך אייך אַליין קימין אַרויס נעהמין פּין דעם שקר וכּזב, צו מיר, בּיי אינז, אין מיט אינז אין אייניס זאָלט איהר לעבּין אין פריידין, מיר מיזין גישווינד געהין, אונזערע ליבּע ליַט וואַרטין אַף אינז, מיין שיינצי איז שוין דערפרוירין געוואָרין, (דער-גרייכט האָבּין בּיידע שיינצין מיט דעם איבּריקין עולם) איאָה סיז ניט רעכט וואָס מיר האָבּין אייך אַף דער גאַס אין דער קעלט גילאָזט אַזוי לאַנג וואַרטין, מיר האָבּין אָבּער זייער גינעטהיקס גידאַרפט איבּרשמיעסין, ווייל מיטן טאָג גלייך מיזין מיר, שיינצי מיין ווייבּילע מיט מיר אַוועק פּאָהרין, איאָה שיינצי. —

אין דער מיניט ווי מען וויל שוין אין שטיבּ אַריין געהען, דערהערט מען אַגישריי פּין דעם יונגיטשקין חסידיל לעמילע, אין דער אַלטער ר׳ איסר שרייען — חאַפּט איהם אָט אַנטלויפט ער דער ארץ ישראל הינט, — די צוויי שומרים וואָס דער צדיק האָט גיהייסין היטין דעם פישלין פּיני דער עגינת מאַן דעם פּאַלשען ירושלמי, איז מן הסתּם דער אַלטער מיטן יינגין חסיד אַנטלאָפין גיוואָרין, אין דער גיזינטער פישיל איז אַנטשלאָפין גיוואָרין, די טיהר איז געוועזין פין אינעווענוק (מחמת גרויס גענבשאַפט) פּאַרקייטילט, האָט פישיל גאַנץ שטיל אויף געקייטילט, אין וואָלט גיקאָנט

געלט, האָבּין פאַר פיר גילדין אַהייבּיל פין ווייסין פּערקאַל אָפּין קאָפּ, נאָר משוגעים פּוילישע ווייבּער, אָרימע יודינס ווייבּער, האָבּין זעך איינגירעט — אַיודינע אָן אַחאָמיט פין פּעריל הייסט קיין מענש ניט — אַחרפּה איזים אַבּושה, צי זעהען איודינע פאַרפינצטערט זיצין בּיי אַקראַנק קינד אָדער בּיי איהר שלאָפין מאַן, אָנגיטיהין אינים פּערילדיקין חאָמיט, אין וויינין, געהין צי אַלויה אין טרוירין אַף דעם וואָס איז גישטאָרבּין. טאַקע געהענדיק אינים צירינג בּרעכין די העט אין חליפין, פּע, חלשית געהט זעך אָן, פּוילישע פּריצים מעגין שפּעטין, זיי מעגין לאַכין פין יודין, אַז זייַן ווייבּ די שרהיסטע געהט פאַר צוויי גילדין אַהייבּלע, אין זיין אָרימין קרעטשמאַרס זוי אייַער אימער ווייבּ — קויטיקע קאַבּצנטע ווייבּ, געהט אין אַשטערנטיכיל, וכדומה וכדומה אַנדערע דילע משוגענע זאַכין, איזים גאָר קיין עולה ניט, זיי צי נאַרין.

זוי דער קליגער פרידריך דער פּרייסישער מלך האָט גיזאָגט — דערצעהלט מען אין בּרעסלע — פין קאָרין-בּרויט נעם איך ניט אַגראָשין קיין מכס, ווייל דאָס מיז אַמענש עסין ער זאָל קאָנין לעבּין, ווילסט דיא מענש אָבּער עסין לעקיך, אין טרינקין קאַווע, אין וויין, צאָהל מיר מכס פין איטליכין.

זאָגטשע שוועהר ר׳ וועלווילע. ווי קאָנט איהר די זאַכין פאַרגלייכין צי אַרבּין צי דעם וואָרט גיטער יוד? בּיי איהם זיכין נעבּיך די מענשין אמת, אין פרימקייט מוסר, אין גאָטס ווערטער, וועה אין אָך האָט ישעיהו הנביא דרויף גישריגין — **מאַשרֶיך מתעים** — דאָס הייסט — די וואָס זאָלין אייך יודין פיהרין אָפּין רעכטין וועג, פאַרבּלאָנזין אייך אימיסנע, דער ישעיהו הנביא זאָל אָבּער גיוועזין זעהען, אָט די וואָס פאָהרין אין קאַריטים, נעהמין געלט, עסין אין טרינקין, וואָיל טעגערס, וואָס פאַרשטעלין זעך פאַר, — מאַשריך, — זענין פאַלשע יודין, ליגנערס, שווינדלערס, זיי זאָגין פיר אַלע נאַרישע זאַכין די יודין, אין פאַרפיהרין יודין אין דער בּלאָטע אַריין, אַז יודין ווערין דורך זיי קאַליקים, עמי האַרצים, גראָבּע יונגין — נישט, גאָר נישט צי קאָנין, אַבּי אַחסיד אַפּלייסקער צי זיין, איז גענוג.

אַף אַזעליכע זאָג איך, אַז די גאַנצע תוחכה מיט קללות קלעקט ניט אַף זיי אַף די שווינדלערס אויסצישיטין, אַיאָה איהר שווייגט. —

צווישין די טובות וואָס דאָס פאַלשע שטערינטיכיל האָט מיר מיכלין גיטיהין, מיז איך רעכנין פאַר דער גרעסטער טובה, אַז דורך דעם פאַלשען שטערינטיכיל האָבּ איך אייַער גיטין יודין גיזאָגט אַזעליכע ווערטער וואָס איך האָבּ איהם גישטאָכין דורך אין דורך, ער האָט דאָס אַוודאי נאָך קיין מאָהל פין קיינים ניט גיהערט.

ער וואָלט מיך אַוודאי גיהייסין אַרויס שטיפין, יונגאַטשים חסידים זענין גרייט גישטאַנין, נאָר דאָס גרויסע שטערינטיכיל. נאָר איבּרין גרויסין שטערינטיכיל, האָט ער גימיינט איך מיז אַוודאי זיין זייער אַרייכער, האָט ער גישטימט, אין זיי

ניט קיין געלט, די בִּיטרע דאַגה האָט קיינער ניט געוויסט נאָר מיין האַרץ, אַזאַ זאַך קאָן מען דעם אַנדערן מענשין ניט דער צעהלין, יענער לאַכט אין שפּעט, ווי פין אַנאַרישען חוזק, איך האָבּ אָבּער דורך דער דאַגה גאַנצע נעכט ניט גישלאָפין, איך וואָלט גיקאָנט די ערד קיהלין, ווי דער עולם ריפטעס, האָט זעך גראָד גיטראָפין אין בּרעסלע אַפּאָדראַדשיק פין שפּיטאָלען בּיי דעם וואָס איך האָבּ געלט פאַרדיענט, דער האָט פאַר אַנדערע פּאָדראַדשיקים דערצעהלט אַמעשה פין אַהילטיי איינים ליפּאַ לעוויט מיט איין אָנשטעל אויס צי נאַרין בּיי אַבּעל הבּית אין טשערניגאָוו פיפצעהן הינדערט רוּבּל, בּיי אַבּעל עגלה דרייצעהן הינדערט רוּבּל אַף אַמשכּן, דאָס משכּן איז גיוועזין אַ פּ אַ ל ש ט ע רִ י נ ט י כ ל, די מעשה האָט מיך דערקוויקט מעהר פין אַלע, איך אַלאַהיהפאַליר יוד האָבּ גאָר ניט געוויסט אויבּ סיז דאָ פאַלשע פּעריל אַף דער וועלט.

דאָ האָבּ איך מיר גיטראַכט, דאָ האָבּ איך מיין רפיאה געפינין צי אַלע מיינע ווינדין וואָס איך האָבּ איניס האַרצין, איך קאָן מיין שיינצין מאַכין אַ ג ר ויס זעהר אַגרויס שטערינטיכיל גאָר פאַר קליין געלט„ אין האָבּיס געמאַכט.

האָבּ איך ניט געזיכט ווייטער קיין שום עסק, גענוג איז פאַר מיר דאָס בּיסעל געלט וואָס איך האָבּ מיין אייגינס, אַפּאָהר געטיהין מיט פּאָטשט אַהיים, אין האָבּ מיין — היינט איס זיא אייערע אויך — שיינצין, גליקליך געמאַכט, זיא וועט ניט וויסין, אין אַלע יודליך ווייסין ניט דעם חולק פין גיטע פּעריל צי פאַלשע. —

יאָה מיין קליגער בּריה מיכל — זאָגט וועלווילע — דיא האָסט געטיהין וויא אַבּר שכל, אין האָסט דורך דער ־מְצָאה אויסגעפיהרט דיין זאַך, מיט דעם פאַלשען שטערינטיכיל, פאַר וואָסשע בּילסט דיא, אַז חסידישע רבּים נאַרין אָפּ די וועלט? די וועלט וויל גענאַרט זיין, זענין זיי אויך בּריהס, זענין זיי אויך מ י כ ל ס, האַ. —

האָט מיר ניט פאַר איבּל מיין קליגער שוועהר ר' וועלווילע, וואָס פאַרגלייכט איהר, מיין המְצָאה, צי דעם ליגין, צי דעם נאַרעריי צי דעם פאַלשקייט פין די חסידישע גיטע יודין — ענטפּערט מיכל, — בּיי וועלט-עסקים, אַז די מענשין ווילין נאָר געלט, אָדער נאַרישע ציריגין, אָדער אַנדערע פאַרבּרענגעריי, זענין זיי טאַקע ווערט אַשטראָף מען זאָל זיי נאַרין, אָט איז דאָ גאַנצע וועלטין ואַילע מדינות, וואָס אַלע ווייבּער האָבּין ניט קיין, פּעריל-חאָמיט אַפין קאָפּ, די רייכסטע ווייבּער פין מילאָנען

האָב הנאה, אַז איהר שמיעסט מיט מיר אָפּין, דעריבער וויל איך אייך ווי פאַר אפּאָטער די גאַנצע זאַך קלאָהר דערצעהלין, אין אייך באַווייזען, אַז איך בין חס ושלום ניט קיין שווינדלער, מיינע מעשהות מכוח דעם שודך מיט שיינצין, אין אַז דער . . . . . חן צו מאַכין פאַר לאָהדהפּאָליר גראָבע יונגין, האָט גיפּסקיט די תּנאים מיינע צי צעריסין, ווייסט איהר מן הסתם, פין שיינצים פאַרשלייערין מיט דעם פויקער ווייסט איהר אויך, שיינצי האָט מיך ליב גיהאַט, אין האָט בשום אופן ניט גיוואָלט פאַרבייטין מיך אַף אַדאָרף שייגיץ (האָטשע ער זאָל ניט זיין קיין פויקער) נאָר אַ ג ר ו י ס ש ט ע ר י נ ט י כ י ל איז אזא גרויסע זאַך ביי אַיונג יודיש מיידיל, אַז אַפילו אַדאָרפס הינט זאָל האָבין פין גרויסע פעריל גיהעפטע זעקס רעדער מיט שפּיצין ווי אַחאָמיט אָנציטיהין אַפּין קאָפּ, מעג מען איהם נעהמען פאַר אַ ט אַ ן, מיט דעם גרויסין שטערינטיכיל האָט מען שיינצין פאַרדרעהט דאָס קעפּיל, איז זיא מרוצה גיוואָרין צים שודך.

דער נאָך ווי סיז צי-נישט גיוואָרין, האָט דעך שיינצי גיזעהען, אַז אַשטערינטיכיל העלפט ניט, אין מען מיזים אַוועק גיבין, אַבי פּטור צי ווערין, פאָרט אַז ביי דעם מיידיל ווייפיל שיינצין געבליבין דער ביטרער חשק — איי, אַ ג ר ו י ס ש ט ע ר י נ ט י כ י ל נאָר אַליבער מאַן מיט אַגרויס שטערינטיכיל דערצי, דאָס קאָן הייסין אַגליק, ניט אַנדערש. —

— איך האָב די שיינצין אַבער אַזוי ליב, אַז איך האָב אָנגיהויבין ביי רוסישע אָפיצירין געלט צי פאַרדיענען, האָב איך איהר אין מאַרקילס קעהלער, דערנצמאָהלט ווען אייער רבי האָט גיהייסין אויף העגנין דעם זוהר, דער לץ זאָל קיין שליטה ניט האָבין, חאַ חאַ חאַ, דערנצמאָהלט האָב איך שיינצין צי גיזאָגט, אַז איך וועל פאָהרין צי דער הויפּטקוואַטיר פיעל געלט פאַרדיענען, כדי איך זאָל איהר ברענגין אַגרויס שטערינטיכיל, נאָך אַגרעסערס פין יענים שטערינטיכיל וואָס זיא האָט דעם נפתּלקי פויקער אָפּגיגיבין. —

דעם אמת צי זאָגין, איך זאָל שיינצין ניט אַזוי היים ליב האָבין, אין זאָל ניט גיוועזין אַזוי גאַרין אַהיים צי איהר, וואָלט איך גיוועזין מיט דערצייט ביי דער הויפּט-קוואַטיר פיעל געלט גיקאָנט פאַרדיענען, נאָר, עס האָט מיך געצויגין אַהיים, צי שיינצין אַהיים, איך האָב אָבער אין דער קערצערצייט גאָר ניט פיעל פאַרדיענט, ווי נעמט מען שיינצין דאָס גרויסע שטערינטיכיל צי קויפין פאַר טויזענט רענדליך? אַז איך האָב

ר׳ וועלווילע דער בּריה מיכלס שוועֶר געהט מיטן פּאָרפּאָלג, אין פּיני די זיצירקע געהט אויך נאָך, טאַדרים מיט מעני ראָסין האָבּין זעך גיפרייט, זיי פאָהרין אויך קיין לאָהיהָפּאָלי, געקישט שיינצין, אין שיינצי די מיטער הינדערט מאָהל געהענדיק אין שטעהענדיק, בּיז זיי זענין אַוועק גיגאַנגין, אַהרן שמש מיט שׂרהן געהען פין ווייטינס אויך נאָך.

ר׳ גבריאל אין זיינוווילע זענין אַהיים גיגאַנגין אַף גאַנץ פריה אַוועק צי פאָהרין — מיר וועלין זעך בּאַלד זעהען אי״ה אין לאָהיהָפּאָלי מן הסתם — זאָגין בּיידע אין גיזעגינען זעך מיטן נייעם פּאָרפּאָלג.

אַז וועלווילע האָט אַלע אַנדערע גיפּטרט, לאָזט ער פּיני זאָל פיהרין שיינצין — צים ראַטהייזער געהט מיט מיין טאָכטער, איך קים בּאַלד מיט מיכלן, מיר דאַרפין עפּיס צי שמיסין, געה מיין נייע טאָכטער. —

די פּיני געהט מיט שיינצין, וועלווילע מיט מיכלן געהען גאַנץ פין ווייטין זיי זאָלין ניט קאָנין הערין, טיהט וועלווילע מיכלן אַקיש אין זאָגט צי איהם — מיך רופט מען — דער בּריה, — איך בּין קיין בּריה ניט אַקעגין דיר מיכל, די אַלטע מיזין זעך בּיי די יונגע לערנין.

דער עולם דערצעהלט — אַז איין חסידישין רבּינס חסיד האָט געשמיעסט מיטן אַנדערן רבּינס חסיד, זאָגט איינער, מיין רבּי האָט געווינין אין דער לאָטאָריע צעהן טויזענט גילדין, חאָטשע ער האָט גאָר קיין לאָטאָריע בּילעט ניט גיהאַט, דער אַנדערער חסיד דערצעהלט, אַז זיין רבּי האָט צים ערשטין סדר פּסח צעהן טויזענט כּוסות איינגערשין ווין אויסגיטרינקין אין איז ניט אַקאַפּ שיכּור גיוועזין, דער טיהט אַגישריי, סטאַטש צעהן טויזענט כּוסות, ווי קאָן עס גימאָהלט זיין, ענטפערט דער אַנדערער אַליטיי צעהן טויזענט גילדין צי געווינין ווי קאָנים געמאָהלט זיין, אַז מען נעמט ניט קיין לאָטערע בּילעט, שענק דוא מיר די צעהן טויזענט גילדין, וועל איך דיר שענקין די צעהן טויזענט כּוסות, דאָס הייסט בּיידע זאָגין מיר אַליגין. —

עסיז אַפּראָסטע, אַפּילו זייער אַפּראָסטע הלצה, נאָר דאָ קימט זיא צי ניץ, מיכל, איך בּין אַמבין, איך האָב אינים ערשטין בּליק דער קאָנט, אַז דאָס שטערינטיכיל איז פין פאַלשע פּעריל . . . אַיאָה מיכל, מיר קאָנין זיין קוויט, דיא בּיסט מיין איידים מיכל דער בּריה.

מיכל טיהט צייריק אַקיש דעם שוועהר וועלווילען מיט אַלאַך, אין זאָגט, — איך

אײַך קוּדשאָ בּריך הוּא בּאַשעֶרט אַגרויסין עוֹשֶׁר אײַן אײַדים, ווע‍ֶט איהר אֶפשר נִיט דאַרפִין מען זאָל בּײַ אײַך אײַנשטעֶהען, דער עוֹלָם וויל, איך זאָל מסדר קדוּשין, סיז דײַן טאָכטער וועֶלווילע, דיא האָסט מן הסתּם גיהערט וואָס דאָ איז אַרוֹיס געקוּמין קלאָהר, אַז דאָס ווײַבּיל וואָס האָט חתוּנה מיט דעֶם עוֹשֶׁר ר׳ יחיאל מֶיכלן, איז גאָר נישט אַהרנס טאָכטער, דער אײַבּירשטער איז סִיבּת הַסִיבּוֹת, מיר זעֶהען אַלע טאָג אַלע מִינִיט זײַנע חסָדים, דיא האָסט נעֶבּיך אַוודאַי נישט געוויסט היינט צים שָׁלֹש סעוּדת, אַז דיא ווערסט אַשווער אין אַטאַטע. —

וועֶלווילען זענין אַלע ווינדין פאַרהײלט גיוואָרין, אַז אַלע הערין ווי חָשוּב ער איז בּײַם רֶבּין, נאָר דאָס פאַרשטעֶהט ער בּײַ זעֶך אין האַרצין, אַז דער רֶבּי לאַסקיט איהם נאָר מַחמת עֶפּים אַנדערש, ווײַל דער רֶבּי מײנט, אַז דער אײַדים דער פּאָדראַדשיק איז אַגרויסער גרויסער עוֹשֶׁר, דאָס איז איהם ניט זײער גיט גיוועֶזין, ווי מען וועט בּאַלד פין וועֶלווילען אַליין הערין.

נאָר דערווײַל, איזים אַחיה־שָעה אַגיטע, אין די חסידים הערין, אַז ער איז נאָך חֶשבּר פין פריהר, וועט קײנער איהם ניט טאָהרין פיר וואַרפין זײַנע אַלטע חטאָים, צי אַזעֶליכע זאַכין טויג דאָס חסידישע קלאָמערשט־גילעכטעריל חע חע חע דער עוֹלָם זאָגט — מען ווייסט ניט וועמים מאָרגין סיז, — איך מעג זאָגין — מען ווייסט אַפילו ניט, וועמים היינט סיז. —

די חוּפּה האָט מען גישטעֶלט, די אינטערפיהרערס האָבּין וואָיל געפיהרט, דער גיטער יוד האָט מסדר קדוּשין גיוועֶזין מיט גרויסע כּוָנהים. דער חַזָן האָט גילעֶינט די כּתוּבּה, מיכל האָט דעם טבַעת־קדוּשין אָנגעטיהין שײַנצין, אַלע זאַכין האָט מען אַלץ געטיהין ווי דער סֶדֶר איז.

מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב, מַזָל טוֹב, מֶיכל האָט גינעֶהמין שײַנצין.

אַז מֶיכל געֶהט אַוועק אין זאָגט — אַגיטע נאַכט רֶבּי, — מײנט דער רֶבּי, מאָרגין פריה וועט מן הסתּם מֶיכל אַרײַן בּרענגין אַצוואָנציק רויטע רענדליך, חאָטשע דער בּחוּר האָט איהם זײער גיט גישטאָכין בּי צי דער זיבּיטער ריפּ, מיט זײַנע שפּיציקע ווערטער, געלט, פאַרהײלט.

רער וועֶלווילע האָט אין מעזיבּיז זײַן אײַנפּאָהרויז, שטעֶהט מען רעֶד אײן בּײַ איהם, דרינין, איניס וואָרט — שטעֶהען — שטעֶקט דאָס ווערטילע.

ר׳ גַבְרִיאֵל גִיטִילִיס פרעֶגט — וואָס מאַכט מעֶן שׁוֹהוֹת? לאָז מעֶן שטעֶלִין די
חוּפָּה, ר׳ מֶיכל, האַ?

בַּיי חַסִידִים אִיז דעֶר נִיט-סֵדֶר אַסֵדֶר, אֵיינעֶר זאָגט, דעֶר אַנדרעֶר הֵייסט, אִין
אֵיינעֶר חַאפּט אִין פאָלגט, ווערט אַזאַך, דאָס ווֵייסט מֶיכל.

מֶיכל טִיהט אַלאַך — חַא חַא חַא, ווֵייסט אִיהר ר׳ גַבְרִיאֵל ווער מַיינעֶ
אִינטערפִיהרעֶרס זעֶנִין, טאַקעֶ (ער ווִינקט צִים קרעֶטשמאַר מִיטן ווַייבּ אִין צִי אַהרנִין
מִיטן ווַייבּ) די בַּיידעֶ פּאָרפאָלג, די רעֶכטעֶ מאַמעֶ שֵיינצִים, אִין שָׂרָה די וואָס אִיז
פִּיפצעֶהן יאָהר גִיוועֶזִין אַזוֹי ווִיא אַגִיטרַייעֶ גִיטעֶ מִיטעֶר, אַיאָה ר׳ אַהרן, אַיאָה ר׳
טאָדרִים, אַזוֹי ווִי אִיהר שטעֶהט אִין געֶהט, זַייט שֵיינצִים מִיט מַיינעֶ אִינטעֶרפִיהרעֶרס
(צִים דַיין מִיטן חַזן קעֶהרט ער זעֶך, אִין נעֶמט אַרוֹיס דאָס שעֶנעֶ בַּייטִילעֶ) נאָ ווִי
פִיעֶל זאָל אִיך גִיבִּין רח״ש, נאַט אַייך צוֵוויי רוֹיטעֶ רעֶנדלִיך שטעֶלט די חוּפָּה, אַייך
שַמָשִׁים אַז אִיהר ווֶעט גִיך מאַכִין די חוּפָּה ווִי מעֶן דאַרף — אַטבַּעַת קדוּשִׁין האָבּ
אִיך — ווֶעל אִיך אַייך גִיט בּאַצאָהלִין. —

די שַמָשִׁים האָבִּין אַנִידעֶר גִישטעֶלט די פִיר דראָנגִין, דעֶר חַזן האָט גִישווִינד
אָנגעֶשרִיבִּין די כּתוּבָּה אִין אַלקִיר, דעֶר דַיין מֵיינט ער ווֶעט מסַדֵר קדוּשִׁין זַיין, אִין
מאַכט זעֶך צִי רעֶכט-דעֶם ספּאָדִיק.

טִיהט מֶיכל אַטאָרעֶ ר׳ גַבְרִיאֵלִין מִיט זַיינווִילעֶן, געֶהעֶן זַיי אַלעֶ דרַיי צִי צִים
צַדִיק, — רֶבִּי אִיהר, אַז אִיהר ווֶעט ר׳ מֶיכלן אִינזעֶר לאַהִיהַפּאָלִיר ר׳ מֶיכלן מסַדֵר
קדוּשִׁין זַיין — זאָגט ר׳ גַבְרִיאֵל — ווֶעלִין מִיר ווִיסִין אַז אִינזעֶר שטאָט אִיז בַּיי אַייך
חָשׁוּב, חלעֶבִּין — זאָגט זַיינווִילעֶ — אַז דעֶר אַייבּעֶרשטעֶר האָט אַזוֹי געֶפִיהרט, אַז
סִיז דאָ בַּיי אַייך רֶבִּי אִין שטִיבּ, אִיזִיס אַייעֶר מִצוָה אַף דעֶר פִילעֶר וואָך, ווער דעֶן
אִיז אַמֵיגן אַפִּין דוֹר? —

דעֶר ווַייל אִיז ווֶעלווִילעֶ דעֶר בּרִיָה אָנגעֶקִימִין, זאָגט דעֶר גִיטעֶר יִיד — מָקוֹם
שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִיקִים גְמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמֹד שָׁם — זאָגט די גמָרָא
אִינזעֶרעֶ, מֵיילאָ ווער קאָן בַּיי אַייך ר׳ ווֶעלווִילעֶ אַיינשטעֶהעֶן*), דעֶרִיבּעֶר האָט

*) דאָס אִיז אוֹיך אַזאַיל ווֶערטִילעֶ, די גמָרָא זאָגט — דאָרטִין ווִי אַבַּעל תשוּבָה ווֶעט שטעֶהעֶן (דאָס
הֵייסט אִין גַן עֵדֶן אַף יעֶנעֶר ווֶעלט) ווֶעט אַפִילוּ קֵיין רעֶכטעֶר צַדִיק אַהִין נִיט דעֶר גרֵייכִין דאָרטִין צִי שטעֶהעֶן,
— ווַייל דעֶר ווֶעלווִילעֶ אִיז גִיוועֶזִין אַשׁמַדִילנִיק, האָט ער דעֶך תשוּבָה געֶטִיהִין, אַז ער אִיז הַיינט אַחָסִיד.

תֵּיכֶּף נָאךְ הַבְדָלָה אַוועֶק פָאהרִין קַיְין נִמִיעֶווקִי, סִיז קֵיינֶער נִיט גֶעבְּלִיבִּין אִין דֶערהֵיים, צִי אַזאַ זאַךְ, מִיז מֶען זֶעךְ אַיילֶען. —

מִיכְל עֶנטפֶערט הוֹיךְ אַלֶע זָאלִין הֶערִין, — אַדְרַבָּה, אִיךְ מִיז אַייךְ ר׳ וַויינוְוילֶע בֶּעטִין. אִיהר זָאלט מִיר מוֹחֵל זַיין, אִיהר הָאט נֶעבִּיךְ אִיבֶּער מִיר גִיהַאט עַגְמַת נֶפֶשׁ פִין דֶער שָׂרָהֶ, אַנַארִישִׁין וַוייבִּירשִׁין אַיינפַאל פִין אִיהר, וִיא אִיז אַפִילוּ נִיט קַיין נַאר, נָאר דָא הָאט וִיא זֶעךְ בַּאנַארִישט (אַלֶע שטֶעלִין זֶעךְ אַרִים מִיכלֶען, אַרָאד פִין חַסִידִים אִין אַפִילוּ דֶער קרֶעטשמַאר טאָדְרִיס מִיט זַיין וַוייבּ מֶענִי-רָאסִין הֶערִין צִי, דֶער רֶבִּי פִין אוֹיווין אָן, חָאטשֶׁע עֶר קִיקט קלָאמִירשט אִין זוֹהַר אַרַיין, הֶערט עֶר אִיטלִיכֶם וָוארט, ווָאס מִיכְל זָאגט) וִיא שָׂרָהֶ הָאט נִישט גֶעווִיסט, אַז חָאטשֶׁע אִיךְ בִּין דרַיי טָאג פַאר הָאש הַשָׁנָה אַוועֶק גִיפָאהרִין פִין לָאהָיָהפָּאלִי, הָאבּ אִיךְ מַיין אָפִּיצִיר קָאמִיסִינֶער חלִיעֶבַּאוו גִיבֶּעטִין, עֶטלִיכֶע מַייל פִין לָאהָיָהפָּאלִי עֶר זָאל אַף מִיר ווַארטִין פִינִיף טֶעג, וַוייל אִיךְ בִּין בַּיי נַאכט צִירִיק גִיפָאהרִין, מַיין כַּלָּה שֵׁיינצִי הָאט גֶעווִיסט ווִי אִיךְ וועֶל וַוארטִין אִין עֶק שטָאט אַף אִיהר, אִים וִיא צִי מִיר אַרוֹיס גֶעקִימִין, דָא הָאבּ אִיךְ וִיא אָנגֶעטִיהִין פַאר אַמֵיידִיל אִין אַטַאסקֶע גֶעטִיהִין מִיט פָּאטשט אַף אַגַאנצֶער נַאכט אַהֶער קַיין מֶעזִיבִּיז, אִין הָאבּ וִיא אָפּגִיגֶעבִּין צִי דֶער עֶהרלִיכֶער יוֹדִינֶע (עֶר ווייזט אַף פִינִין) אִיךְ הָאבּ אִיהר גִיזָאגט סִיז מַיין שווֶעסטֶער, וִיא הָאט דִי שווֶעסטֶער בַּיי זֶעךְ גִיהַאלטִין בִּיז אִיךְ בִּין בּ״ה צוּרִיק גֶעקִימִין בְּשָׁלוֹם, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבִּין אִינז גֶעווִינשִׁין פִין גָאט בָּרוּךְ הוּא, דֶערווַייל הָאבִּין דִי לָאהָיָהפָּאלִיר נִיט-קלִיגֶע גִילָאזט פְּדִיוֹנִין אִין אַוועֶקסִין לֶעכט צווֵיי מֶעת לֶעת בּרֶענִין, חַא חַא חַא, אַייךְ אִיז מֶען נֶעבִּיךְ אִימזִיסט נַארִישׁ אָנגִיפַאלֶען, לָאזט זֶעךְ אוֹיס, אַז שֵׁיינצִי אִיז טַאקֶע אִין מֶעזִיבִּיז גִיוועֶזִין, בְּשַׁעַת מֶען הָאט וִיא גֶעזִיכט אַפִין הִימֶעל, גֶעלוֹיבּט צִי גָאט אַז דוּרךְ מַיין מוֹפֵת הָאט שֵׁיינצִי גֶעפִינֶען אַטַאטִין מִיט אַמַאמֶען, (עֶר קֶעהרט זֶעךְ צִים רֶבִּין) רֶבִּי, מִיר דַאכט זֶעךְ סִיז אֵיוּשֶׁר צִי שִׁיקִין נָאךְ ר׳ ווֶעלוִוילֶען, עֶר אִיז דֶעךְ שֵׁיינצִים פָּאטֶער. —

דֶער גִיטֶער יוֹד טרַאכט אַמִינִיט אִין טִיהט אַמַאךְ צִי אַיין חָסִיד פִין דִי יוּנגִיטשקִי, — לֶעמִילֶע, הַאלץ, גֵעה קרוֹיץ, רִיפִין ר׳ ווֶעלוִוילֶען אַהֶער, נָאר עֶר זָאל דָארטִין עֶמִיצִין אַנדֶערש אִיבֶּערגִיבִּין דִי שְׁמִירָה פִין דֶעם פִישלִין. —

דֶער יוּנגֶער חָסִיד לוֹיכט, אַז דֶער צַדִיק שַׁאפט מִיט אִיהם, זָאגט עֶר, — אַז עֶס ווֶעט קֵיינֶער נִיט זַיין, ווֶעל אִיךְ בּלַייבִּין אַשׁוֹמֵר, אַבִּי ר׳ ווֶעלוִוילֶע זָאל אַהֶער קִימִין. — לֶעמִילֶע אִיז אַוועֶק גִיגַאנגֶען.

שײנצי ענטפערט אַף מיכלס פרעגן, — איך האַלט דאָס ספר דאָ בײַ מיר, נאַ, נעם, און גיבּס אָפּ, וואָס טויג דיר אָדער מיר, אַפרעמד ספר.

דאָס ערשטע מאָהל אַז שײנצי עפּינט דאָס מויל, און אַזוי שטעכּינדיק, אַז דאָס וואָלט נאָך אַגרעסערע טריוואָגע גיקאָנט מאַכן, ווען ניט דאָס זײער גרויסע שטערינטיכיל וואָס דאָס זײער שענע ווײַבּילע געהט אָנגעטיהן.

ר׳ גבריאל גיטילים האָט גיוואָלט אימיסנע פון עפּיס אַנדערש אָנהײבּן צו שמיעסן, כּדי מען זאָל אין יענים פאַרגעסן, פרעגט ער זאָגטשע ר׳ מיכל, איהר זענט דעך גיוועזן בײַ די מלחמות אין דײַטשינלאַנד צווישן די פראַנצויזן, נאָ האָט איהר בּרוך השם געלט-פאַרדיענט, פרעגט אײַך אַלע אינזערע לאהיהפּאָליר, וואָס איך האָבּ גיזאָגט (ער קעהרט זעך צים צדיק) רבּי, אַז איך זאָג אײַך, אַבּריה שלימה, מיר פלעגן זײַ צו ריפן — ר׳ מיכל דער מאַסקוויטירשער — ווײַל זײַ האָבּן גיטויגט צו די גרעסטע יעדנידאָלין, הײנט מיז ער טויגן צו די פראַנצויזן אפילו, זאָגטשע ר׳ מיכל, וועט איהר ווידער קימן צו מיר בּײַטן אַסיגנאַציעס? הײַנט איז גאָר אַנדערע מקחים, זאָגטשע, דעם נאַפּאָליאָנען האָט איהר גיזעהען? מען זאָגט דעך עפּיס אַווילדע בּריה, חאַ, ר׳ טוביה איהר האַלט דעך מיט נאַפּאָליאָנען.

ר׳ טוביה בּילענקע טיהט אַחסידיש גילעכטעריל, — חע חע חע, איך וועל שוין אויף הערן צו האַלטן איט מיט איהם איט, אַז ער האָט מיכלן גאָר דאָס געלט אַוועק גיגיבּן איט, און מיר איט ניט געשיקט חאָטשע אפראַנצויזיש זײַגיריל איט. — אַלע חסידים לאַכן פון דעם חריצישן ווערטילע ר׳ טוביה׳ס.

25.

זײַנווײַלע זעהט אויך דאָס גרויסע שטערינטיכיל און הערט, אַז זײַן בּאַלד ווערענדער שווער ר׳ גבריאל גיטילים חנפיט דעם מיכלן מיט אַלויבּיניש פאַרן צדיק, אפילו פון ר׳ טוביה בּילענקים ווערטילע ווײַזט אויס, אַז דער מיכל האָט דערטאַפּט בײַ דעם פראַנצויז אַגרידע גאָלד, און איז אַגרויסער עושר, מיז ער איהם חאָטשע אַבּיסיל חנפנין, זאָגט ער צו מיכלן, — האָט ניט פאַר איבּל ר׳ מיכל, וואָס דער שווער מײַנער ר׳ דוד מיט דער שוויגער זענין ניט אַף אײַער חתונה, זײַ האָבּן געמיזט

הוא איז ניט אזא עולה-טיהיר נייַן, נייַן, נאָר לאָם מיר דאָס אַוועק לעגין, פין ביידע צדדים, בין איך דער דריטער צד, איך נעם די שיינצי פאר אַווייב, אים זיא אַציגדער קיינימס — ניט, האָב איך דעם בעסטין פסק אַרויס געגיבין, איאָה מעני ראָסי, אַיאָה שרה. —

דעם רבין איז זויער געוואָרין אין מויל, אין אַלע חסידים וואָס דאָ אין שטיב שטעהען וואָלטין אפשר זעך שטאַרק געקריגט מיט דעם ר׳ יהיאל דעם פּאָדראַדשיק וואָס הייסט היינט יחיאל מיכל פין לאהיהפּאָלי.

נאָר דער ר׳ יחיאל מיכל קיקט אַף זיי ווי אַף קעץ, אין לאַכט גאָר, קיין עמי הארצישקייט האָט ער דאָ אויך ניט געזאָגט, דערצי דאָס זייער גרויסע שטערינטיכיל וואָס די שיינצי געהט אָנגעטיהין ווייזט אויס, אַז דער בחור מיז זיין זייער אַגרויסער עושר, דעריבער שווייגט מען.

איהר גידענקט — זאָגט מיכל צי ר׳ גבריאל גיטילים — אַז מאַרקעל שענקער האָט גיהאַט אַלץ אין קעהלער נאָך תשעה באב פאַר איאָהרין ביי אינז אין לאהיהפּאָלי דאָס בין איך גיוועזין, אַהין צי ר׳ מאַרקלען פלעגט די שיינצי מיט מיר זעך צים אויף קימין (ער לאַכט) חאַ חאַ חאַ, מיר האָבין קיין אַנדערע אָרט ניט גיהאַט ווי זעך צי זעהען צי שמיעסען צווישען זעך, חאַ חאַ חאַ, איך האָב מיט אַפּענטע פין אַפּערד געקלינגין, האָט מען מורא גיהאַט אין קעהלער אַראָפּ צי געהען מען זאָל אינז ניט זעהען, (ער קעהרט זעך צי שיינצין) ווי האָסט דיא הין גיטיהין דעם אַלטען זוהר? איך האָב דיך גיבעטין, דיא זאָלסט מיט דיר ברענגין דאָס ספר וואָס האָט גיהאַנגין אַף דער טיהר פינים קעהלער, אַרים האַלבי אלול האָב איך מיט איהר אויף גיהערט זעך צים אויף צי קימין, האָב איך דעם זוהר באַהאַלטין. —

פין די ווערטער, איז גיוואָרין צווישין די וואָס האָבין געוויסט פין דער מעשה מיט מאַרקיל שענקירס לץ אין קעהלער, אַשטילע טרעוואָגע אַשישקעריי, אַציהין מיט די אַקסלין.

דער רבי האָט ביי זעך געוויסט, אַז ער האָטיס גיגיבין דעם אַלטין זוהר, די לאַדיהפּאָליר האָבין גידענקט, אַז דאָס איז אין דער גאַנצער שטאָט גיוועזין אַגרויסער מופת, נאָר דאָס קליגקייט פין מיכלן, אַז ער דערמאָהנט דערביי ניט דעם נאָמין, האָט די טריוואָגע אַראָפּ גיפלאַטשט.

פארשלייען מיט . . . איך וויל ניט זאגן מיט ווען. אבער אלץ האבן ר׳ אהרן מיטן ווייב געטראכט די שיינצין ניט צו פארזארגן. איהר חתונה צו מאכן, שיינצי האט ויי געלט גיקאסט, און גרויס מיה האבן ויי מיט איהר גיהאט טאקע ווי גיטרייע פאטער און מיטער, זיא זאל גיוועזן זיין ביי דער אמתר מאמע און לייהוויער קרעטשמע ביי איהר, ביי מעני-ראסין מיט טאדריסין, וואלט זיא אוודאי ניט גיווארן די שיינצי וואס זיא איז היינט.

— פין דער אנדרער זייט, אהים אגרויסע עולה פין ר׳ אהרן שמש מיט שרהן, ווי זאגט מען ניט אקינד — דיא ביסט נישט אזוער איינין קינד, דיא האסט אמאמע מעני-ראסי, דעם ר׳ שנייער טוכסנם אטאכטער פין קאסניטין. — חס ושלום, די שיינצי וואלט גיקאנט ניט וויסין, און חתונה האבן מיט איין ברידער, ווי פיני האט אף מיר געטיינט (אקיק צו פינין) איאה פיני? אפשר האט דער שיינצים טאטע (אקיק צו שיינצין) ר׳ וועלווילע דער בריה אויהנדיל, שיינצי וואלט זייער גרינג גיקאנט נעהמין אזעליכין פאר אמאן, פארשטערט איהר ר׳ אהרן, פארשטערט איהר שרה צו וואס דאס וואלט גיקאנט ברענגין חלילה, אלץ נאר וויל איהר האט ניט אויסגיזאגט שיינצין, ווער זיא איז, איאה רבי. —

דער צדיק פארגלייסט מיט די אויגין (אלע קוקין אף איהם) — קודשא בריך הוא, היט אפ יודין פין שגגות, דעריבער האט וועלווילע קיין קינדער ניט, און די מעני-ראסי האט קיין קינדער נישט, וויל — אורייתא וקודשא בריך הוא חד הוא — זאגט דער זוהר הקדוש, גאט ברוך הוא האט אנגעשריבין אין דער תורה הקדושה אז אברידער טאר ניט נעהמין קיין שוועסטער, נא, דא וואלט דער גיקאנט טאקע ארויס קומין דער מכשול, ווי איהר ר׳ יחיאל מיכל זאגט, דעריבער האט קודשא בריך הוא גיהאלטין די תורה, אז ר׳ וועלווילע זאל ניט האבין קיין קינדער, און מעני-ראסי אויך ניט, אלע הערין און מיינען דאס איז וואיל גיזאגט. —

טיהט מיכל אשפעטישין לאך — חא חא חא, אט דער ר׳ ויינווילע קאן לערנין רבי, ער וועט אייך זאגין — וויל איך האב שוין לאנג קיין גמרא ניט גילערינט — ווי עס שטעהט, אז עס האט זעך יאה גיטראפין בשוגג, אז אברידער האט גינעהמין אשוועסטער, אחוץ דעם, איז בשום אופן גאר ניט גלייך אז ר׳ וועלווילע און ר׳ טאדריס זאלין ניט האבין קיין קינדער, וויל ר׳ אהרן שמש מיטן ווייב, האבן גיטיהין איין עולה, און שענצין ניט אויסגיזאגט, אז זיא האט פאטער און מיטער, גאט ברוך

ביז אַהער האָט ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק, בשעת דער מישענינע אין דעם געשריי אין דעם געוויינערײַ, אין דעם חלישערײַ, אַלץ גיהאַלטין זײַן פּנים, אַז די וואָס זעניִן שפּעטער (נאָך אַהרן שמש מיטן ווײַב) אָנגעקומין אַהער — זאָלין איהם ניט זעהען, אַפילו אַהרן שמש מיט שרהן האָבין ניט צייט גיהאַט איהם צו זעהען, אַצינדערט נאָך דעם רעש פּנים דערמינטירן וויא טאַדרים האָט איהם גיהאָלפין מעני־ראָסין צו שטעלין אַף די פיס, אַז ער זעהט, דער רבי דער צדיק קאָן זעך קיין עצה ניט גיבין, צווישין דער מאַמען מעני־ראָסי אין שרה דער שמשתא איין עק צו מאַכין טיהט ער זעך אַדרעה מיטן פּנים צים עולם, — שלום עליכם פּרנס חודש ר׳ טוביה שלום עליכם ר׳ זיינוויל, שלום עליכם ר׳ גבריאל שלום עליכם ר׳ אַהרן שמש מיטן ווײַב שרה, איך בין מיכל, (ער דרעהט זעך צים צדיק) רבי, מיכל איז אַף לשון קודש דער אייגינער נאָמין וואָס יחיאל, אַיאָה? איך האָב קיין ליגין, — ניט גיזאָגט. —

אַלע ווערין נבהל ומשתומם, די אַלע לאהיהפּאָליר לייט טיהן אַגעשריי — מיכל, חלעבין, מיכל, חלעבין, וואָס טיהסט דיא דאָ. —

מיכל (אָדער ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק איז דעך אַצינד אַלץ איינס) קעהרט זעך צים רבין אין רעט מיט חשק, — רבי כל זמן דאָס ווייביל אָדער דאָס מיידיל — פרעגט ר׳ אַהרנס ווייב וועט זיא אייך זאָגין, אַז זיא מעג הייסין מיידיל, אין ווייביל אויך — שיינצי האָט ניט גיהאַט צו וועמין צו קעהרין, וואָלטין זעך די ביידע ווײַבער גידאַרפט צו קריגין איבער איהר, אפשר וואָלט ר׳ אַהרנס ווייב גירעכט געבליבין, ווײַל אַמאַמע וואָס גיבט אַוועק אַקליין זייגינדיק קינד, אין האָט חתונה, מעג אפשר אויף הערין צו הייסין דעם נאָמין — מאַמע — זיא ר׳ אַהרנס ווייב האָט שיינצין ווי זיא ריפּטים, אויף גיהאָוועט, אין גיפּאָקט אין גימאָזילט האָט דאָס מיידילע ביי זיי, מעגין זיי אָנריפין אינזער שיינצו — קינד — דעם נאָמין קינד האָב איך פון זיי קיין מאָהל ניט גיהערט, זיי האָבין שיינצין גילאָזט ביי מיר לעהרנין לעינין אין שרײַבין, זיי האָבין מיט איהר אַשודך געטיהין מיט מיר איך בין גיוועזין איהר רעכטער חתן, דער נאָך איבער אַנאַרישקייט, אין ר׳ . . . דעם . . . . . רבם שווינדלערײַ, האָט מען מיך גימאַכט פאַר אוים חתן, דערווידער גאָט אין דער ווידער זיין גיבאָט, האָט מען נעמיך די שיינצי מיט גיוואַלד פאַר שלייערט (ער קעהרט זעך צו זיינווילען) דאָ האָט איהר ר׳ זיינווילע גיאַרביט אַף אַלע זייטין, ר׳ אַהרן מיטן ווײַב זאָלין זיא

פִינִיף קֵיין קִינדֶער נִיט גִיהַאט, הָאט זִיא אוֹיךְ אָנגִיהוֹיבִּן צִי בֶּענקִין, זִיךְ דִיא שָׂרָהֶ, זִיךְ דִיא שָׂרָהֶ, נִיסט דָא, אִיךְ הָאבּ אַייִנגִיספַּאנט אַפֶּערד, אִין בִּין גִיפָאהרִין פרֶעגִין ווִי דִי יוֹדִינֶה שָׂרָהֶ אִיז, נִיסט דָא שָׂרָהֶ, נִיסט דָא דָאש קִינד, — פרָאפַּאלֶע — זָאגט דֶער פָּאוֶער.

מֶענִי-רָאסִי רֶעט ווִידֶער, אִין בּרֶעכט דִי הֶענט מִיט אַגִיווַייגֶערַיי — ווִי דֶער פָּאווֶער זָאגט אַספּרִיךְ ווָארט לְהַדִיל אַתּוֹרָהֶ — פרָאפַּאלֶע יַאק סָאבַּאקַא נַא יַאמִירָאק, — אַלֶע הֵייבִּין אָן צִי לַאכִין פִין דֶעם קרֶעטשמַארִישֶען מָשָׁל.

מֶענִי-רָאסִי אִיז זֶעךְ מֵיִשִּׁיב אִין ווִיל שׁוֹין ווַייטֶער נִיט רֶעדִין צִים צַדִיק, זִיא פַאלט צִי צִי שֵׁיינצִין צִים שֶׁענִים ווַייבִּילֶע קִישִין אִין הַאלִזִין — מַיין קִינד, דִיא בִּישט בַּיי מִיר גִילִיגִין אִינטֶערן הַארטשִין אִיךְ בִּין דַיין מַאמֶע, מַיין הַארטש, מַיין נְשָׁמָהֶ, מַיין לֶעבִּין קִים מִיךְ מַיין סֵיינצִי. — (זִיא בּלַייבּט חַלִישִין, אִין פַאלט אַנִידֶער אַזוֹי גרוֹיס ווִי זִיא אִיז אַף דֶער עֶרד אִימִיטִין שְׁטִיבּ).

דֶערווַייל אִיז דֶערְ ר׳ טוֹבִיָהֶ בִּילֶענקִים אִין ר׳ גַבְרִיאֵל גִיטִילִיס, אִין זַיינווִילֶע, אִין אַדִין, אִין אַחַזְן, אִין צווַיי שַׁמָשִׁים אִין נָאךְ יִידִין אָנגֶעקִימִין אַהֶער, דִי ווָאס זֶענִין עֶרשט גֶעקִימִין פִין אַלֶעם ווָאס דָא הָאט זֶעךְ דִי נַאכט אִיבֶּער גֶעטִיהִין, אִין ווָאס עֶס טִיהט זֶעךְ.

ווִי פרִיהר ווֶעלווִילֶע דֶער בְּרִיָהֶ, אַזוֹי הָאט ר׳ יחיאל דֶער פָּאדרַאדשִיק מִיט קַאלט ווַאסֶער גֶעמִינטֶערט אִין דֶער-מִינטֶערט דִי מֶענִי-רָאסִין.

אַהרן שַׁמָשׁ מִיטְן ווַייבּ שָׂרָהֶן, זֶענִין אַלֵיין צִי גִיגַאנגֶען צִים צַדִיק מִיט דִי ווֶערטֶער — יָאה רֶבִּי, סִיז מְשׁוּנֶה אֶמֶת עֶסִיז אִיהר טָאכטֶער זָאגט אַהרן שַׁמָשׁ, — אֶמֶת רֶבִּי, אִיךְ הָאבּ מְחִילָהֶ בַּיי אִיהר, בַּיי מֶענִי-רָאסִין גִינֶעהמִין דָאס קִינד, אָט דָאס שַׁיינִינדִיקֶע ווַייבִּילֶע שֵׁיינצִין — זָאגט שָׂרָהֶ דִי שַׁמָשׁתֶּע, — מִיר זֶענִין אַרוֹיס פִין קָאסנִיטִין, פִין יַאמפִּילֶע דֶערנָאךְ, מַיין מַאן אַהרן אִיז גִיווָארִין אִין לַאהִיהָפָּאלִי בֵּית מֶדרֶשׁ שַׁמָשׁ, מִיר הָאבִּין דָאס קִינד לִיבּ גִיהַאט מִיר הָאבִּינס אוֹיס גִיחָאווִיט, מִיר הָאבִּינס מְחִילָהֶ גִיהַאלטִין פַאר אִינזֶער קִינד, אִיהר רֶבִּי ווַייסט דֶעךְ ווִיא אִיךְ הָאבּ אַייךְ מְחִילָהֶ דֶעקִיטשִׁיט ווֶען זִיא אִיז פַארלוֹירִין גִיווָארִין, אִין אִיהר רֶבִּי הָאט בַּאווִיזִין אַמוֹפֶת מְחִילָהֶ, אַז זִיא הָאט זֶעךְ טַאקֶע בַּיי אַייךְ אִין שְׁטִיבּ אָפּגֶעזִיכט, מַיין מַאן אִין אִיךְ מְחִילָהֶ הָאבִּין גָאר פַארגֶעסִין אוֹיבּ סִיז אַפרֶעמד קִינד, אִינזֶער שֵׁיינצִי אִיז גִיווָארִין מְחִילָהֶ טַאקֶע אִינזֶער שֵׁיינצִי. —

שלאָגט אייך נישט, פּע, איהר זענט דאָ ניט אין קיין קרעטשמע, דאָ זיצט עמיצער (ער ווייזט אַפין צדיק) ער וועט אויסהערין וואָס איהר זאָגט, מיר אַלע זענין יודין, מיר וועלין הערין, וואָס אין וועך, פּע, שלאָגין איך שרייען, פּע זאָגט וואָס איהר האָט צו זאָגין. —

דער קרעטשמאַר טאָדריס האָט אַראָפּ גילאָזט די האַנט, נאָר די קרעטשמאַרקע האָט געוויינט אין געשריגין פאַרין גוטין יודין מיט אַביטער קול, עס האָט געריסין ביים האַרצין, זיא צו צוהערין.

רבי, אַז איך האָב מיך גיגעטין מיט דעם וועלוויל מח סמוניק, האָב איך אייך דערטשעהלט, אַז איך בין גיוועזין מעוברת, מיין טאַטע נעביך עליה סלום איז גיסטאָרבין ווען איך בין ציקינד גיגאַנגען זאָל ער זעך מיחין, מיין טאַטע עליה סלום האָט גיהייסין ר' סנייער דער מוּקשין אין קאָשניטין, וואָס סווייגשט דיא טאָדריש? איך האָב קיין כּוח ניט. —

טאָדריש קרעטשמאַר דערצעהלט דאָס איבּריקע, — פאַרסטעהט איהר רבי, דעריבּר האָט מען דאָס מיידילע אַנאָמין גיגיבין אין סיל סיינטשי, נאָכין סווער עליה סלום טאַקע, זיא מיין ווייב מעני ראָשי האָט ניסט גיזייגט דאָס מיידילע. —

מעני-ראָסי האָט זעך אָפּגעריהט אַביסיל קאָן זיא ווייטער שרייען, אין רעט מיט העגטברעכיניש אין גיסט מיט טרעהרין — פּינים הויף האָט מען אַלטש אַוועק גינעהמין ווייל דער טאַטע איז גיוועזין אַבעל חו, די מאַמע האָט נאָך גילעבּט, אָרים אָן אַסטיקיל ברויט, האָט די מאַמע גיפרעגט אַסאלה, האָט מען גיזאָגט, טאָדריש זאָג דיא, דיא בישט אַמאַנטשביל. —

טאָדריס דערצעהלט ווייטער — האָבּין די דין הורש גיזאָגט, זיא מעג מיך נעהמין, ווייל מיין יענטש ווייב האָט אַמישה מסונה איינגינעהמין.

דאָש קינד רבי — שרייט אין וויינט מעני ראָסי — האָט ביי מיר די יודינה פּאַר מטשוה גינעהמין, זיא שרה איז אויך אַקאָשניטנירין, זיא האָט מיר צו גיזאָגט מיר נאָך צווייי יאָהר מיין קינד אָפּציבּרענגין, איך האָב גינעהמין טאָדרישין, ער האָט מיין מאַמע אויך צו זעך גינעהמין קיין לייחיוּעַ, די מאַמע, איז צים יאָהר גיסטאָרבּין, ווייל זיא האָט גיבּענקט נאָכין סיינינדיקין קינד, — (זיא וויינט אין חליפּיט, דעריבּער קאָן זיא ווייטער ניט רעדין).

הייבּט ווידער טאָדריש אָן, — מיין ווייב האָט איאָהר טשווי דריי פיר אין

24.

ווִי בַּאַלד מען האָט גִיהֶערְט אָנקִימִין דעם עוֹלָם, האָט ר׳ יְחִיאֵל דער פּאָדראַדשִׁיק זעך אַחאַפּ געטִיהִין אִין אַלקִיר אַרַיִן, אִין דאָס שענע ווײַבּילע — האָט מען גִיזֶעהֶען — אִיז אוֹיף גִישטאַנִין פִין אִיהר בּענקִיל, דאָס האַרץ האָט זעך אִין אִיהר געוואָרפִין, וִיא אִיז זעהר אִימִרִיהִיק געשטאַנִין.

אַרַיִין געקִימִין אִיז אַהרן שַׁמָשׁ דער לאָהִיהָפּאָלִיר שַׁמָשׁ, מִיט זַיין ווײַבּ שָׂרָהן צִים אַלִים ערשטִין, ווִי זֵיי האָבִּין דערזעהען דאָס ווײַבּילע זענִין זֵיי בּײדע אַרוֹיף גִיפאַלִין אַף אִיהר, אִין דאָס ווײַבּיל האָט בּײדע אַרִים גִינעהמִין מִיט בּײדע הענט, סִיז גִיוואָרִין אַפרעהלִיך גִישרײ אִין אַגעוויין מַחמַת שִׂמחָה.

שײנצִי, דִיא בִּיסטעס — האָבִּין זֵיי געשרִיגִין, — טאַטוֹנאָ מאַמאָניאָ — האָט זִיא געשרִיגִין, — אִינזער שײנצִי — האָבִּין זֵיי מִיט אַפרעהלִיך וויינִינדִיק קוֹל געשרִיגִין, זִיא האָט געהלִיפִּיט — יאָה טאַטוֹנִיאָ מאַמאָניאָ, — בִּיסט דִיא טאַקע בּײַם צַדִיק אִין שטִיבּ? מִיר האָבִּין דעך טאַקע דאָ ווִי דער רֶבִּי דער צַדִיק האָט מִיר געזאָגט, אִיךְ זאָל מִיךְ נִיט זאָרגִין — שרײט שָׂרָה דִי שַׂמשתֶה, אַקִישערַיי, אַהאַלזערַיי, אַפרייד אַשמחה, עטלִיכע מִינִיטִין האָט דאָס גִידוֹיערט.

אַלע קִיקִין, ווִי דער רֶבִּי האָט הַנָאָה, אַז דאָס ווערט אָנגִינעהמִין פאַר אַמפּת, אִיז חאָטשע דאָס, פאַר דער הײַנטִיקער נאַכט פִין סאַמע שטִימפִּין.

מִיט אַמאָהל פאַלט אַרַיין דִי קרעטשמאַרקע מענִי ראָסִי מִיט אִיהר קוֹל, — וואָש? דִיא בִּישטִיש שָׂרָה? דִיר האָבּ אִיךְ גִיגִיבִּין מײַן סײַנִינדִיק מײדִילע, טאַקע סײַנטשִׁי האָטִיש גִיהײשִׁין, אִיךְ זִיךְ דִיךְ, אִין זִיךְ דִיךְ, אַפִין גאַנטשִין סלִיסִיל, אַחְבֶּראָסטע, גִיבּ מִיר אָפּ מײַן סײַנִינדִיק קִינד, טאָדרִיש, וואָש סווײַגשט דִיא? דאָש אִיז דִיא יוֹדִינע שָׂרָה וואָש אִיךְ זִיךְ. —

אַלע בּלײַבִּין ווִי פאַרגלִיווערט שטִיל שווײַגִין, אַהרן שַׁמָשׁ אִין שָׂרָה זענִין געבּלִיבִּין שטִים ווִי דִי העלצער שטעהען, דער גִיטער יִיד אוֹיך.

טאָדרִיס דער געזִינטער קרעטשמאַר, הײבּט אוֹיף דִיגעזִינטע האַנט, דער שַׁמשתע שָׂרהן אַזעץ צִי טִיהִין, וואָלט ער זִיא גִיקאָנט דער הַרְגֶנִין.

דִי מַעֲרָכָה אִיז, אַז ר׳ יְחִיאֵל דער פּאָדראַדשִׁיק אִיז אַרַיין געשפּרִינגִין פִינִים אַלקִיר ער אִיז אוֹיך נִיט קײַן שלאָפער, ער צעשפּרײט זִיךְ, אִין רעט שאַרף — שרײַט נִיט,

וִיא אִין דֶער פִינצטֶער אוֹיסגֶעטִיהְן דֶעם צָאפּ, אִין אָנגֶעטִיהְן דֶעם שלֵייעֶר מִיטְן שטֶערִינטִיכִיל, חלֶעבִּין אַמלָאכָה, (דָאס שֶענֶע וויַיבִּילֶע שמֵייכִילט ווִידֶער) אַצִינדֶערט שטוֹיס אִיךְ מִיךְ, אִיבֶּער דֶעם הָאט דַיין אָנטִיהְן אַזוֹי לַאנג גֶעדוֶיערט אֶפשֶר אַשָעה, (דָאס וויַיבִּילֶע לַאכט צֶעכטִיק).

ר׳ יְחִיאֵל דֶער פָּאדרַאדשִיק אַז עֶר קִימט צוּרִיק אִין שטִיבּ אַרַיין, גֶעהט עֶר צִי צִים גִיטִין יוּדִין — דָא הָאט דִי עֶהרלִיכֶע יוּדִינֶע פִּינִי גֶעזָאגט אַז אִיךְ מִיט דֶעם וויַיבִּיל זֶענִין שוועֶסטֶער אִין בּרִידֶער, אִיךְ הָאבּ גִיזָאגט — נֵיין — אִין הָאבּ גִיטַענהִיט, אַז סִיז נָאר אִימִיסנֶע גִיוועֶזִין וואָס אִיךְ הָאבּ גֶעטִיהִין ווִי אִינזֶער טַאטֶע אַבְרָהָם, אִיהר צִי זָאגִין פַאר עֶטלִיכֶע חֳדָשִים — עֶסִיז מַיין שוועֶסטֶער — אִיהר רֶבִּי קָאנט מִיךְ נִיט, דָאס עֶרשטֶע מָאהל, אַז אִיךְ בִּין בַּיי אַייךְ אִין שטִיבּ. —

דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעשִיקט אַייעֶר מֶענש, אַהעֶר בּרֶענגִין עֵדוּת, אַזֶוינֶע עֵדוּת וואָס אִיהר רֶבִּי, אִין דִי אַלֶע מֶענשִין וואָס זֶענִין דָא קָאנֶען זַיי.

דִי עֵדוּת ווֶעלִין אַייךְ זָאגִין, ווֶער דָאס וויַיבִּיל אִיז פִין דֶערהֵיים, ווֶעט אִיהר ווִיא אוֹיךְ קָאנִין, אַז זִיא אִיז נִיט מַיין שוועֶסטֶער (עֶר קֶעהרט זִיךְ צִי פִּינִי דֶער ווִיצִירקִי) אַז אִיהר וֶועט דָא ווַארטִין אַבִּיסִיל, ווֶעט אִיהר ווִיסִין דֶעם אֱמֶת, אִין ווֶעט מֶעגִין זַיין אַף אִינזֶער חוּפָּה. —

אַלֶע הֶערִין אִין פַארווִינדֶערְן זִיךְ זֵייעֶר, אַפִילוּ טָאדרִיס אִינִים בּרִישלַייק, אִין זַיין וויַיבּ מֶענִי-רָאסִי שטֶעהֶען ווִי אָנגִיקָאוִויט צִי זֶעהֶען דֶעם סוֹף.

ר׳ יְחִיאֵל דֶער פָּאדרַאדשִיק רֶעט ווַייטֶער, — אֵיין זַאךְ ווִיל אִיךְ אַייךְ רֶבִּי בֶּעטִין, בְּשַעַת דִי עֵדוּת ווֶעלִין אָנקִימִין, זָאל אִיךְ אַף עֶטלִיכֶע מִינִיטִין אַוועֶק גֶעהֶען אִין אַלקִיר אַרַיין, אִיךְ ווֶעל עֶרשט דֶער נָאךְ אַרַיין קִימִין, אִיהר ווֶעט אַלֵיין זָאגִין, אַז סִיז רֶעכט אַזוֹי, דֶערווַייל בֶּעט אִיךְ, צִי הֵייסִין דֶער עֶהרלִיכֶער יוּדִינֶע פִּינִי אִין מַיין כַּלָה זִיךְ זֶעצִין, אֶפשֶר ווֶעלִין דִי עֵדוּת נִיט אַזוֹי גִיךְ קִימִין, — (עֶר ווַארט נִיט בִּיז דֶער צַדִיק ווֶעט הֵייסִין, עֶר שטֶעלט בֶּענקלִיךְ, אִין פִּינִי מִיטְן שֶענִים וויַיבִּילֶע זֶעצִין זִיךְ.)

מֶעזִיבִּיז חָאטשֶע אַגרוֹיסֶע שטָאט, אִיז פָארט נִיט אַזוֹי גרוֹיס ווִי פֶּעטֶערבַּארג, דֶער מְשוּלָם דֶעךְ, אִיז שוֹין גֶעקִימִין פַארדֶעכְטֶעט פַארסַאפִּיט צוּרִיק, אִין אִיז צִי גִילָאפִין זָאגִין דֶעם ר׳ יְחִיאֵלִין שטִיל אִין אוֹיעֶר אַרַיין (אַזוֹי ווִי מֶען הָאט גִיקָאנט הֶערִין) צווַיי נָאר זֶענִין אַוועֶק גִיפָאהרִין תֵּיכֶף נָאךְ הַבְדָלָה, דִי אִיבֶּרִיקֶע, אִין דָאס קלַאפֶּער גֶעצַייג, ווֶעט אִין אַפָאר מִינִיטִין דָא זַיין אִין גַאנצִין. —

ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק זאָגט ווייטער צו פּינין — איהר פּיני וועט דאָ גיוואהר ווערין נאָך עפּיס. מיין כּלה הייסט גאָר ניט — פּרימה, — איהר וועט שפּעטער וויסין ווי זיא הייסט בּיי איהר נאָמין, נאָר וויל זיא איז פרים אין ערליך, האָבּ איך איהר דערוויל דעם נאָמין גיגיבּין. —

אַלע הערין, אין געהען גאָר אויס פאַר פאַרווינדירינג, אַפילו די קרעטשמאַרקע מעני-ראָסי מיטן מאַן טאָדרים האָבּין זיך אַריין געשטיפּט צו דער שוועל, צו צו הערין די ציקאַווע זאַך.

ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק געהט פין דער שטיבּ צו דעם גיטין־יודינס לייבּמענש וואָס זיצט פין יענער זייט טיהר, יענער איז זיצינדיק אַנטשלאָפין גיוואָרין, הערט מען אין שטיבּ ווי דער פּאָדראַדשיק וועקט איהם אויף מיט געלט גיבּין — נאַט אייך, איהר האָט די מעשה ליבּ, נאָר איהר מוזט מיר אַף דער מיניט אַגיכין געה טיהין, מיטן לאַמטערין, (שטילערהייט רעכינט ער איהם אויס עטליכע מענשין בּיי די נעמין, אין אָן נעמין) איהר זאָלט זיי אויף וועקין אויבּ איהר וועט זיי געפינען שלאָפין, אין אַלע אַהער צים רבּין בּרענגין צו טאַסקין, מיט דעם גאַנצין קלאַפּער געצייג, היהרט אייך, אין אַז איהר וועט מיר די אַלע מענשין, מיט די כּלים בּרענגין אין אפּערטיל שעה זאָלין אַלע, אין אַלץ, דאָ זיין אין שטיבּ, גיבּ איך אייך נאָך פיר ווייסע גילדין, אַנאָ ריהריוודיק, גיך אין גישווינד גיגאַנגען, געטיהין, אין אַהער גיבּראַכט. —

אין שטיבּ הערט מען, אַז דער משולם-דעך איז שוין אַוועק גיגאַנגען פין דער טיהר, אין ר׳ יחיאל איז צוריק אַריין געקימין אין שטיבּ.

בּשעת ר׳ יחיאל האָט אין הויז גיהאַט צו טיהין מיט משולם-דעך, זאָגט פּיני די זיצירקי — זיא האָט הנאה גיהאַט, וואָס דער רייכער פּאָדראַדשיק ר׳ יחיאל האָט זיא געלויבּט פאַר איין ערליכער יודינע — שקאָדאַ צו זאָגין רבּי, דאָס ווייבּיל מעג טאַקע הייסין — פּרימה — צעכטיק אין שטיל ווי אַטויבּ, איהר קול האָט מען ניט גיהערט, איהר פּיס איז ניט אַרויס געקימין אַף דער גאַס זינט זיא איז בּיי מיר גיוועזין, בּיז דעם ערב שבּת שפּעטליך, אַז ר׳ יחיאל איז געקימין צו מיר אין שטיבּ אַריין מיט די נייע מלבּושים וואָס ער האָט איהר גיבּראַכט, זענין בּיידע אַרים געגאַנגין דרויסען, אין האָבּען צווישען זיך געשמיעסט, אַלע מלבּושים האָבּ איך גיזעהען, נאָר פּינים שטערינטיכיל האָבּ איך ניט געוויסט, מן הסתם האָט זיא דאָס צירינג אַרים זיך באַהאַלטין, (דאָס שיינע ווייבּיל שמייכילט) ערשט אַפין וועג געהענדיק אַהער, האָט

אִיהר ווייסט, אַז אִינְזֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַף זַיין ווייבּ שָׂרָהן פִין אַנוֹיט ווֶעגִין גֶעמִיזְט זָאגִין זִיא שָׂרָה אִיז זַיין שווֶעסטֶער. אַיְאָה, הָאבּ אִיךְ אַף מַיין כַּלָּה פַאר אַחוֹדֶשׁ דרַיי גֶעמִיזְט דֶער עֶהרלִיכֶער יוֹדִינָה פ׳ינְיְן זָאגִין, אַז דָאס אִיז מַיין שווֶעסטֶער. אִיךְ הָאבּ די כַּלָּה מַיינֶע גֶעמִיזְט שטִילֶערהַייט אַהֶער בּרֶענְגִין, אִיבֶּער אַטַעם וואָס אִיהר ווֶעט שפֶּעטֶער מִיט עֶטלִיכֶע מִינִיט פִין מִיר הֶערִין. —

אִין מֶעזִיבּוּז הָאבּ אִיךְ אִימִיסְנֶע מִיר אָפּגֶעקלִיבִּין די יוֹדִינֶע — פ׳ינִי די עֲגוּנָה — ווי מֶען הָאט זִיא גֶערִיפִין, ווַייל זִיא ווָאוִינט גָאר אַלַיין אִין אִיהר שטִיבִּילֶע, קֵיינֶער קִימט אַהִין נִיט, אִיךְ הָאבּ מַיין כַּלָּה בַּיי אִיהר אָנגֶעדִינְגִין אַף אַהאַלבּ יָאהר קֶעסט, אִין הָאבּ תֵּיכֶף מְזוּמָן גֶעצָאהלט אַפִּיפְצִיקֶער אַסִינְגַאצִיעס, אַיְאָה גֶענִיג, אַזאַ אָרִימֶע יוֹדִינֶע הָאט אַזוֹי פִיעֶל גֶעלְט מִיט אַמָאהל גִידַארפט צוּ אִיהר מַשָּׂא וּמַתָּן.

נָאר אֵיין תְּנַאי הָאבּ אִיךְ מִיט דֶער עֶהרלִיכֶער יוֹדִינָה גִיהַאט, אַז זִיא זָאל קֵיין מָאהל מַיין כַּלָּה נִיט שִׁיקִין עֶרגִיץ, ווַייל אִיךְ הָאבּ גִידַארפט, אַז קֵיינֶער זָאל זִיא נִיט זֶעהֶען, אִין מֶען זָאל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט קָאנִין גִיווָאהר ווֶערִין, אַז זִיא אִיז אִין מֶעזִיבּוּז. —

אַשֶׁעֶנִים דַאנק אַיְיךְ גִיטֶע עֶהרלִיכֶע פ׳ינִי, אִיךְ ווֶעל אַיְיךְ אַמַתָּנָה אַחוּץ שֶׁענְקִין דֶערפַאר, וואָס אִיהר הָאט אַזוֹי גֶעפִּילֶעוִוט מַיין כַּלָּה, אִין הָאט גִיהַאלטִין דֶעם סוֹד בֶּעסֶער פִין אַלֶע חֲסִידִים, אִיהר זֶעהט, אַז גָאט בָּרוּךְ הוּא הָאט אוֹיךְ אַיְיךְ אַשְׂכַר גִיגִיבִּין, אִיהר הָאט דָורְךְ אִינְז, אַיְיעֶר מַאן אָפּגֶעזִיכְט, — (דֶעם פְרִימִין חַאפּ הָאט ר׳ יְחִיאֵל גֶעמִיזְט טִיהִין, ווַייל עֶר הָאט אַשטַארקִין לַייפּ גֶעטִיהִין די חֲסִידִים).

דָאס וואָס מַיין כַּלָּה אִיז בַּיי אַיְיךְ פ׳ינִי גִיוועֶזִין אָנגֶעטִיהִין ווי אַמַיידִיל? אִיז אוֹיךְ גִיוועֶזִין אַקוּרָאט ווי דֶער טַעַם, פַאר וואָס אִיךְ הָאבּ גֶעמִיזְט זָאגִין זִיא אִיז מַיין שווֶעסטֶער, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט מֶעגְלִיךְ זַיין עֶמִיצֶער זָאל זֶעךְ שטוֹיסִין אַז זִיא גֶעפִינְט זֶעךְ אִין מֶעזִיבּוּז, דֶעם צָאפּ וואָס זִיא אִיז גִיגַאנְגִין, דָאס אִיז פְרֶעמְדֶע הָאר, פִין אַיין אָפּגִישוֹירִינֶער כַּלָּה, זִיא אִיז אַווַייבִּיל, אַיְאָה רֶבִּי, אַווַייבִּיל מֶעג אִין פְרֶעמְדֶע הָאר גֶעהְן, עֶס אִיז בְּפֵירוּשׁ אַמִשְׁנָה אִין שַׁבָּת, מַיין כַּלָּה אִיז אַווַייבִּיל, — אַלֶע פַארגַאפִין זֶעךְ, אִין פַארווִינְדֶערְן זֶעךְ זֵייעֶר.

דֶער צַדִּיק עֶנטפֶערְט, — יָאה עֶס שטֶעהט אַזוֹי אִינִים פֶּרֶק — בַּמֶּה אִשָּׁה יוֹצְאָה — אִין מַסֶּכְתָּא שַׁבָּת, אִין דֶער מִשְׁנָה, נָאר יוֹדִין זֶענִין נִיט נוֹהֵג. בְּדִיעֲבַד אַבֶּער, אִיזִיס נִיט קֵיין גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, נָא ר׳ יְחִיאֵל.

מיז דעך דאָ עפּיס זיין, אין חאָטשע איין גיטער יוד זאָגט ניט אַרויס, איז ער אַמענש וואָס וויל זייער וויסען, ווי קומט אַזאַ רייך ווייבּיל, צו איין אָרימער זיצירקע?

חאָטשע מען הערט נאָך פּינים אַלקיר, אַז די קרעטשמאַרקע מעני-ראָסי איז נאָך מיטן מאַן טאָדרים ניט אַוועק גיגאַנגען, נאָ וועלין זיי מן הסתּם באַלד געהען, לעת עתּה איז שטיל אין שטיב, די חסידים וואָס דרעהען זעך אַרום, בּלייבּען אַלע שטעהען אויס גישטשעריט די אויגין צו־צו זעהען וואָס דאָ וועט ווערין, דעם צדיקס אייניקליך שטעהען אַף דער שוועל פּינים אַלקיר אין שטיב אַריין גלאָצינדיק אַף דעם לויכינדיקין ווייבּילע מיט דעם זייער גרויסין שטערינטיכיל, אין דאַנקין גאָט, אַז מען האָט דעם פּעטין ירושלמי אַרויס גיפּטרט, וועט מען דאָ הערין אין זעהען וואָילע זאַכין.

ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק וואַרט ניט בּיז דער גיטער יוד וועט אָנהייבּין, געהט ער צו צום טיש מיט חשק, — מיין אָנהייבּ אַף דער פּילער וואָך, איז אַף להכעיס עפּיס ניט זייער גיראָטהין רבּי, סיז גאָר ניט גאָלד גיוועזין, דאָס וואָס אייך האָט זעך געוויזין פאַר ריין גאָלד, נאָר לאָם מיר דאָס אַוועק לעגין, אין לאָם מיר שמיסין פּון מיין מופת, אָט דאָס ווייבּיל האָבּ איך געמיינט, מיט דער וויל איך התונה האָבּין, דאָ בּיי אייך זאָל זיין די חופּה היינט אַף דער נאַכט. —

— ניין — טיהט אַהויכין גישריי פּיני די זיצירקי, מיט אַזעץ זעך אין קאָפּ אַריין מיט בּיידע הענט — ניין רבּי, איך וויל מיין נשמה ניט פאַרקויפין, וועה אין אָך איז די יאָהרין רבּי, סטאַטש אַבּרידער זאָל וועלין נעהמין זיין שוועסטער, מישטענז גיזאָגט די וועלט וועט דעך איינפאַלין, ווי טאָהר מען, גיוואַלד וועל איך שרייען, אַבּרידער זיין שוועסטער, ניין, מען טאָהר ניט, מען טאָהר ניט, אין איהר רבּי וועט דאָס דערלאָזין, חלילה. —

אַלע אויגין קוקין אַף ר׳ יחיאל דעם פּאָדראַדשיק אין אַף דעם שענים ווייבּיל, עפּיס געשיקט זעך ניט, דער בּרידער זאָל וועלין נעהמין זיין שוועסטער.

ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק טיהט אַלאַך, — חאַ חאַ חאַ, שלאָגט אייך ניט אין קאָפּ אַריין, אין שרייט ניט, פריהר האָט איהר אייך געשריגין אין זיא גערופין מכשפה אים זיסט, איך האָבּ אייך צו גיזאָגט, אַז בּאַלד וועט אייך ניט קשה זיין אַף דעם פאַרוואָרפיניש, אַצינדערט זאָג איך אייך, אַז אייך וועט בּאַלד, נאָר אַפּאָר מיניטין זאָלט איהר שווייגין, וועט אַלץ ניט קשה זיין, (ער קעהרט זעך מיטן פּנים צום גיטין־יודין.

ווייסט יונגער מאַן, דער פישיל אַז ער איז יונג גיוועזין אין באַרדיטשיב האָט ער זעך אַף חתונת גיקאָנט גיט פאַרשטעלין פאַר אַבעטליר, אין פאַר אַגלה, אַחשורוש שפיעל האָט ער אויך גיקאָנט מאַכין, אַלע שפילניקים פלעגין זעך ביי איהם לערנין, יאָה יאָה, רבי (זאָגט זיא צים רבין) גאַנץ באַרדיטשיב ווייסט דאָס, עסיז תמיד גיוועזין אַפאַרשלעפּטע קרענק. — אַלע לאַכין ווידער.

דער צדיק ריפט צי וועלווילען דעם בריה, אין זאָגט אויך צי איהם פיני די ויצערקי זאָל אויך הערין — נעם דיא וועלווילע קרוין מיט ר׳ איסרן קרוין דעם פישלען, פיהרט איהם צי אייך אַהיים, לאָז ער ביי אייך נעכטיקין, מאָרגין אי״ה וועט איהר איהם אָפּ פיהרין צי די דינים, זיי זאָלין עקין צווישין זיי על פי דת תורתינו הקדושה, (דערביי טיהט ער אַחסידישען רבישין רחמנית פרימען קרעכץ) געהט ביידע מיט איהם. —

וועלווילען איז וועה אַוועק צי געהען, ניט צי וויסין ווי דאָ וועט זעך עקין מיט דעם פּאָדראַדשיק ר׳ יחיאלין, נאָר, אַז דער רבי ריפט איהם — חאָטשע דאָס ערשטע ווייב האָט אַף איהם אויסגעזאָגט וואָס ער איז אַשמדילניק — ר׳ וועלווילע קרוין — איז ער דעך ווייטער חשוב, טיהט ער מיט חשק אַנעם דעם פישלין דעם פאַרשטעלטין ירושלמי, אַחאַפּ, אין ר׳ איסר קרוין העלפט, דעם גראָבין פעטין בחור אַרויס פיהרין פין דאַנין, אין פיני די ויצערקי האָט הנאה, אַז דער רבי האָט צוויי ערליכע יודין חסידים גיהייסין איהם היטין דעם אַחבראַש, מאָרגין וועט זיין איין עק, איהר רוצח מיז אַוודאי האָבין געלט מיינט זיא, וועט זיא אָפּנעהמין איהר געלט, אין פאַר דער מיטערס שטערינטיכיל אַפילו אַחת ואַחת, בלייבט נאָר איבר דאָ צי עקין מיט דער זאַך וואָס מען האָט זיא אַהער געריפין מכוח ר׳ יחיאלין אין מכוח פרימען.

23.

דער צדיק אַליין וויל אויך וויסין וואָס דאָ טיהט זעך מיט דעם ר׳ יחיאל דעם פּאָדראַדשיק, ער האָט אַזוי גיט גיהערט ווי אַלע, אַז די ויצירקי פיני האָט פין יענער זייט טיהר געשריגין — מכשפה, זנאַחירקי, פליצים האָסט דיא דיך פאַרוואָרפין פאַר אַווייביל, — דאָס פאַרוואָרפינע פאַר אַווייביל, איז גאָר ניט ווי אַכושף ווייבילע, אַדרבה, זייער אַלעכטיק פרעהליך ווייבילע, אַנגעטיהין אין זייער אַגרויס שטערינטיכיל,

טאַטין עָלֶיהָ שָׁלוֹם בֵּדַלִית גִישטעֶלט, דעֶר מאַמעֶס — פראַוודעֶ נִיט קֵיין גרוֹיס — שטעֶרִינטִיכִיל, האָט עֶר דעֶר גַנב אוֹיך אַוועֶק גִיגַנבִיט, אִין אִיז אַנטלאָפִין גִיוואָרִין, ווִי אִין וואַסעֶר אַרַיין, נעֶבִּיך. מַיין מאַמעֶ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז טאַקעֶ דאָס אֵייגִינעֶ יאָהר מַחמַת עַגמַת נֶפֶש, אִין אַף מַיין טאָג-אִין-נאַכט אָפִין פָּנִים לִיגִינדִיקִין ווֵיינעֶן — גִישטאָרבּעֶן, רוֹצֵח, האָסט דִיא מִיר חאָטשעֶ גִיוועֶזִין געֶשִיקט אַגֵט פאַר מַיין געֶלט, וואָלט אִיך גִיקאָנט אַמאַן נעֶהמִין, אַזוֹי (זִיא ווֵיינט) בִּין אִיך היַינט אֵיין אַלטעֶ יוֹדִינעֶ, ווער וועֶט משוּגעֶ זַיין מִיך צִי נעֶהמִין? אָט ווֶעל אִיך ווִי אַהִינט אַף דעֶר קעֶלט דרוֹיסִין שטעֶהנדִיק שטאַרבִּין, (זִיא קעֶהרט זעֶך צִי ר׳ יֵחִיאֵל דעֶם פּאָדראַדשִיק) לאַנג לעֶבִּין זאָלט אִיהר, וואָס אִיהר האָט געֶשִיקט נאָך מִיר, לאָם אִיך מִיך חאָטשעֶ נוֹקֵם זַיין אִין דעֶם טעֶרק צִי אִין דעֶם טאָטעֶר, טאַקעֶ אַהאַרץ פִין אַטאָטעֶר האָסט דִיא, רוֹצֵח. —

דאָס שרַייעֶן אִין ווֵיינעֶן אִין אֵיין אָטהִים קאָן אַמאַרק-יוֹדִינעֶ אוֹיסעֶנוועֶנִיק, נאָר דעֶם רֶבִּין אִיז דאָ גאָר נִיט גִיט, שוֹין דעֶם דרִיטִין מאוֹסן שטִימפּ האָט עֶר דעֶם היַינטִיקִין שַבֵּית צִי נאַכטץ, עוֹבַדְיָה אִיז נִיט קֵיין גִלְגוּל פִין אַמִתנַגֵד, ווֶעלווִילֶע דעֶר בְּרִיָה, דעֶר מקוֹרב, דעֶר חָשוּב, אִיז אַשמַדִילנִיק, אִין דעֶר יֵרוּשַלמִי וואָס זִיצט הַארט נעֶבִּין אִיהם, אַטַייעֶרעֶר אֶרץ יִשרָאֵל מְשוּלָח, אַרעֶכטעֶר יֵרוּשַלמִי, דעֶר אִיז גאָר אַבּאַרדוּטשִיבעֶר בּעֶלפעֶר אַגַנב, וואָס האָט אַוודַאי עֶרגִיץ נאָך אַווַייבּ, אִין דִי שאַרפעֶ אֶרץ יִשרָאֵל בּרִיף זעֶנִין מִן הַסתָם שטִימפִּיקעֶ פּאַלשעֶ פּאַפִּירִין, גאָר חַלָשִית, מאוּסֶה שטִימפִּין.

ר׳ עוֹבַדיָהן אִיז מעֶן בּאַלד פָּטִיר גִיוואָרִין, ווֶעלווִילֶעס עֶרשטעֶ ווַייבּ אִיז מעֶן אוֹיך פָּטוּר גִיוואָרִין, דִי מַכָּה, ווִי ווֶערט מעֶן בַּיי נאַכט פָּטוּר, דעֶם גַנב דעֶם בּעֶלפעֶר, טראַכט דעֶר בַּעַל מוֹפֵת.

יָאסִילעֶ ר׳ עוֹבַדיָה דעֶם פרִימעֶנס זִיהנדִיל פרעֶגט דעֶם גאַנצִין עוֹלָם אַקַשְיָה, ווִי אַשאַרִיגִראָדעֶר יוּנגִיל, — פאַר וואָס האָט עֶר מִיך אַגאַנצִין וועֶג געֶמִיטשִיט לָשוֹן קוֹדֶש צִי רעֶדִין? אַבּאַרדוּטשִיבּר, מִיז דעֶך קאָנִין פראָסט יוֹדִיש רעֶדִין. — אַלעֶ לאַכִין אַף דעֶר קַשְיָה, חאָטשעֶ מעֶן וואָלט זֵייעֶר נִיט גִיגעֶרִין גִילאַכט.

אִין דעֶר פִישִיל, דעֶר בּאַרדוּטשִיבּר בּעֶלפעֶר דעֶר גַנב, וואָס טִיהט עֶר בִּשַעַת דִי פִינִי דִי זִיצעֶרקעֶ שרַייט אִין ווַיינט, עֶר שווַייגט ווִי אַשטִיק האָלץ.

פִינִי דִי זִיצִירקעֶ אִיז דִי אֵיינעֶ, וואָס עֶנטפעֶרט אַף יָאסִילעֶס קַשְיָה, — דִיא

האַנט, דער ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק לאָזט ניט אין שטיפּט אַוועק יאָסילען, — גע׳ה נאַר-איינער, פיהר דעם טאַטין, אין דיל מיך ניט, איך האָב עפּיס אַנדערש דאָ צו טיהן. —

יאָסילע גע׳הט צו צו זיין ירושלמי, זע׳הט ער אַז דער ליגט אַף ביידע קילקים מיטן פּנים אַראָפּ, הייבט יאָסילע אָן צו רעדין צום ארץ ישראל משולח אַף אונזער לשון קודש הויך (חאָטשע ניט גוט, נאָר פאָרט האָט ער מיט איהם אַפין ווע׳ג תּמיד גירעט) — רבי, אני הולך עם אבי, לא אבוא אל רבי הלילה הזאת. —

דער ירושלמי וואָלט אפשר ניט אימגיקעהרט דאָס פּנים אין שטיב אַריין, מחמת אַטעם וואָס מען וועט באַלד גיוואָהר ווערין, נאָר יאָסילע האָט דעם ירושלמי אַשטאַרקין טאָרע געטיהין ביים זאָגין די לשון קודש ווערטער.

האָט דער ארץ ישראל משולח דער ירושלמי מיט אַבעזיר זע׳ך אַדרעה גיטיהין מיטן פּנים צו זיין גבאי — יאָסף, — אין די פּיני די זיצערקי איז גראָד גישטאַנין אַקעגין דעם ירושלמים פּנים, טיהט די זיצירקי אַגאַנץ הויכין גישריי, אַז אַלע מענשין אין שטיב זענין דערשראָקין גיוואָרין.

— פישיל דיא ביסטים? פּושע ישראל, שוין אַזוי פיעל יאָהרין האָסט דיא הילטיי מיך אַוועק גיוואָרפין, (צום גיטין יודין טיהט פּיני מיט אַגעוויין אין מיט אַחליפּעריי אַגישריי) אָט האָט ער זע׳ך פאַרוואָרפין פאַר אַטערק פּליצים, ווי פיעל מאָהל האָב איך רבי דעקיטשיט אייער כּבוד, אין ר׳ וועלווילע האָט געשריבין בריוויליך, ווע׳ה געשריגין אַף מיינע יונגע יאָהרין, איך בין פאַרזעסין, אין ער דער הילטיי טיז אַוודאַי ערגיץ נאָך אַווייב האָבין גינעהמין. רבי, אַז איהר וועט דאָס שווייגין איז איין עק פין דער וועלט (ויא קעהרט זע׳ך צום ירושלמי) אַחבראָש, וואָס שווייגסט דיא, רוצח, גזלן, האָסט מיט מיר ניט גיוואָלט וואָינען, זענין מיר דע׳ך דרויף יודין, גיט מען מיך, די גאַנצע שטאָט ווייסט וואָיל, אַז איך רייס קריעה אין ליג אַף דער קעלט אין האָריווע, אַבי קיין מענשינס ניט צו בעדאַרפין חלילה, אין באַרדוטשיב רבי, האָט מיך דער פישיל, ער איז פראַוודע יונגער גיוועזין, נאָר טאַקע מיט דעם פאַסקידנע פאַרציפראָ ווי היינט, ביי איין עהרליכין טאַטין — פין דער קאַטשיניוקע דער אינטער-חזן, איז גיוועזין איין עהרליכער יוד — אַרוים גינעהמין, — אַגימרא-בעלפער פישיל — האָט דער טאַטע גיזאָגט — איין עהרליכער יונג, נעם איהם, — נאָך אַיאָהר, האָט ער די פיניף הינדערט גילדין נדן-געלט דערטאַפּט, נאָך נעביך דעם

שרייט ניט, בּטלט ניט קיין חלומות, דאָ אין שטיבּ וועט איהר בּאַלד גיוואָהר ווערין, אַז סיז ניט קיין כּוּשף, און ניט קיין פאַרוואָרפיניש. —

פּיני קימט אין שטיבּ אַריין מיט זעהר אַשען יונג-ווייבּילע, אָנגעטיהין איניס גרויסין שטערינטיכיל, (ווייבּער זאָגין בּיי אַחסידישין רבּין ניט קיין גיט נאָווינט).

די איינינקליך דעם צדיקס זענין פּינים אַלקיר צי דער שטיבּין-שוועל צי געקימין, אָן צי קיקין דאָס שיינינדיקע ווייבּילע, אַחוץ דעם, דאָס גרויסע שטערינטיכיל, זיי בּלייבּין שטעהן ווי די העלצער קיקינדיק, גלאָצינדיק.

טאַקע אין דעם אויגינבּליק קימט אַריין פּינים אַלקיר יאָסילע ר׳ עוֹבדיהס זיהנדיל, דער איז מיט זיין פאָטער בּיז אהער גיזעסין אין אַלקיר, וויל דער אָפּגישלאָפטער ר׳ עוֹבדיה (משוגע איז אַזוי אַחלאַת ווי איין אַנדערע קרענק) האָט נאָך קיין כּוח ניט גיהאַט צי געהן, און אַחוץ דעם, האָבּין, זיי בּיידע ניט געוויסט ווי הין זאָלין זיי געהען, דאָ האָט מען פין נעכטין אָן דעם יונגין יאָסילין געפינען איין אָרט, נאָר פין דעם אַלטין שלאָפין אָרימען ר׳ עוֹבדיה׳ס ווענין וויל מען בּשום אופין ניט האָבּען קיין אָרט פריהר אַז דער עוֹבדיה איז משוגע גיוועזין, האָט ער אַלע פּיסטע שטיבּין גיהאַט פאַר אַדירה, אַצינדערט אַז ער הייסט — ר׳ עוֹבדיה אַשלאָפער פרימער יוד אַפרעמדער — קאָן ער אין קיין פּיסטער שטיבּ ניט וואָינען, קיינער וויל זעך אַף איהם דאָ בּיים צדיק אין שטיבּ, ניט דערבּאַרימין, פאַרקעהרט נאָך, די איינינקליך די ווייבּליך גיבּין דעם יוסילין צי פאַרשטעהן, ער זאָל ערגיץ אַוועק פיהרין דעם שלאָפין טאָטין — דאָ איז קיין הקדש ניט, אָפּ צי לעגין אַקראַנקען יודין — האָט מען איהם גיזאָגט.

איז יוסילין איינגיפאַלין איין עצה, דער גיטער פּאָדראַדשיק דער וואָס האָט רחמנית גיהאַט, אין דעם טאַטין געגיבּין אַרויט רענדיל, און האָט מיר געהייסין קימין צי איהם, בּיי ר׳ פּסח דעם ראָטהייזער שטעהט ער איין, ער וויל דעם טאַטין שענקין אַקאַפּאָטע אין אַטיליפּ, אַזאַ גיטין מענשין וועל איך אַבּעט טיהין, ער זאָל מיין אַלטין שלאָפין טאַטין הייסין אַף זיין סטאַנציע אַף אַפּאָר טאָג, בּיז ער וועט דינגין אַפיהר אַהיים צי פאָהרין, דערוויל דאַרטין זיין, יאָסילע געהט צי מיט אַרחמנית פּנים שישקיט ער זעך מיט ר׳ יחיאל דעם פּאָדראַדשיק, און ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק זאָגט, — יאָה, תּיכף פיהר אַהין דיין טאַטין, אין זאָג איך האָבּ גיהייסין. —

יאָסילע ווערט אין איין שמחה, אין וויל אַקיש טיהין דעם ר׳ יחיאלין אין דער

זאָגסט דיא אַליגין, — עֶר ווייסט נאָר בּײַ זעך סיז איהם שלעכט, וּבפרַט דאָ זאָגט צי איהם איינער וואָס שמיעסט מיט גאָט, איינער וואָס טויזענטער מענשין ריפין איהם — צַדיק, גיטער-ייד, בַּעַל מופֶת — דאַכט זעך איהם, דאָ איז דער אֶמֶת.

וועלווילע דעם בּריה'ס מַעמד, ווי ער איז געבּליבּין שטעהען, חאָטשע טאָדרים מיט מעני ראָסין האָבּין איהם אָפּגילאָזט, קאָן זעך איטליכער מֵשַער זײַן, ער קאָן שוין ניט אַוועק געהען פין דאַנין, ניין, ער בּלײַבּט פאַרטימילט אין קאָן זעך ניט ריהרין.

22.

חאָטשע ווי בּיטער וועלווילען דעם בּריה איז גיוועזין אַפין האַרצין, האָט ער פאָרט הַנָאה גיהאַט, אַז מען דערהערט אין שטיבּ פּיני דער זיצירקים קול פין יענער זײַט טיהר.

אינים הויז האָט גיבּרענט אַלעכט, נעבּין דעם צַדיקס לײַבּ-מענש דאָרטין ווי ער זיצט ניט אַרײַן צי לאָזין אָן אַרײַנ-לאָז-געלט, אַגאַנצין וועג פין פּינים שטיבּיל בּיז צים רֶבּינס שטיבּ, איז פּיני די זיצירקי מיט פרימען גיגאַנגען אין דער פינצטער, ווײַל סי וייער וואָלקינדיק גיוועזין, האָט איין מענש דעם אַנדערן ניט גיקאָנט זעהען, פּליצים אַז דאָ אין הויז איז לעכטיק, דער זעהט פּיני, די פרימע וואָס איז מיט איהר פין איהר שטיבּיל אַרוים גיגאַנגען אַמײַדיל, מיט אַרויטער סטעגני אײַנ גיפלאָכטין אינים צאָפּ, איז איבּרן-וועג פּליצים גיוואָרין אַווײַבּיל, גישלייערט, אין זייער אַגרוים שטערינטיכיל.

אַפאַרוואַרפיניש, אַמכשפה, אַזנאַכירקי — שרײַט די פּיני — איך האָבּ מורא פאַר דיר, דיך אָנצירירין מישטענז גיזאָגט, פּליצים גאָר האָסט דיא דיך פאַרוואָרפין פאַר אַווײַבּיל, פּי פּי פּי, איך מיז דרײַ מאָהל אויס שפּײַען אין מישטענז גיזאָגט מיך האַלטין אין דער מזוזה, וואָס מיר האָט זעך געחלומט אַגאַנץ גנעהענדיק יאָהר . . .

ר' יחיאל דער פּאָדראַדשיק האָט אין שטיבּ געוויסט, וואָס פּינים רעד בּאַטײַטין, טיהט ער אַלאַך, אין עפינט אַליין די טיהר אין זאָגט צי דער זיצירקי צי פּינין, —

אין האָב נעֶבּיך חַשוּנה גיהאַט מיט טאָדריסין, אַבּי אַסטיקיל בּרויט צי האָבּין, וויל דער סמַדילניק נאָך די קרעֶטצמעֶ מיר אויך אַוועֶק דינגין, רבּונו סל עולָם, אַז די׳א קאָנשט אַזאַ סמַדילניק לאָזין לעֶבּין. —

בּשַעת מעֶני־ראָסי שרַייט אין איין אָטהים, שרַייט טאָדריס אויך, — רֶבּי, עֶר איז סוין אין דעֶר סמיכָה, דעֶר סמַדילניק האָט מיר מַיין ווַייבּ דערצעֶהלט, איז סוין גיזעֶשין בּיים גַלחַ, איז עֶר דעֶך סוין העֶט טיעף אין דעֶר סמיכָה, עֶר האָט דעֶך בּיים גַלח פיר וואָחין גיגעֶשין קעֶשט, חאַ חאַ חאַ. —

דעֶר צַדיק האָט ניט גיקאָנט אויסהעֶרין די בּיטרעֶ בּחיונית וואָס זַיין חָשוּב וועֶלוּוילעֶ דער בּריה האָט דאָ אויס צי שטעֶהען, טיהט עֶר אַריף איינים פין די איבּריקעֶ חסידים — ר׳ איסר זייטשעֶ מוהֵל, נעֶמט דעֶם יודין מיט זיין ווַייבּ אין אַלקיר אַרַיין, אין גיבּט זייא צי פאַרשטעֶהעֶן אַז וועֶלוּוילעֶ האָט גאָר ניט אין זין זייער קרעֶטשמעֶ, לאָזין זיי איהם גימאַך לאָזין, אין שרייבּט דאָרטין אין אַלקיר אויף וואָס זיי ווילין. —

דעֶר ר׳ איסר, האָט לאַנג אַרויס געֶקיקט אַחָשוּב צי ווערין בּיים גיטין יודין איז עֶר זייער גערין, אַז דעֶר רֶבּי אַליין שאַפט מיט איהם, אַחאַפּ דעֶם טאָדריסין מיט מעֶני־ראָסין אין אַלקיר אַרַיין, — עֶסיז אַטָעוּת, וועֶלוּוילעֶ איז גאָר אַהיגעֶר בַּעַל הַבָּת, אין קימט נאָר מיט מיר, דעֶר צַדיק וויל אייך אַטובה טיהין, זַייט בּטוּח, אַז דעֶר צַדיק זאָגט, וועֶט קיינעֶר בּיי אַייך אייעֶר קרעֶטשמעֶ ניט אויס דינגין, בּשום אופן ניט. —

טאָדריס אין מעֶני־ראָסי מיינעֶן, אַז דאָס איז אַקוראַט ווי דעֶר ר׳ איסר זאָגט, לאָזין זיי אָפּ דעֶם פאַר פינצטעֶרטן וועֶלוּוילעֶן, אין געֶהעֶן אין אַלקיר אַרַיין, מיט ר׳ איסרן.

ווי אַזוי דעֶר ר׳ איסר האָט גיטויגט צי דעֶר זאַך דעֶם טאָדריסין מיט דער מעֶני ראָסין אַרויף צי חאַפּין אַף פּאַפּיר, זיי צי גיבּין צי פאַרשטעֶהעֶן, אַז פין דעֶם וואָס דער צַדיק וועֶט קיקין אַף זייעֶרעֶ אויף געֶשריבּינעֶ נעֶמין, וועֶט זייער פּרנסָה בּלייבּין בּיי זיי, קיינעֶר זאָל בּשום אופן ניט קאָנין אויס דינגין זייער קרעֶטשמעֶ, ווייסט מעֶן ניט, די קַשה, אַז מען וויל פרעֶגין, ווי מעֶן קאָן פראָסטעֶ גראָבּעֶ מעֶנשין איינרעֶדין, אַזעֶליכס, ווייסט מען יאָה, ווַיל אַמעֶנש אַז עֶר איז אין אַצָרה, אין אַדאַגה, אָדעֶר אין אַפּחַד, וויל עֶר זעֶך נעֶבּיך ראַטיווין, נאָ אַז איינעֶר קימט אין זאָגט איהם — איך קאָן דיר אַוודאי העֶלפין — פאַרגעֶסט עֶר גאָר איבּעֶר צי טראַכטין — טאָמעֶר

אצאקינדיקער הילטיי אישקא, וויל ביי מיר דינגין, — וואש? איהר וועט איהם דאש סווייגין?

דער טאדריס האט גיהערט דעם ווייבס שיטן מיט רעד, מיינט ער באמת אז דער ר׳ יחיאל פאדראדשיק איז-עס דער וואס דינגט איהם אויס זיין קרעטשמע, שרייט ער אויך — רבי איהר מישט איהם אין דער סמיעה אריין לעגין, סטאץ, אידין מספק פרנשה זיין, דראב, אחבראס, פוסע ישראל, נאר אין דער סמיעה, נאר אין דער סמיעה, נאר רבי אין דער סמיעה אריין לעגין דעם פיקוירישּ דעם מח סמוניק, ער זאל קיין פקימה ניט האבען ניט אף דער וועלט, ניט אף יענער וועלט, נאר אין דער סמיעה. —

ר׳ יחיאל דער פאדראדשיק האט גיזעהען דאס איז אשלעכטע שפיעל, יאה שמיעה ניט שמיעה, די צוויי ווילדע חיות קאנין פאלין איבער איהם פראסטע שלאגין, גיבט ער זעך תיכף איין עצה, אין טיהט טאדריסין מיט מעני-ראסין אוויז אף וועלווילע דעם בריה, — אדרבה איך האב מיך פאר אייך אגינעהמין, מיינע ליבע יודין. —

טיהט טאדרים אדדעה מיט וועלווילען ווי מיט אשטעקילע מיטן פנים צי זעך אין צים ווייב, דערביי מיט אגישריי, — אסענים דאנק, זייט מיר מוחל ר׳ קרוב, איך האב געמיינט איהר זענטיש, דיא כל בוניק, דיא בישטיש, ארוח אין דיין טאטין אריין, דיא ווילשט מיר מיין פרנשה אוועק דינגין, רבי, נאר אין דער סמיעה, טאקע די הארבע סמיעה. —

דאס ווייב די מעני-ראסי דערקאנט דא אינים אויגינבליק וועלווילע דעם בריה, הייבט זיא גאר אן מיט אנייגישריי, זיא האלט וועלווילען ביי דער פאלע פינים קאפטין פין איין זייט, דער מאן טאדרים שטעקט אריין זיין האנט אין וועלווילעס גארטיל פין דער אנדרער זייט, וועלווילע קאן זעך דא נישט אויסרייסין פין זיירע הענט, — סמאדילניק — שרייט מעני ראסי -- דיא סמאדילניק, פאר וואש מיינט איהר רבי האב איך מיך מיט איהם גיגט, איך האב איהם אלטש אוועק גיגיבין, אין בין געבליבין מעופרשערהייט, וויל ער האט זעך גיוואלט סמדין, גאנטש קאשניטין ווייסט די מעשה דיא סמדילניק, האשט מיך בדליש גיסטעלט, איין גאט ווייסט דעם אמש, איך האב גיהאט רבי אגרויש הוב (זיא הייבט אן צי וויינין) דער טאטע מיינער איז גיסטארבין עליה סלום, איך האב געמישט מיין קינד אסייניגדיק קינד אוועק גיבין,

גִישלאָגִין, אַרוֹיס גרִידִיטִירִין אַלט בּרִיסטִיךְ, זעֶהט מעֶן אַרוֹיס, אִין אַקאָנטִינאַרִין פּאַרטִיךְ.

אָט דִי קרעֶטשמאַרקעֶ קאָן אַזוֹי הוֹיך שרײַעֶן אִין שִיטִין רעֶד.

דאָ אִין שטִיבּ זעֶנִין בּײדעֶ שטִיל גִיוואָרִין, אַז זײַ האָבִּין דעֶרזעֶהעֶן דעֶם טִיש מִיט דעֶם זִילבּעֶרנִים גרוֹיסִין לעֶמפִּיל, אִין דִי גרוֹיסעֶ זִילבּעֶרנעֶ לײַכטעֶר, דעֶרצִי דעֶם צַדִיק זִיצִין אוֹיוִוין אָן, אַגרײַז גראָהעֶן שעֶנִים יִוִדין מִיט אַלאַנגעֶר בּאָרד, דעֶרבּײַ אִירוּשַלמִי אַפּאַרוִויקִילטִין קאָפּ אַף טעֶרקִיש, דאָס האָבִּין אַזעֶלִיכעֶ קרעֶטשמאַרעֶס נִיט אָפט גִיזעֶהעֶן, בּלײַבּעֶן זײַ דִי עֶרשטעֶ מִינִיטן ווִי פאַרטײַבט שטעֶהעֶן, דעֶר קרעֶטשמאַר געֶהט אַפּאָר טרִיט צִי נעֶהעֶנטעֶר צִים טִיש, גִיבּט אִיהם דעֶר רֶבִּי שָלוֹם עֲלֵיכֶם, דעֶר יְרוּשַלמִי אוֹיך.

דאָס ווײַבּ שטעֶהט פִין ווײַטִינס העֶרִין ווִי דעֶר מאַן וועֶט זעֶך הײסִין מוֹפִישִין פִינִים צַדִיק, אַז אִיהם וועֶט פעֶהלִין אַוואָרט, וועֶט זִיא דעֶר שטִיקִיווִין.

אײדעֶר דעֶר קרעֶטשמאַר טאָדרִים לײַחִיווּקעֶר (מִן הַסְתָּם הײסט דאָס דאָרף וואָס עֶר הַאלט דִיקרעֶטשמעֶ — לײַחִיווּעֶ —) האָט רעֶכט אָנגִיהוֹיבִּין צִי דעֶרצעֶהלִין דעֶם גִיטִין יִוִדין ווִי עֶר זִיצט אִין דעֶר קרעֶטשמעֶ שוֹין צוואַנצִיק יאָהר, אַצִינד ווִיל מעֶן אִיהם אוֹיסדִינגִין דִי קרעֶטשמעֶ, שטעֶהט וועֶלווִילעֶ דעֶר בֶּרִיָה מִיטן פָּנִים אַוועֶק גִיקעֶהרט, דִי קרעֶטשמאַרקעֶ זאָל אִיהם נִיט זעֶהעֶן, אִין ווִי עֶר וואָלט גִיגעֶרִין גאָר אַוועֶק צִי געֶהעֶן, נאָר אִיבּעֶר דעֶר פִּינִי דעֶר זִיצִירקעֶ — זִיא מִיז דעֶך פּאָרט בּאַלד אַהעֶר קִימִין — מִיז עֶר דאָ וואַרטִין.

ר׳ יְחִיאֵל דעֶר פּאָדראַדשִיק זעֶהט, אַז דעֶר וועֶלווִילעֶ דעֶר בֶּרִיָה שטעֶהט ווִי אַף שפִּילקִים, געֶהט עֶר צִי צִי אִיהם, אִין פרעֶגט וועֶלווִילעֶן — נאָ וועֶר אִיז גִירעֶכט? אַיאָה אִיךְ, אָט דעֶר יִוד ווִיל דִי שוֹכּרִים דִי פּאָוועֶרן, דעֶרִיבּעֶר הַאלט עֶר צוואַנצִיק יאָהר אַקרעֶטשמעֶ. —

דִי מעֶנִי ראָסִי דִי לײַחִיווּקעֶר קרעֶטשמאַרקעֶ האָט גִיבּוֹיעֶרטעֶ אוֹירִין, זִיא האָט דעֶרהעֶרט דעֶם ר׳ יְחִיאֵלס ווערטעֶר, וואָס עֶר האָט מִיט אַגִילעֶכטִירִיל גִיזאָגט — צוואָנצִיק יאָהר אַקרעֶטשמעֶ, — טִיהט זִיא אַשפּרִינג ווִי אַווִילדעֶ חַיָה צִים טִיש מִיט אִיהר הוֹיכִין גִישרײַ — וואָש, אִין אִיהר רֶבִּי סווײַגט וואָש דעֶר מַח סמוֹנִיק זאָגט אַלײן, אַז עֶר ווִיל אִינזעֶר קרעֶטצמעֶ אוֹישדִינגִין, דעֶר פָּרִיטש זאָגט טאַקעֶ —

דעם מאַנצפּילס קול איז פֿראָסט — און אַז איך האָב איט ניט גינעהמין און קעסיני אַריין, אייך טשי גיבין איט, נאָ ווילט איהר איט ניט, אינז אַריין לאָזין. —

דאָס ווייבּערשע קול איז אַנישריי מיט אַכּעס, — וואָש, אַפּריטש איז דער רבּי, וואָש, לְהַבְדִיל צי אַפּריטש לאָשט דער לאָקיי ניסט אַריין, אָבּער טשי אַטשאַדיק וואָש מאַכט מופֿישין, זאָל איהר ניט אַריין לאָזין? סעמט אייך אין אייער ווייטין האַלז אַריין, מיר זענין טשוואָנטשיק מייל וויט גיפֿאָהרין, ער זאָל אינז טופֿישין, (דער לייב-מענש לאָזט פֿאָרט ניט) סיכּר אישקן, איך וועל דיר די פּאַשקוידנע באָרד אוישרייסין, וואָש? אַסאַצקי זענט איהר אַחבּעראָס, אינז וואַרפֿט מען אַרויש פֿון דער פּרנסה, און ער . . .

דאָס ווייבּערשע גישריי מיט איהרע אַלע ווערטער, זענין אין איין מינוט געשווינד אין איין אָטהים געזאָגט גיוואָרין, ווי די עשרת בני המן בּשעת מען לעינט די מגילה, איטליכס וואָרט האָט מען גיהערט אין שטיבּ.

דער צדיק האָט זעך אַריהר געטיהין פֿינים פֿאַרטראַכט זיין, און אַווינק צי וועלווילען, ער זאָל עפֿינין די טיהר די שרייענדיקע אַריין צי לאָזין.

וועלווילע דער בּריה קאָן זעך אָבּער פֿינים אָרט ניט ריהרין אַזוי בּיטער איז איהם גיוואָרין פֿון דער קרעטשמאַרקיס שרייען ניט מחמת בּושה פֿאַר דעם ר׳ יחיאל דעם פּאָדראַדשיק, ניין, גאָר איבּער איין אַנדערן טעם, ווייטער וועט מען גיוואָהר ווערין דעם טעם.

אַז וועלווילע דער בּריה ריהרט זעך ניט, געהט איין אַנדרער חסיד און עפֿינט די טיהר, קימט אַריין אַבּרייטער יוד און אַנישטעפּטין לאַנגין בּרישלייק פֿון בּלאָהין קיטיי, צי גינאַרטילט מיט אַפּאָווירשין פּאַסקיוואַטע גאַרטיל, און גראָבּע יאַליוויטשינע שיך, מיט וואַלאָקינע גראָבּע זאָקין, און אַלאַפּמיציל פֿון אַמאָהל גיוועזינעם פּיקס, קיין בּאָרד האָט ער קיין מאָהל ניט גיהאַט, נאָר צוויי לאַנגע פֿלאָכטין הענגין בּיז איבּער די הענט אַקסלין, דאָס זענין פּיאות, חאָטשע ער איז אַלט איאָהר פֿיפֿציק, איז ער זייער געזינט ווי דאָס פּנים ווייזט אויס, טאַקע אַרעכטער קרעטשמאַר.

דאָס ווייבּ איז אַמאָהל שען גיוועזין, אַהויך גיוואַקסינע יודינע פֿון איאָהר עטליכע און-דרייסיק, נאָר שטאַרק אָפּגיהאַריוויט, אָנגעטיהין און אַפּיצילע שטערינטיכילע וואָס איז ווערטה אפֿשר צוויי הינדערט גילדין, מיט אַשלייער, אָן אַסיטקאָ, איופּאָ אַף בּיידע אַרבּיל פֿון אַזאַ קיטיי ווי דעם מאַנס בּרישלייק, מיט ווייס האָזנפּיטער אינטער

חלישִׁן מייַנט עֶר, אִיז אויך אַף פּראָסטע יוֹדִישׁ, דעֶרִיבּעֶר האָט עֶר נִיט געֶמִינטעֶרט עוֹבדַיהן.

דעֶרצִי אַז עֶר זעֶהט דעֶר רֶבִּי ריִהרט זעֶך נִיט, אִיז פַאר אִיהם מִן הַסתָּם אויך קיין כָּבוֹד נִיט עֶר זאָל זעֶך רִיהרִין, עֶר זִיצט אִין קִיקט אִין נאָר אַפִּין צַדִיק דאָס שטעֶהט אָן, אײן אֶמתן-ירוּשַׁלמִי מייַנט עֶר.

ווּעֶלוועֶלִין אִיז דעֶם ר׳ יְחִיאֵלִס דעֶם פּאָדראַדשִׁיקס ווּעֶרטעֶר גאָר נִיט גִיפעֶלִין, מבוּלבּוּל אִיז עֶר גיוואָרין פִין אַזאַ מעֶנשִׁין וואָס אִיז געֶקימִין צִים צַדִיק מִיט אַרעֶנדִיל אַף אַפּדְיוֹן, אִין שִׁיט מִיט רעֶנדלִיך, אָט האָט עֶר דעֶם משוּגעֶנִים עוֹבַדיהֶן אויך געֶגִיבִּין אַרעֶנדִיל, מִיז עֶר דעֶך זיַין אַגרויסעֶר עוֹשֶׁר, עֶפִּים מאַכט עֶר דאָ חוֹיזִיק פִינִים רֶבִּין, אִין זאָגט אַהאַרבּ וואָרט שׁווינדיל, — וואָלט חאָטשעֶ די פּינִי די זִיצִירקִי שוֹין געֶקימִין, זִיא זאָמט זעֶך אַף לְהַכְעִיס, אַחוּץ-דעֶם ווייסט ווּעֶלווִילעֶ, אַז די פּינִי אִיז איין עֲנִיָה, עֶר אַליין האָט פִין אִיהרט-וועֶגִין בּרִיוולִיך געֶשרִיבִּין אִין שטעֶט אַרַיין, ווִי אַקוֹל אִיז גִיגאַנגִין, אַז אִיהר מאַן געֶפִינט זעֶך דאָרטִין, ווִי קִימט צִי פִּינִין איינעֶ פּרִימעֶ, דאָס אִיז אַוודאַי נִיט צִי פאַרשטעֶהעֶן, דעֶר ווייַל זִיצט דעֶר ר׳ יחיאל דעֶר פּאָדראַדשִׁיק אַף אַבּעֶנקִיל אִין קִיקט אַף אִיטלִיכִין פִּיצִילעֶ, טאַ — טראַכט ווּעֶלווִילעֶ דעֶר בְּרִיָה בּיַי זעֶך — די פּינִי וועֶט פאָרט בּאַלד קִימִין, וועֶט מעֶן זעֶהעֶן וואָס דאָס פאַר אַמְשׁוּלַחַת אִיז. לעֵת-עַתָּה אִיז דעֶם ווּעֶלווִילעֶן נִיט גִיט, וואָס דעֶר ר׳ יְחִיאֵל דעֶר עוֹשֶׁר דעֶר פּאָדראַדשִׁיק, וואָס מעֶן האָט גִידאַרפט בּיַי אִיהם נעֶהמִין אִין מעֶן האָט גִיקאָנט בּיַי אִיהם נעֶהמִין אַגִיטעֶ נטִיזנעֶ, דעֶר אִיז גראָד דאָ בּיַי עוֹבַדיהֶס מַעֲשֶׂה, אֶפְשָׁר האָט דעֶר פּאָדראַדשִׁיק גִיהעֶרט מִכּוֹח דעֶם גִלְגֻל וואָס דעֶר רֶבִּי האָט אַף אִיהם גִיזאָגט, דעֶרִיבּעֶר קִיקט עֶר אִין שמייכִילט, דאָס אִיז ווּעֶלווִילעֶן גאָר נִיט גִיט.

נאָך אַרגעֶר ווּעֶרט ווּעֶלווִילעֶן דעֶם בְּרִיָה דעֶם גרויסִין חָשׁוּב דעֶם שאַרפִין מְקוֹרָב בּיַים רֶבִּין, אַז מעֶן דעֶרהעֶרט דאָ אִין שטִיבּ אַגִישרייַ.

פִין יעֶנעֶר זייַט טִיהר געֶהט דאָס הוֹיכעֶ קוֹל (מִן הַסתָּם פִין יעֶנעֶ קרעֶטשמאַרעֶס וואָס זעֶנִין עֶרֶב שַׁבָּת-חֲנוּכָּה שפּעֶט אָנגעֶקִימִין קיין מעֶזִיבִּיז) פִין אַיוּדִינעֶ, מִיט אַקוֹל פִין אַמאַנצבִּיל אויך. זיי קרִיגִין זעֶך מִיט דעֶם צַדִיקס׳ לייַבּ-מעֶנש וואָס לאָזט קיינִים נִיט אַרייַן, בִּיז מעֶן גִיבּט אִיהם נִיט עֶפִּים דעֶר-פַאר, עֶר זאָל אַרַיין לאָזִין.

פאַרטראַכטין צדיק, זועהט ער, אַז דער . . . האָט הנאה פין דעם וואָס ער איז גיפאַלין אַפין שכל, ביטער איז אָבער דעם וועלווילען, אַז ער זועהט דעם ר׳ יחיאל דער רייכער פּאָדראַדשיק קיקט מיט שאַרפע אויגין אַף די אַלע זאַכין, געהט וועלווילע צי צי ר׳ יחיאל דעם פּאָדראַדשיק, אין רעט אַף אַשטיל לשון מיט ערינצטע חסידישע הויות, — איהר זוענט דעך אַבר שכל אָן עין הרע, פאַר שטעהט איהר דעך, אַז אַזא צדיק הדור, חלעבין, ער טראָגט דעך יאָה אַף זעך די גאַנצע וועלט, האָט ער כוח אויסצישטעהן אַלע וועלט-צרות, חלעבין, ער טרייבט, ער פרעגט — וואָס וויל מען פין מיר, מען לאָזט מיך אַפילו ניט לעהרנין, ניט גאָט דינען, געהט אייך צי אַנדערע גיטע-יודין, סיז דאָ אַנדערע צדיקים — ווי מיר ווייסין איז ער דעך ביי זעך דער קלענצטער פין אַלע, זאָגט ער צים עולם — געהט אייך, איך ווייס ניט וואָס איהר ווילט פין מיר, וואָס האָט איהר אייך גילעגט אַף מיר? סיז דאָ גרויסע צדיקים, געהט צי זיי. —

ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק טיהט אַהויכין לאַך — חאַ חאַ חאַ, אַז אַשלייפער וויל ניט מען זאָל איהם טראָגין מעסערס צי שלייפין, שטעלט ער ניט ארויס זיין שלייף שטיין מיט דעם רעדיל, אַז איינער וויל ניט דאָס דילינייש פין שוכרה פּאַוורין, דינגט ער ניט קיין קרעטשמע, אַז אַשניידער וויל אַוועק לעגין דאָס שניידעריי פאַרקויפט ער שער אין אייזין, אין נעמט קיין מאָס ניט. —

— איך מיין, באם אייער גיטער-יוד וויל זיין פרים אין זיצין אין לעהרנין, לאָז ער קיין מעות ניט נעהמין (אויך אוואַרטשפּיעל, מאָס הייסט אַלאַנג פּאַפּיריל וואָס פאַרצייכינט ווי לאַנג ער זאָל מאַכין דאָס מלבוש, אין מעות איז די טייטש געלט) געהט, איהר האָט אַפנים פין אַקליגין יודין, אין מיך האַלט איהר פאַר אַנאַר, מיך פאַר אַנאַר צי האַלטין, פע, מיר צי מיינען אַזעליכע ליגין פיר צי זאָגין, פע, איך בין אַמבין אַף דעם גאַנצען שווינדיל, (אויב דער גיטיר יוד האָט גיהערט וואָס ר׳ יחיאל האָט גיזאָגט, ווייסט מען ניט).

דער ארץ ישראל משולח איז דעך — ווי עס האָט אַפנים — ווי אַשטימע בהמה, וואָס דאָ טיהט זעך אין וואָס דאָ ווערט געשמיסט אין גירעט איז דעך אַלץ אַף פראָסט יודיש, דאָס פאַרשטעהט ער דעך ניט, האָט ער נאָר אַצוויי מאָהל אים גיקעהרט דאָס פּנים בשעת זיין גבאי האָט זעך געפּאָריט מיטן פּאַטער, אַפילו

אין מײַנס אפּראָסטען טיליפּ פֿינים טאַטינס װעגין, ער זאָל קאָנין פֿאָהרין מיט דיר אַחיים (ר׳ יחיאל האָט מן הסתּם גיהערט, װאָס די חסידים האָבּין פֿינים צדיקס װעגין דערצעהלט, אַז דער משוגענער עוֹבדיה איז אַגלגול פֿין אַמתנגד) װעט ער נעבּיך פֿאַרשפּאָרין מגלגל צי װערין, אין דער פֿרעמד זעך צי װאַלגערין. —

21.

דער צדיק האָט זעך פֿינים אָרט ניט גערירהט בּײַ דער גאַנצער מעשה פֿין דעם ר׳ עוֹבדיהן, אפשר איז ער פֿאַר טימילט װײַל, דער שטימפּ פֿין זײַן ליגין, װאָס דאָ האָט זעך אַרוּים געװיזין, אַז דאָס איז ניט קײַן גלגול, װי ער האָט פֿיר גיזאָגט די חסידים, דערצי נאָך דער װעלװילע דער בּריה דער האָטים פֿין זײַן טויל אַלײַן גיהערט, אָדער אפשר פּשוט, װײַל דער װאָס האָט ליב צי נעהמין, האָט פֿײַנט צי גיבּין, אין דאָ װאָלט מען אַװדאַי גידאַרפֿט אַריהר טיהן מיט דער קעשינע, איז בּעסער גיװעזין — װי ער האָט בּײַ זעך גיטראַכט — ער זאָל קלאָמערשט פֿאַרטראָגין זײַן אין די עוֹלמות, אין אָנקיקין די אַלע פּדיונית-קװיטליך װאָס ליגין פֿאַר איהם אַפֿין טיש.

דער װעלװילע דער בּריה, האָט זעך גישטויסין, אַז דעם גיטין יודין װאָלט זײַער ניחא גיװעזין, מען זאָל דעם עוֹבדיהן ערגיץ אַװעק פֿיהרין פֿין דאַנין, אין אַזאַ װעלװילע פֿאַרשטעהט, אַז דורך דעם קאָן ער נאָך מעהר חשוב װערין בּײַ דעם רבּין קימט דעך איהם דאָס צי ניץ צי דער פּרנסה, טיהט װעלװילע אַזאָג צי דעם גבּאי פֿינים ארץ ישׂראל משולח מיט זײַן פֿאָטער דעם ר׳ עוֹבדיהן — פֿאַרשטעהט איהר מיך, עס גשיקט זעך ניט דאָ אין שטיבּ בּײַם רבּין, צי דעקיטשין, בּעסער קימט מיט מיר אין אַלקיר אַרײַן צים רבּינס אײַניקליך, זײַ זענין דעך דימיטין, זײַ װעלין זעך מיט אײַך דאָרטין פֿאָרין. —

אַזױ זאָגינדיק טאַסקיט װעלװילע דעם שלאַפֿין ר׳ עוֹבדיהן שױן מיט זעך, אין דער זיהן יאָסילע געהט אויך אין אײַנים, אַגיכער אַגעשװינד איז שױן דעם רבּינס שטיבּ רײַן, ניט דאָ קײַן עוֹבדיה פֿאַר די אויגין, זײַ זענין אין אַלקיר, װאָס איניס אַלקיר האָט זעך געטיהין, װײַסט מען ניט.

אַז װעלװילע איז צוריק געקימין פֿינים אַלקיר, האָט ער אַבּליק געטיהין צים

ביטער אין זויער איז דאָ געוועזן די אַלע חסידים, וועלכע דעם בריה אויך, און דעם גוטן יודן אַוודאי, אַז דער גבאי דעם ארץ ישראל משולחס דער יאָסילע האָט אָנגעהויבן צו דערצעהלן — פאַר דריי יאָהרן אַז אין שאַריגראַד איז געוועזן די גרויסע שריפה, האָט זעך די שריפה אָנגעהויבן פון אינזער שטיב. דער טאַטע איז געזעסן תמיד אין בית מדרש יומם ולילה געלערנט, דעם טאַטן רופט מען אין שאַריגראַד — ר׳ עובדיה דער פרומער — נאָר די מאַמע עליה שלום איז געוועזן די אשת חיל צום שענק און צום איינפאָהר, זיא האָט די פרנסה געגעבן, תחלת הלילה אַז פנים בוידים היי האָט זעך אָנגענעמען די שריפה, איז די מאַמע עליה שלום פאַרברענט געוואָרן אינים הויז ביים טויער, מיך האָט מען אַרויס געכאַפט דורך אַפענצטער, און מען האָט מיך אַוועק געפיהרט העט ווייט אינטער דער שטאָט, דאָרט זענען נאָך פילע שטאָט-לייט געזעסן.

— דער טאַטע נעביך האָט שפּעטער פון אַלע געוואָהר געוואָרן, אַז די שטאָט ברענט, ווייל ער האָט זעך שטאַרק פאַרטיפט אינים לערנען, ווען ער איז געקומען צו לויפן — אַזוי האָט מען מיר דעם אַנדערן טאָג דערצעהלט — און האָט דערזעהען די שטיב איז פאַרברענט, די מאַמע איז פאַרברענט, האָט ער געמיינט איך זיין בן יחיד בין אויך פאַרברענט געוואָרן, מחמת צרות איז ער משוגע געוואָרן, און איז אַוועק פון שאַריגראַד, עד היום האָט קיינער ניט געקאָנט דערפרעגן. ווי ר׳ עובדיה דער פרומער איז אַהין געקומען (ער האָלט אין קושט דעם שווייגענדיקן גלאָצענדיקן פאָטער) טאַטע לעבן פאָהר אַהיים, אָט וועלן מיר ביידע אַהיים פאָהרן, אינזער פלאַץ איז געבליבן, דער שר האָט אַלע שטאָט-לייט געגעבן אים זיסט האָלץ אַף אויס צו בויען, דיר וועט מען אַוודאי געבן האָלץ, און די נגידים וועלן דיר געבן געלט און רוחים אַבי דיא זאָלסט וואָינען אין שאַריגראַד, זיי בענקן נאָך דיר, עפּיס געלט האָב איך ביי מיר, אַפילו נישט פיעל, נאָר אַף איין אָנהייב מיר זאָלן מאַכן, וועט שוין ווערן אַשטיב. איאָה טאַטוניא, דיא פאָהרסט מיט מיר. —

עובדיה קושט און וויינט און קושט יוסילען עטליכע מינוטן, דער-נאָך זאָגט ער (ווי ער באַקוקט אַרום זעך) — סיז ווינטער. —

ר׳ יחיאל דער פאָדראַדשיק נעמט אַרויס אַרויט רענדיל און גיבט דעם ר׳ עובדיהן — נאָט אייך אַף איין אָנהייב צו שטייער, און דיא יונגער מאַן וועסט קומען צו מיר, איך שטעה איין ביי ר׳ פּסח דעם ראָטהייזער איך וועל דיר געבן אַקאַפּאָטע אַקוטיינע

דער גוטער יוד וואָלט גיגערין די געהנדיקע שטעהענדיקע חסידים צו ליב, זעך אבעזער געטיהן, דער יחיאל שמיסט מיט איהם גאָר אָן אשום דרך ארץ, דאָס מאַכט אפשר קאלי צים רבי שאַפט, נאָר דאָס רויטע רענדיל ליגט, טיהט ער אַמאַך מיט אַנילעכטעריל, — ר׳ . . . . זכר צדיק לברכה פלעגט צו זאָגין אַף אזעליכע קאַטאָוויס-טרייבער — איהר זענט אפליאה יודילע. —

די חסידים אין שטוב שטעלין אויף די אויערין, אין קוקין אַף דעם פּאָדראַדשיק ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק טיהט אַלאַך — אַז איהר וועט עמיצר פון אייך געהען אַהער ריפין פּינני די זיצירקע, וועל איך צאָהלין פאַרין וועג, זאָגט איהר — זיא זאָל אַהער קימין תיכף מיט פּרימין — (ער טיהט זעך אַדרעה צים רבין) דאָ וועט איהר זעהען מיין מופת, טאַקע היא אין ביי אייך אין שטוב אָן אַשדכן זאָל ווערין אַחתונה וואָס גאָט אין לייט זאָל ניחא זיין, — איונגיל אַחסידס איז גילאָפין נאָך פּינין.

דער ווייל איז וועלוויליע דער בריה געקימין צו געהען, שישקין זעך די חסידים מיט איהם, אינים דערצעהלין וואָס דאָ טיהט זעך מיט דעם ר׳ יחיאליקין דעם פּאָדראַדשיק, פליצים פאַלט אַריין דער משוגענער עובדיה אין שטוב אַריין, מיט דעם גישריי — סטראָזוני אָגני ראַטיוויט אייך — ביי דעם גישריי, איז געקימין דעם ארץ ישראל משולחס גבאי פינים אלקיה, אַריין צו לויפין אין שטוב מיט אַלעכט אין דער האַנט.

דער עובדיה דער זעהט דעם יונגין גבאי, אין בלייבט שטיל, ער פאַרלעשט ניט די לעכט, ער שרייט ניט ווייטער — סטראָזוני אָגני — נאָר ער טיהט אַחאַפּ דעם גבאי מיט אַפרייד, מיט אַגיוויין, מיט אַשפרינג מחמת שמחה יאָסילע, מיין יאָסילע, דיא, מיין. — ער פאַלט אַנידער חלושין.

דער גבאי וויינט אין שרייט — טאַטע חליש ניט, איך בעט דיך האָב רחמנית, חליש ניט טאַטוניאָ, איך בעט דיך חליש ניט. —

די אַלע מענשין וואָס זענין גיוועזין אין שטוב האָבין געמינטערט, שטאַרק געמינטערט, וועלוויליע דער בריה האָט דאָ אויך באַוויזין אַז ער איז אַבריה, מינטערן קאָן ער אויך בעסער פון אַנדערע, ער האָט גיבראַכט פון דער קעך איין עמער מיט קאַלט וואַסער, אין האָט גישפריצט אין גיגאָסין אַף עובדיהן, אין האָט איהם דערמינטערט.

די עֶטלִיכֶע חַסִידִים וואָס דרעהעֶן זעֶך אַרִים אִין שטִיבּ, מִיט נאָך עֶטלִיכֶע וואָס זעֶנִין אייִנצִיק ווייס אַהעֶר געֶקִימִין פִין זייעֶר הייִם, האָבִּין גרוֹיס הֲנָאָה פִּינִים וואָיִלעֶן גלַייכִין ווערטִילעֶ, מאַכִין זיי מִיט חַסִידִישעֶ הֲוַית — אָה, חִדוּשִׁים, אָה, וואַ, מְחַיֶה. —

ר׳ יחיאל דעֶר פּאָדראַדשִׁיק ענטפעֶרט אִין דעֶר מִינִיט — אִיךְ טַעֲנָה אוֹיךְ גאָטס טַעֲנָה — לֹא טוֹב הֱיוֹת אָדָם לְבַדוֹ — אִין בִּין פִין דעֶסט ווערגִין אַהעֶר געֶקִימִין קייִן מעֶזיבִּיז. —

אִיךְ טרַייבּ קאַטאָווּיס — זאָגט דעֶר צַדִיק אַז עֶר זעֶהט מעֶן גִיבּט נִיט נאָךְ אַרעֶנדִיל — זאָגטשעֶ קרוֹין, מִן הַסְתָּם אִיז דעֶך אייעֶר ווייבּ אוֹיךְ הִיא. —

— כּאַ כּאַ כּאַ — עֶנטפעֶרט ר׳ יְחִיאֵל דעֶר פּאָדראַדשִׁיק — אִיךְ זאָל האָבִּין אַווייבּ, וואָלט אִיךְ אָן אַפּדְיוֹן געֶקאָנט האָבִּין קִינדעֶר, אִיךְ בִּין אָבּעֶר אייִן אָדָם לְבַדוֹ. —

דִי חַסִידִים וואָס שטעֶהעֶן אַרִים אִין העֶרִין, לאַכִין מִיט ווערטעֶר — חאַ חאַ חאַ, אַחָרִיץ, אַמשׁוּנהֶנהֶע חרִיצִית. משׁוּנֶה וואָיִל, אַמשׁוּנהֶנהֶר חָרִיץ. —

דעֶר צַדִיק פרעֶגט — זאָגטשעֶ קרוֹין, ווִי טהאָר אַיוּך זִיצִין אָן אַווייבּ. —

אִיהר טייִנט אִיךְ זִיץ — עֶנטפעֶרט ר׳ יְחִיאֵל דעֶר פּאָדראַדשִׁיק — אִיךְ שטעֶה, אִין געֶה, אִין פאָהר אַרִים אִין מייִנעֶ מַשָׂא וּמַתָּנוֹת, דעֶרִיבּעֶר וויל אִיךְ דאָ אִין מעֶזיבִּיז נעֶהמִין אַווייבּ, אִין דאָ טאַקעֶ תֵּיכֶף וויל אִיךְ. —

דעֶר צַדִיק האָט נִישט פאַרשטאַנִין, צִי טרַייבּט דעֶר יוּנגעֶר מאַן קאַטאָווּיס, אָדעֶר גִישפּעֶט פִין אִיהם, בּעֶזעֶרִין קִימט נִיט אוֹיס, אַרוֹיט רעֶנדִיל לִיגט אַפִין טִישׁ, אִיז עֶר זעֶך מֵישִׁיב, אִין מאַכט אייִן עֶרִינצטעֶ הֲוַיָה — לאָז מעֶן רִיפִין ווֶעלוועֶלִין, דעֶר ר׳ ווֶעלוועֶלִי אִיז אַבַּרְשַׁכְל- שַׁדְכָן, אַדִימִיטִיקעֶר יִוד, עֶר טוֹיג צִי אַלעֶרלַיי שִׁדוּכִים. —

פִין דִי עֶטלִיכֶע אַרִים געֶהענדִיקעֶ חסִידִים אִיז שוֹין אייִנעֶר גִילאָפִין, אִין מִיט דרַיי מִינִיט שפּעֶטעֶר אִיז דעֶר ווֶעלוויִלעֶ דעֶר בֶּרִיהֶ געֶקִימִין צִי געֶהעֶן.

ר׳ יְחִיאֵלִיק האָט אַבּעֶר נִיט גִיוואַרט אַף זיין קִימִין אִין זאָגט צִים בַּעַל טוֹפֵת — אִיךְ דאַרף אַפִילוּ קייִן שׁוּם שַׁדְכָן נִישט, ווִי זאָגט מעֶן עֶפִּים — גִיבּעֶנשט זעֶנִין דִי העֶנט וואָס נעֶהמעֶן זעֶך אַלייִן. —

יִדִין רִיפִין אַרוֹיט העֶנדִיל — אָרוֹם וְהָב — ווַייל אָדוֹם אִיז דִי טַיישׁט רוֹיט, זאָגט מעֶן דאָ בַּיי דעֶם אייגִים רעֶנדִיל דאָס אייגִינעֶ וואָרט — לֹא טוֹב הֱיוֹת אָדוֹם לְבַדוֹ — כְּדֵי מעֶן זאָל צִי לעֶגִין נאָךְ אַרעֶנדִיל.

טשאַקינדיק מיט אַשוואַרץ זײַדין פאַטשײַליכין צי גענבינדין דאָס העלזילע (אַזוי ריפּט-מענים שפּעטינדיק) די שטיווילעך מיט שפּיצין, גיוועקסילטע, וואָס סקריפּין, ווי אַך אַפּראָסט אַו מען געהט אינים שנעה, אין אַגיט סויבלין היטיל אַפין קאָפּ, קוים קוים שיט זעך אַבערדיל, אין קליינע גיקרײַזילטע פּיאהליך אין אַזײַדין פאַטשײַליכין אַרויס שטעקט אַרוים פין דער זײַטין קעשינע·

ר׳ פּסח דער ראָטהײַזער געהט צי צים צדיק ווי אײַנער וואָס האָט ניט צײַט — רבּי, דער ר׳ יחיאל דער פּאָדראַדשיק (שטילערהייט אַלע זאָלין ניט הערין, זאָגט ער) אַגרויסער עושר, (ווידער הויך) איז טײַן אורח, האַ ווי גיפעלין אײַך מײַנע אורחים האַ, זײַ האָבין מיך גיבעטין, איך זאָל זײַ אָפּפירין אַהער, מהיכא תיתא האַ, דרויף בין איך דעך אַבּעלאַכסניא האַ, ווי איהר ווייסט רבּי, בין איך אַנאָמן אין דער טאַקסע, האַ, מיז איך אַוועק געהען אין די יאַטקים אַרײַן האַ ווי זאָגט איהר רבּי, האַ, (מיט אַגילעכטעריל) איך לאָז אײַך דאָ מײַן חשובין אורח, האַ, אין גיטע הענט לאָז איך אײַך ר׳ יחיאל האָ, אַגיטע נאַכט, — אין איז אַוועק גיגאַנגען.

בשעת ר׳ פּסח דער ראָטהײַזער האָט נאָך גיהאַלטין אינים רעדין, האָט שוין דער גיטער יוד אויסגישטרעקט די האַנט מיט אַשלום עליכם — דער נאָך האָבין אַלע דערלאַנגט הענט — אפילו דער ארץ ישראל משולח אויך — אין שלום עליכם געגיבין דעם עושר דעם ר׳ יחיאל פּאָדראַדשיק.

ר׳ יחיאל פּאָדראַדשיק וואַרט ניט אויב מען וועט איהם הייסין זעך זעצין, ער נעמט אַליין אַבּענקיל, אין זעצט זעך נאָהינט נעבין גיטן יודין אין שטעהט תיכף אויף פינים בענקיל, נעמט אַרוים פין אַשען בײַטילע אַרויט רענדיל, אין לעגט אַנידער אַפין טיש פאַרין בּעל מופת מיט די ווערטער — אַף דער פילער וואָך אַרענדיל, איז אַסימן אַז עס וועט זײַן אַגילדינע וואָך (מיט אַגילעכטיריל) אין איהר זאָלט מיר העלפין צי קינדער, איך וויל קינדער האָבין. —

דער גיטער יוד זאָגט אויך מיט אַגילעכטעריל — איהר ווייסט דעך מן הסתם פינים אַלטין*) גלײַך-ווערטיל — לא טוב היות אדום לבר**). —

(*דאָס איז באמת זײַער אַקליג ווערטילע (וואָס די דײַטשין ריפין — אַוואָרט שפּיעל — אָדער — קאַלאַמבור. —

(**אין בראשית שטעהט אַז גאָט האָט באַשאַפין אָדמין, האָט ער דער נאָך גיזאָגט לא טוב היות אדם לבדו — סיז נישט גיניג איין אדם זאָל זײַן, אין האָט באַשאַפין חוהין אויך, אדם איז די טײַטש אַמענש,

20.

שבת צו נאַכטס שבת חנוכה בײַם צדיק אין מעזיבוז.

נאָך דער װאָילער שלש-סעודת תּורה, און נאָך אָפּ דאַװנען מעריב, און נאָך הבדלה, און נאָך אָפּבענטשן חנוכּה לעכטליך, אַז די חנוכּה לעכטליך האָבן אױסגעבּרענט, שטעלט מען דאָס זילבּערנע גרױסע חנוכּה לעמפּיל װאָס אין דער-מיטן איז אַרײַן געזעצט אַזײגערל אַף דעם טיש, נאָך צװײ זילבּערנע לײַכטערס הױכע מיט לעכט בּרענען אױך אַפן טיש, דער עולם איז אַהײם געגאַנגען, איטליכער מיז דעך בּײַ זעך בּענטשן חנוכּה-לעכטליך, איז דאָ בּײַם גיטנױדן װעניק מענשן געבּליבּן.

ער דער צדיק זיצט אַף זײַן אָרט אױװין-אָן, נעבּן אים זיצט דער ארץ ישׂראל משולח אַף זײַן בּענקל פאָרנט, אינטערן טיש בּײַ דער װאַנט זיצט אױך נאָר אײנער פּינים צדיקס קינדער אַיונגער יונג.

(*די אײניקליך די יונגע װײַבּליך זיצן אין אַלקיר, און שמיסן מיט דעם גבאי פּינים ארץ ישׂראל משולח, עטליכע חסידים הײמישע דרעהן זעך אין שטיבּ אַרום.

קומט אַרײַן אַפּראָסטער אַלטער יוד -- פּסח דער ראָטהײַזער, — אַמעזיבּיזער בּעל הבּית װאָס האָט זײַן אײַנפאָהרהױז, מיט אים קומט נאָך אַפרעמדער שענער יונגער מאַן, זײער שען רײַך אָנגעטיהן, גאָר מיט דער נײַער מאָדע, אַפּיאָס ראַצעמאָרינע קאַפּאָטע, צו געגאַרטילט מיט אַװאָיל זײַדן גאַרטילע, דערצו נאָך

(*דעם צדיק װײַב איז געװעזן פון לאַנגע יאָרן אַגרױסע חלנית, אַטהײל האָבן גיזאָגט, אַז זיא האָט ניט געקאָנט דיהרין ניט מיט קײן האַנט ניט מיט קײן פוס, דעריבּער װערט זיא ניט דער מאָהנט, זיא ליגט שטענדיג אין לײדן בּשעת דאָ האָט מען געלעבּט אין פרײדן.

שרײַבט זײַערע נעמען, אַף קװיטליך דעם בעל מופת אין סידר אַרײַן צי לעגין צים פּדיונין.

דעריבער איז װעלװילע אַמקורב בײַם בעל מופת, כמעט אַהײמישער מענש, װעלװילע איז אַקאָנטינער אַגיבױרינער, נאָר אין מעזיבּיז װאָינט ער מיטן דריטין װײַב אַמעזיבּיזירין, דעם צדיק, װועט מען שױן שרײַבין פין צינדערט אָן אַמאָהל דער רבי, אַמאָהל דער בעל-מופת, אין אַמאָהל דער צדיק, אין אַמאָהל דער גיטער-יוד.

אִיהר שטִיבִּילֶע אִינִים אִינטֶערגֶעסִיל — אַלֵיין, אִיז דִי נְשָׁמָה רֵיין — פלֶעגט זִיא צִי זָאגִין, דעֶריבֶּער הָאט זִיא נִיט גִיהָאלטִין קֵיין שׁוּם שָׁכן אִין אִיהר שטִיבִּיל, — וִויא גָאט גִיבּט — הָאט זִיא גִיהַאט עֶפִּיס, הָאט זִיא גִיגֶעסִין, אַז נִישט, אַז דָאס לֵייזִיכץ אִיז גִישלָאגִין גִיוָוארִין, אִיז אַפִּיסנֶע שטִיקִיל בּרוֹיט אוֹיך גֶענִיג גִיוֶועזִין, אִין דעֶר פרִיה, אַז זִיא אִיז אַוועֶק גִיגַאנגעֶן אִין מַארק אַרֵיין מִיט דעֶר מִילטֶער סחוֹרֶה הָאט זִיא פַארשלָאסִין דָאס שטִיבִּילֶע, עֶרשט אַף דעֶרנַאכט אַז זִיא אִיז אַהֵיים גֶעקִימִין, הָאט זִיא אַיינגִיהֵייצט אִין אָפּגִיקָאכט אַף מָארגִין וָואס זִיא הָאט אָנגִיגרֵייט אַפִין מַארק וִיצִינדִיק אַבַּאקָאנטֶע יוִדִינֶע הָאט אִיהר גִיקוֹיפט אַמָאהל אַשטִיקִיל פלֵייש אִין יַאטקִי, אַמָאהל אַשטִיקִיל לִינג אִין לֶעבֶּער.

וועֶן מעֶן אִיז אִין שטָאט אַרִים גִיגַאנגעֶן אַף אַנְדָבָה, הָאט מעֶן גֶעוִויסט, אַז פִּינִי דִי וִיצִירקֶע פִּינִי דִי עַגִינָה זָאגט קֵיין מָאהל נִיט אָפּ, אַמָאהל דרֵיי גרָאשִין אַמָאהל מעֶהר אוֹיך אַרַיין צִי וָוארפִין, אִין דעֶר פּישקֶע אַרַיין.

פִּינִים מָאהנדלִיך הָאבִּין אַפִילוּ דִי פּוֹילִישֶע יוִנגֶע פּרִיצִימלִיך גֶעלוֹיבּט, דעֶריבּער הָאט פִּינִי אַשֵׁם גִיהָאט אִין מעֶזִיבִּיז, אִין אַלֶע ווִינקִילִיך הָאט מעֶן גִיקָאנט פִּינִין.

נָאך אֵיין מעֶנשִין הָאט מעֶן אִין דעֶרגעֶשווִינד גִילעֶינט זַיין נָאמִין — וועֶלווִילֶע דעֶם בְּרִיָה. — בּעֶדַארף מעֶן צִי וִויסִין, אַז דעֶר ווֶעלווִילֶע אִיז נִיט קֵיין קלֵיין יוִנגִילֶע, אִין נִיט קֵיין יוִנג בַּעַל הַבָּתִיל, דעֶר ווֶעלווִילֶע אִיז אַיוִד פִין אַיָאהר פעֶרצִיק, אַהוֹיך גִיוַואקסִינעֶר שעֶנעֶר יוִד, מִיט אַרוֹיט בּעֶרדִיל אִין רוֹיטֶע פֵּיאוֹת, ווִי מעֶן זעֶהט אִיהם הַיינט, שטוֹיסט מעֶן זעֶך, אַז יוִנגעֶרהֵייט הָאט עֶר גֶעמִיזט זַיין זעֶהר אַשעֶנעֶר יוִנגעֶר מָאן, נִיט אִים-זִיסט רִיפט מעֶן אִיהם ווֶעלווִילֶע דעֶר בְּרִיָה, — עֶר קָאן לֶעהרנִין, אִין קָאן ווָאיל שרַייבֶּען, צִיפר קָאן עֶר אוֹיך, אַחוּץ דעֶם דַאבִינט עֶר שֶׁען פַארִין עָמוּד, אִין בּלָאזט שׁוֹפָר בּעֶסעֶר פִין אַלֶע בַּעַל תּוֹקֵעַת אִין מעֶזִיבִּיז, זַיין תְּרוּעָה הָאט אַשֵׁם, קֵיינעֶר קָאן אִיהם דעֶם תְּרוּעָה נִיט נָאך מַאכִין, ווֶעלווִילֶע אִיז אַמֵבִין אַף צִירִינג, דעֶם צַדִיקס אַיינִיקלִיך דִי וַוייבּלִיך הַאנדלִין מִיט פּעֶרִיל אִין מִיט שטעֶרעֶנטִיכלעֶך, פרעֶגט מעֶן ווֶעלווִילעֶן דעֶם בְּרִיָה תָּמִיד, אַף זַיין מבִינוֹת שטעֶלט מעֶן, פַארדִיעֶנט ווֶעלווִילֶע צעֶמָאהל דעֶרבַּיי מעֶקלעֶרַיי גרָאבּעֶ טַאקֶע, אַשַׁדְכָן אִיז ווֶעלווִילֶע דעֶר בְּרִיָה אוֹיך, דעֶרצִי אַז דעֶם צַדִיקס שרַייבּעֶר, אַז לֵייבִּילֶע הוֹדִיס הָאט נִיט צַייט, הַאפּט זעֶך ווֶעלווִילֶע אַרַיין אִין מַאכט געֶלט פִין דִי אוֹרחִים, וָואס עֶר

אַרויס זאָגן, אין אַמאַך טיהין, מיט אַקראַטץ — וואָס טוּגים הויך צי זאָגן — דאָס הייסט ביי חסידים בסוד גיהאַלטין אַזאַך — אַרויס גיזאָגט, אַז ס׳איז ר׳ יעקב העמדעניס נשמה טאַקע, דאָס הייסט ביי חסידים — אַמופת — ווייל ביי פּתאים (— פּתי יאמין לכל דבר — שטעהט שוין פריהר פאַרטייטשט) איז אַלץ וואָס אַזאַ חסידישער רבי זאָגט, אַוודאי אמת דער רבי זאָל זאָגין — ער האָט ביי נאַכט גיהערט וואָס דער פלעדערוויש האָט גירעט מיטן בעזים — גלייבט מען פאַר איין אמת, חאָטשע קליג, אין אפילו זייער קליג, איז עס איין איינערדיניש וואָס פאַרדרעהט דעם שכל, אין אַלץ געשיקט זעך וואָיל, פאַרקעהרט נאָך, דער וואָס גלייבט ניט, איז ביי זיי אמשוגענער אָדער אַרשע, אַאפּיקורס.

אין מעזיבּיז איז גיוועזין איין עגינה אויך, די זיצירקע פּיני, וואָס פאַרקויפט אַפין מאַרק אויסגיזאָטינים אַרבּיס, גיקאָכטע דאַרע-באַרלעך, גיפרעגילטע מאָהנדליך, אין לעקיכלעך. פאַר פּורים האָניק קישיליך (אפשר ריפט מען עס אין אַנדערע שטעט מיט איין אַנדערן נאָמין) אים זומער אויסגיזאָטינע פּשעניטשקים (אָדער קאַקורוזים אָדער טערקישין ווייטץ ריפט מען עס) קיחליך אַף אייער גיבּאַקין (דערצי דאַרף מען זעך ניט צי וואַשען) קיחליך מיט מאָהן, אַלע זאַכין וואָס מען נאַשט, האָט מען גיקויפט ביי דער זיצירקי פּיני, מען האָט זיא גערופין — פּיני די עגינה — אַמאָהל גאָר נאָר — די עגינה — די וואָס זענין מיט פּינין שכינים גיוועזין אַפין מאַרק, זיצירקים, פלעגין ביי אַקריג איהר אויסוואַרפין — זאַוואָלאָקע — (אַפּרעמרע, אַהער פאַרשלעפּטע) ווייל פּיני איז גיוועזין אַבּאַרדוטשיברין ערשט פאַר אַיאָהר אַכצעהן אים זיא געקימין קיין מעזיבּיז אָן אַמאַן אין האָט גיזאָגט, זיא איז געפאָהרין זיכין אַמאַן וואָס האָט זיא אוועק געוואָרפין, דעריבער אים זיא אין מעזיבּיז געבליבין, ווייל דער ווינטער האָט זיא פאַרחאַפּט, בעזע מיילער האָבין גאָר גיזאָגט, אַז די פּיני אין אַפּאַרשלייערטע דאָס הייסט זיא האָט גאָר קיין מאָהל קיין מאַן ניט גיהאַט, נאָר מחמת אין בּריהה האָט זיא אַשלייער אָנגעטיהין.

באמת אָבער איז די פּיני גיוועזין איין עהרליכע יודינע פון באַלד פּיפציק יאָהר אַלט, דעם קאָפּ האָט זיא גיהאַלטין אַבּיסיל אין דער זייט, אַהאַריפּאַשנע יודינע, ווינטער אין זימער האָט זיא געפּליוויט איהר פּרנסה, זיא האָט חס ושלום ניט גיבּעטילט ביי קיינים, פאַרקעהרט נאָך, זיא האָט חתונה גימאַכט יתומות אין האָט אָרימע יונגליך גיקויפט פאַר איהר געלט פעלצליך אַפין ווינטער, זיא פּיני האָט גיהאַט

בּרויט האָט עֶר אַחאַפּ געֶטיהן, דעֶרפין האָט עֶר גילעֶבּט מִן הַסתַּם, ווינטעֶר אין זוּמעֶר איז עֶר נאָר אין אַפּעֶלצִיל צי גיגאַרטעֶלט מיט אַשטריקיל, אין אַלאַפּינמיצִיל אַפין קאָפּ, צעֶריסינעֶ שקראַבּים אַף די פיס, דאָס איז גיוועֶזין זיין אָנטיהין, דרינין איז עֶר אַרים גילאָפין, פרימעֶ ווייבּעֶר פלעֶגין מַחמַת רַחמָנִית דעֶם משוּגעֶנים עוֹבַדיהֶן אַריין חאַפּין, מיט גיוואַלד, אָנגיטיהין אַהעֶמד אַניים, אין אַפּאָר נייעֶ שיך, עֶר האָט געֶשוויגין בּשַעַת מעֶן האָט איהם אָנגעֶטיהין, ניט אַוואָרט האָט עֶר גיעֶנטפעֶרט אַף אַלעֶ ווערטעֶר וואָס מעֶן האָט צי איהם גירעֶט, אין איז ווייטעֶר גילאָפין שרייעֶן — איך עוֹבַדיהֶ שריי סטראָזוני אגני ראַטיוויט איך, — דאָס אייגינעֶ פלעֶגט עוֹבַדיהֶ פרייטיק צי נאַכטס אויך טיהין, אַריין לויפין אין פאַרלעֶשין די בּעֶנטשלעֶכט, מיט אַפּאָר קוילִיטשין חַלֶה פינים טיש אַוועק חאַפּין, מיט דעֶם אייגינים גישריי — סטראָזוני אָגני, ראַטיוויט איך — אַנטלויפין, מעֶן האָט שוין דעֶריבּר אימידים צי גיקייטילט פרייטיק צי נאַכטס די טיהרין-אַט לויפט עוֹבַדיהֶ. —

בּיים צַדיק האָט מעֶן דעֶך ניט גיקאָנט צי קייטלין די טיהר, ווייל פרעֶמדעֶ אורחים וועֶנין אַרוים אין אַריין גיגאַנגין, פלעֶגט מעֶן אימיסנעֶ אייניס אַנידעֶר שטעֶלין דרויסין, עֶר זאָל דעֶם משוּגעֶנים עוֹבַדיהֶן ניט אַריין לאָזין, פאָרט האָט מעֶן ניט-תָּמיד גיקאָנט איינהיטין, פליצים האָט גיקאָנט עוֹבַדיהֶ אַריין לויפין צים צַדיק אין אַפּאַרלעֶש טיהן אַלעֶ שַבָּת-לעֶכט, איז מעֶן געֶבּליבּין זיצין אין דעֶר פינצטעֶר, בּיז מעֶן האָט גיבּראַכט די אַלטעֶ בּאָבּיצעֶ זיא זאָל ווידעֶר די לעֶכט אָנצינדין, אין שטאָט איז גיוועֶזין אַווערטיל אַז עֶמיצֶר האָט אימגעֶרין פאַרלאָשין אַלעֶכט, האָט מעֶן גיזאָגט — אַהאַ, דיא בּיסט שוין עוֹבַדיהֶ. —

פאַר וואָס מעֶן האָט בּיי חסידים אין מעֶזיבּיז, אין אימידים צווישין חסידים שטאַרק געֶשמיסט פין דעֶם משוּגעֶנים עוֹבַדיהֶן, איז נאָר גיוועֶזין, ווייל דער צַדיק האָט גיזאָגט — אַז אין דעֶם עוֹבַדיהֶן איז בּבחינת גלגל, אַריין אַנשָמֶה פין אַגרויסין מִתְנַגֵד פין פאַרצייטין, וואָס מַחמַת מִתְנַגֶדת האָט עֶר פאַרבּרעֶנט דעֶם זוהַר הַקָדוֹש, איז אויווין זיין עוֹנש גיוועֶזין, עֶר זאָל מגולגל ווערין אין דעֶם משוּגעֶנים אַריין, דעֶריבּעֶר לויפט עֶר אַרים אין פאַרלעֶשט אַלעֶ לעֶכט, — אַטהייל מקורבים בּיים צַדיק האָבּין יעֶך געֶשישקיט, בּסוֹד, האָט זיי דער צַדיק אַפילו אוים געֶזאָגט, ווי עֶר ווייסט דעֶך אַוודאַי, וועֶר די נשָמֶה איז, פין וועֶליכין גרויסין מִתְנַגֵד, דעֶם נאָמין האָט מעֶן נאָר בּסוֹד שטילעֶרהייט — אַלעֶ האָבּין געֶוויסט פין דעֶם סוֹד, נאָר מיט דעֶם שטילעֶרהייט

גנעקיקט אין מויל אַריַין, אֶפשֶׁר וויַיל עֶר האָט ניט פאַרשטאַנין די תּוֹרָה וואָס דעֶר צַדיק האָט גיזאָגט אַף אינזעֶר יודיש לָשׁוֹן, האָט דעֶר משוּלַח אָפּין גיהאָלטין זיַין מויל עֶס זאָל אין איהם אַריַין פליהין.

צים שַׁלֹש סעוּדוֹת האָט דעֶר צַדִיק גיזאָגט חסידישעֶ תּוֹרָה, אַגרויסעֶר עוֹלָם זעֶנין גיוועֶזין, אין עֶר האָט געֶוויזין — אַז חנוּכּה איז בּחינת חֵן, אין פין בּחינת כֹּה — כֹּה אָמַר הַשֵׁם — דאָס איז תִּפאֶרֶת אין נֶצַח, חַנוּכָּה זעֶנין אוֹתִיוֹת חֲנוֹך. דעֶריבּעֶר שטעֶהט וַיִתְהַלֵך חֲנוֹך אֶת אֶלוֹהִים, — אֶלוֹהִים איז גבוּרָה, דעֶריבּעֶר שטעֶהט בּיַי אַברָהָמן — וַיָרֶק אֶת חֲנִיכָיו — אויך לָשׁוֹן חַנוּכּה, דאָס איז בּחינת חֶסֶד, וויַיל עֶס שטעֶהט בּיַי אַברָהמן — חֶסֶד לאַברָהָם — חַנוּכּה, איז בּחינת מַלכוּת וויַיל חַנוּ-כֹּה, אין עֶס שטעֶהט — כֹּה אָמַר הַשֵׁם למשיחוֹ — בּחינת הוֹד, זעֶנין יוֹדין, ווי עֶס שטעֶהט — ישׂרָאֵל אֲשֶׁר בָּךְ אֶתפָּאֵר. —

צי דעֶם, עֶטליכעֶ — היי, היי, היי — אין עֶטליכעֶ גיטעֶ-יודישעֶ קרעֶכצין, איז עֶס זייעֶר אַהויכעֶ קַבָּלָה תּוֹרָה, סִתְרֵי-תּוֹרָה גיזאָגט, דעֶר עוֹלָם וואָס מעֶהר מעֶן פאַרשטעֶהט ניט, איז די תּוֹרָה נאָך העֶכיר, פין הויך, מֵחַיָה פָּשׁוּט. געֶהט דעֶר שמיעֶס בּיַי חסידים.

19.

מֶעזִיבּיז איז טאַקעֶ אַגרויסעֶ שטאָט, אין מעֶזיבּיז איז דאָ אַמשוּגעֶנעֶר, אַיוד פין דעֶר-פרעֶמד, נאָר עֶר איז שוין דאָס דריטעֶ יאָהר אין מעֶזיבּיז, הייסט עֶר אַמעֶזיבּיזעֶר משוּגעֶנעֶר, מעֶן ריפט איהם — עוֹבַדְיָה דעֶר משוּגעֶנעֶר, — ווי אַזוי עֶר איז אַהעֶר געֶקימין, צי גיפאָהרין, צי גיגאַנגין, ווייסט מעֶן נישט, עֶר אַליין רעֶט מיט קיינים נישט, אין בּאַהאַלט זעֶך אַגאַנצעֶן טאָג עֶרגיץ אין אַפּיסטעֶר שטיבּ, נאָר אַז עֶס ווערט נאַכט לויפט עֶר אַרים מיט אַהויכין שטעֶקין אין מיט אַצעֶבּראָכינים עֶמיר, אין שריַיט אַף דעֶר גאַנצעֶר שטאָט — איך עוֹבַדְיָה שרַיי סטרָאזוני אָגני (היט אייך פאַר פייעֶר) ראַטיוויט אייך, — אַזוי לויפט עֶר פליצים אין אַשטיבּ אַריַין מיט דעֶם גישריַי אין פאַרלעֶשט אַלעֶ לעֶכט, אַפילו דאָס פייעֶר אין אויוין פאַרגיעֶסט עֶר מיט וואַסעֶר, דאָס טיהט עֶר אַזוי גיך אַזוי אין איין אויגינבּליק, אַז אָקירשט מעֶן קיקט זעֶך אים, אהָא, עֶר האָט שוין אָפּגעֶטיהין זיַין זאַך, אין אַנט-לויפט שוין שטילעֶרהייט ווי אַפּיַיל פין אַבויגין. צעֶמאָהל, אַז עֶר האָט בּאַגעֶגינט אַף אַטיש אָדעֶר אַפין אויווין אַשטיק

װען זײַער שפּעט ערב שבּת אָנגעקומען אַהער קײן מעזשיבוש, האָבּן זײ געמוזט בּלײַבּן אַף שבּת-צי-נאַכטע.

נאָך איז דאָ אַף שבּת חנוכּה צום צדיק אָנגעקומען אײן טהײַערער אורח, אײן ארץ ישראל משולח ר' פישיל, מיט אַגבּאי, דער שטעהט טאַקע אײן בּײם צדיק, װײַל שבּת האָט ער געבּראַכט פון ארץ ישׂראל אַרױס שאַרפע בּריװ פון ר' אַבּרהמילע קאַלינסקער, דאָס איז אַחסידישער רבּי אין ארץ ישׂראל, שרײַבּט מען אַז דער ר' פּישיל איז אײן זעהר טהײַערער ייד אַחשוב בּײ ר' אַבּרהמילע קאַלינסקער, איז ער דען טאַקע דער רעכטער ארץ ישׂראל משולח.

דער ארץ ישׂראל משולח אַקלײנער אַשװאַרצער אַגעשטיפּילטער, אײד פון אַיאָהר פופציק, זײַער אַפּעטע, מיט אַגראָהליכער קאָלטוניװואַטע לאַנגער בּאָרד, אין צװײ דינע קערצע פּיאות, אַװײַסע יאַרמיקע שטעקט אַרױס פון אונטער דעם טערקיש פאַרװיקילטען קאָפּ מיט אַװײַסער פאַטשײלע, אָנגעטיהן פון װײַסער האַלידזיגע אַף טערקיש גינעהט אַלאַנגין דזיבּון (דאָס איז מיט פיעל קלײנע שמיקלירישע קנעפּילך מיט אַבּרײטין װאָלינים בּלאָהין גאַרטיל, אַף די פיס געהט ער אין טערקישע מעשטים (טערקישע געלע פאַנטאָפּיל אין זאָקין װענין אויך פון געלער לעדער) אַקול האָט דער משולח װי מען רײַבּט אַזאַק מיט װעלטשינע ניס, דער ארץ ישׂראל משולח רעט לשון קודש, נאָר ניט װי בּײ אונז, ער זאָגט אַף אַקמץ אויך אַפּתח, אַף אַמלופּים זאָגט ער װי אַקמץ, דעריבּער בּשעת מען האָט דעם ארץ ישׂראל משולח אױף געריפן צו דער תּורה שבּת — מורה מרינו ר' ירוחים בּמורה מרינו ר' יצחק — האָט ער געזאָגט די בּרכה — בּרוך אַתּה. —

דער נאָך האָט ער אַף דעם זײַן-ארץ-ישׂראל-לשון-קודש לשון גימאַכט אַמי שבּרך פריהר ר' אַבּרהמילע קאַלינסקער, דער נאָך דעם היגען צדיק דער נאָך אַנדערע חסידישע גוטע יודין װאָס דער עולם קאָן זײ אַלע.

דעם ארץ ישׂראל משולחס גבּאי גאָר אַיונגער יונג אַשענער יונג פון אַיאָהר צװאַנציק, חאַטשע ער איז אַהיגע-לענדישער, געהט ער אויך האַלבּ טערקיש.

שבּת בּײם עסין איז דער ארץ ישׂראל משולח געזעסין האַרט נעבּין צדיק, זײַן בּענקיל איז געשטאַנען תּיכּף נאָך דעם אױװין אָן פון פאָרינט, ניט בּײ דער װאַנט, איז ער אױסגעקומען מיטן פּנים צו דער װאַנט, נאָר ער האָט ניט אײן אויג אַראָפּ גילאָזט פונם צדיק, צום שלש סעודות אויך אַזױ, דערבּײ אַלץ מיט פרומע הװית

שטאָט גירעט אַפִין צדיק, איז לאַהיהפּאָליר קָהָל חַלְהַמּוֹעֵד סוּכּוֹת גיזעסין, אין האָבּין גימאַכט אַפּסק — מען זאָל אַהרנין אָפּזאָגין פין שַמָשׁוּת — חאָטשע אַהרן מיטן ווייַבּ ווענין אַרוֹיס גיפאָהרין קיין נימיעווקי אין האָבּין איבּער גיבּעטין דעם ויינוויילען, האָט קָהָל פּאָרט אַהרנין אַרוֹיס גיוואָרפין פינים שַׁמשׁ-שטיבּיל, אין גיוואָלט אוֹיף נעהמין שלֹמה בּישעכיס דעם דַרדקאָ מלַמד דעם קַבּצין פאַר אַבֵּית מֶדרֶשׁ שַׁמָשׁ. איז קיין אַנדרע עֵצָה ניט גיוועזין, נאָר אַהרן מיטן ווייַבּ זאָלין פאָהרין קיין מעזיבּיז אַף שַׁבָּת חֲנוּכָּה בִּפרָט דער פּרנס חודש ר׳ טוביָה בּילעָנקיס איז אַצינדערט אויך דאָרטין זאָל מען בּעטין דעם צַדיק ער זאָל אָנזאָגין דעם ר׳ טוביהן, מען זאָל אַהרנין ווידער לאָזין זייַן בּית מֶדרֶשׁ שַׁמָשׁ.

אַהרן וואָלט ניט גיפּועלט, ווייַל טוֹביה בּילעָנקיס האָט נאָך צי גילעגט עטליכע שלעכטע ווערטער פאַרין צַדיק צי די ווערטער וואָס שָׂרה האָט געשריגין אַף דער גאַס אין לאַהיהַפּאָלי, ווייער גליק איז גיוועזין, אַז ויינוויילע איז דאָ גיוועזין, האָט ער גיבּעטין דעם צדיק אין ר׳ טוביה האָט אויך געמיזט ויינוויילען צי ליבּ טיהין, ווייַל ער דאַרף דאָ נעהמין דאָס גרויסע שַׁדכָנוּת-געלט בּייַ איהם.

געפּועלט, דער צַדיק האָט גיזאָגט — ער איז מוחל, דערצי האָט זיא דער קודשא בּריך הוא גישטראָפט, דער פאַר איז איהר שיינצי פאַרלוירין גיוואָרין — (איי דאָס איז פריהר גיוועזין, אַזעליכע זאַכין הייסין בּייַ אינזערע חסידים — דעם רֶבּינס קיק —) הייסט ער ר׳ טוביהן, אין ר׳ טוביה זאָגט צי, אַהרן איז ווידער שַׁמָשׁ, נאָר קָהָל זאָל ניט דאָרשטיק זייַן, זאָל ער אין דערהיים שטעלין איין עמיר מעה.

אַהרן מיטן ווייַבּ שָׂרהן, זענין ערב שַׁבָּת חֲנוּכָּה דערפרייט גיוואָרין מיט ר׳ טוביהס הַבְטָחה, נאָר זיי זענין געבּליבּין שַׁבָּת האַלטין אין מעזיבּיז, זינטיק אי״ה פּאָהרין זיי אַהיים, אין גלייַך צים בּית מֶדרֶשׁ אַף זייער אָרט כְּבָראשונָה.

עטליכע רעגדאַרים מכּוֹח פּריצים וואָס הייסין זעך גיבּין גרויסע הוֹסָפוֹת, זענין אויך פאַרטיק גיוואָרין ערב שַׁבָּת, אַנידער-גילעגט קערבּליך אַף פִּדיוֹנוֹת, ר׳ וועלוולין דעם בּריָה אויך אַריין גערוקט עפּיס. האָט ער אַף אַקוויטיל אוֹיף געשריבּין דעם רעגדאַרס נאָמין ווי ער אין זייַן מאַמע הייסט (בּייַ פִּדיוֹנוֹת דאַרף מען ניט וויסין דעם פאָטערס נאָמין, נאָר דער מיטערס נאָמין) אין דעם פָּריץ׳ס נאָמין מיט זייַן מיטערס נאָמין, זענין די רעגדאַרים שוין גאַנץ פאַרזיכרט, אַז עס וועט רעכט זייַן, דער פָּריץ וועט גאָר איין אַנדרער מענש ווערין, נאָר איין איינציקער קרעטשמאַר מיט אַווייַבּ

כּדוּמה גינעטהיקע זאַכין, אַשוויגער מיט איין איידים פאַרלאָזין זעך, דער גיטער-יוד זאָל צווישען זיי אַלאַד מאַכין, אָדער אַרענדאַר טיהט אַשודך מיט אַרבּינס חָסיד. אַזעליכס טיהט זעך נישט אָן דעם חסידישין גיטען יודין, אַזעליכע אורחים קימין אַף שַׁבּת הַנוכּה אַהער, דערצי לעגט אַלץ דער רבּי דער גיטער-יוד ניט צי, ער מאַכט געלט פין אַזעליכע זאַכין אַוודאַי אויך.

דעם שַׁבּת חַנוכּה איז געקימין קיין מעזיבּיז צים צדיק. ר׳ דָוד סמיק מיט זיין ווייבּ בּריינה-דאָבּריש, אין דער איידים פין דער גישטאָרבּינער איינציקער טאָכטער, די אַלע דריי האָבּין ערב שַׁבּת-חַנוכּה אַריין גיטראָגין צוואָנציק רענדליך, ווייל זיי ווילין זיינווילע זאָל יאָה נעהמין אַווייבּ, ער איז אַיונגער מאַן, אין ר׳ טוביה בּילענקים רעט איהם אַשידך, ער זאָל נעהמין בּיי גבריאל גיטולים אַמיידיל, איז דאָ געקימין דער ר׳ גַבריאל גיטילים מיט טוביה בּילענקים אויך צים צדיק ער זאָל מאַכין, אַז ר׳ גבריאַל זאָל מרוצה ווערין, זיין קינד זיין טעכטיריל זאָל אַף תּמיד זיין אין נימיעווקע בּיי בּריינה-דאָבּרישין אַף אייבּיקע קעסט, כּדי בּיילצים יונגילע אין די קינדער וואָס זיינווילע ועט האָבּין מיט אַנדערן ווייבּ ר׳ גבריאלס טאָכטער, זאָלין אַרים זיי זיין, ועט זיי זעך דאַכטין סיי בּיילצי, ר׳ גַבריאַל גיטילים זאָל דעם צדיק גיבּין תּקיעת-כּף, אַז ער וועט קיין מאָהל ניט זאָגין — איך וויל מיין טאָכטער מיט מיין איידים זאָלין בּיי מיר אין לאָהיהָפּאָלי זיין. —

גיפּועלט, דער צדיק הייסט, גיבּט ר׳ גבריאל גיטילים תּקיעת-כּף, נאָר ר׳ דָוד סמיק זאָל אויך גיבּין תּקיעת-כּף (אַז זיסט וואָלט מען דעם שווייגינדיקין דָוד סמיק גאָר ניט מיט-גינעהמין, אַף תּקיעת כּף צי גיבּין טויג בּריינה-דאָבּריש נישט, ווייל זיא איז צאַנצילאָמיש מחילה איין אשה) אַז די קינדער וואָס ועלין זיין, זאָלין זיין גלייכע יורשים ווי יענץ יונגילע פין בּיילצין, דאָס אויך גיפּועלט, אין אַפילו חוץ דעם תּקיעת כּף, האָט מען גימאַכט כּתבים דרויף. ר׳ גַבריאל גיטילים האָט דעם רבּין אויך אַפּיפציקער גיגיבּין, אין וועלווילע בּריה האָט גינעהמין אַרויט רענדיל פאַרין שרייבּין.

נאָך אַפּאָר פּאָלג זענין געקימין פין לאָהיהָפּאָלי אַהער, אַהרן בּית מדרש שַׁמש מיט זיין ווייבּ שָׂרהן, בּאַשר, ווייל זיא שָׂרה איז אָנגיפאַלין דעם אָסטרחר מגידם אייניקיל זיינווילען אין אַהרן האָט אויך אינטער גיהאָלפין דעם זיינווילען מביש צי זיין (דענצמאָהלט ווען בּיילצי איז גישטאָרבּין) דערצי האָט זיא שָׂרה איבּער דער גאַנצער

(אָדעֶר ווִי . . . האָט איינִים געֶרִיפִין — דִיא האָסט ווייעֶר אַשטאַרק פָּנִים — יעֶנעֶר האָט נִיט פאַרשטאַנִין, אַז דִי ווערטעֶר הייסִין אַף לָשון קוֹדֶש — עַזוּת פָּנִים —) עֶר האָט אַמאָהל גִיזאָגט צִים שפּאָלעֶר זיידִין (אויך אַחסִידִישעֶר גִיטעֶר יִוד אִין זיין ווינקִיל) — פאַר וואָס רִיפט מעֶן אײַך זיידעֶ, לאָז מעֶן אײַך רִיפִין באַבּעֶ? דאָס זִידלִין אִיז נאָר גִיוועֶזִין, כּדי מעֶן זאָל זאָגִין, אַז עֶר . . . נאָר עֶר אִיז דעֶר גרעֶסטעֶר גִיטעֶר-יִוד, אַלעֶ אַנדעֶרעֶ גִיטעֶ-יִודִין זעֶנִין אַקעֶגִין אִיהם אַגאָר נִישט.

דעֶר שפּאָלעֶר זיידעֶ, האָט אִין דעֶם אויגִינבּלִיק קלִיגעֶר גִיעֶנטפעֶרט ווִי דִי נאַרִישעֶ גאַוה-קַשה אִיז גִיוועֶזִין, עֶר האָט אִיהם אַזאָג געֶטִיהִין — וואָס אִיז דעֶן מִיט אײַך דעֶר יִחוּס, ווען נִיט-דעֶר זיידעֶ, — (דעֶם . . . האָט עֶר גִימיינט), לעֵת עַתָּה אִיז אִיהם ווייעֶר וואָיל גִיראָטהִין צִי זיין גַדלוּת, אַז דעֶר גרויסעֶר אִיז צִי אִיהם געֶקִימִין, פִין אַזוֹי ווייט פִין יאַס צִי אִיהם, מִיז דעֶך אַוודאַי געֶדרִינגעֶן זיין, אַז עֶר אִיז, דעֶר גרעֶסטעֶר גִיטעֶר-יִוד.

מִיט וואָס דעֶר יאַסעֶר (שוין האָט מעֶן אִיהם געֶרִיפִין נאָר — דעֶר יאַסעֶר) אִיז פִין דעֶם מעֶזִיבּיזעֶר אַוועֶק גִיפאָהרִין, קאָן מעֶן זעֶך מַשער זיין — דִיא ווייסט נִיט, אִיך ווייס נִיט, נאָר לאַגִין אִין געֶלט נעֶהמִין, גִיט, דאָס טויגִין מִיר, מאַכִין מִיטן מוֹיל אִין מִיט דִי העֶנט קאָן אִיך וואָיל, אִין דאָס קאָנִין מִיר בּיידעֶ.

אַז דעֶר . . . אִיז אִין אַהאַלבּ יאָהר (דאַכט זעֶך נִיט לעֶנגעֶר) אַרִים, גִישטאָרבִּין, האָט דעֶר יאַסעֶר ווייעֶר גִיט פאַרשטאַנִין, אַז עֶר מעֶג זעֶך אַריין חאַפִּין אַף דעֶם רֶבִּינס אָרט קיין מעֶזִיבּיז, וויל עֶר קאָן דעֶך דאָס וואָס יעֶנעֶר האָט גִיקאָנט.

אַזוֹי אִיזִים תקעג" דעֶר יאַסעֶר אִין מעֶזִיבּיז, אִין מאַכט מִיט דעֶר רייף וואָס יִודִין רִיפִין — מאַכִין מִיט דעֶר רייף — ווייסִין דִי וואָס לעֶיעֶנִין דאָס מַעֲשׂה בִּיכִיל) מעֶהר געֶלט ווִי אִין יאַס, דאָרטִין רעֶכִינט מעֶן אַף טעֶרקִישעֶ טאָהלעֶר, לִיעֶווִים (אַלִיעֶוו אִיז נאָר אַהאַלבִּין רוּבּל אַסִיג) אַרִים מעֶזִיבּיז רעֶכִינט מעֶן אַף קעֶרבּלִיך אָדעֶר אַף רוּבּל אַסִיגנאַציִעֶם.

נאָך עֶפִּים דאַרף מעֶן צִי ווִיסִין, אַז אַף ראָש הַשָּׁנָה זעֶנִין בּיי אַחסִידִישִין רֶבִּין פִיעֶל אוֹרחִים, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִיז דעֶך גאָר נִיט לאַנג נאָך ראָש הַשָּׁנָה, אִיז גאָר וועֶנִיק אוֹרחִים, נאָר סיידִין אַרעֶנדאַרִים וואָס פאַר נאָוועֶ גאָד האָבִּין זיי צִי טִיהִין מִיט דִי פּרִיצִים מִכּוֹח ווייעֶרעֶ אַרעֶנדִים, איין פָּרִיץ הייסט זעֶך גִיבִּין אַהוֹסָפָה איין אַנדעֶרן וויל עֶמִיצַר אויסדִינגִין דִי אַרעֶנדעֶ, פאָהרט מעֶן צִים בַּעַל מוֹפת עֶר קאָן דעֶרצִי העֶלפִין,

שכירות, בעסער טיהט ער זעך אוואָרף אַף דער נייער מאָדע חסידישע שלש-סעודתין צי פראַווין מיט פינצטערע זאָגיכצין פין קלאָמערש קבּלה, סתרי תּורה, דאָס געהט פּינים מויל ווי אַוואַסער אין מאַכין פּדיונות, דער-פּאַר צאָהלט מען טהייערע, אין איין שעה קאָן מען הינדערט רענדליך נעהמין, (בּיי די וואָס גיבּין,) אין סיז דאָ געניג, אין עס ווערט נאָך אַלע טאָג נתרבה געבּערס, אין געבּערס.

נאָר ווידער דאָס מעשהלע, אין דערהיים אינים שטעטיל . . . קאָן ער דעך ניט מעהר זיין (ווי דאָס פּריציל ליפּינסקי) פין אַרביל, אנא די עצה (צי ווערין אַפּאָראָזנע גראַף, אַוועג-גראַף) איז דאָס רביל אַרויס געפּאָהרין קיין יאַס, דאָ אין מאָלדאַווע, פּיל מיט עמי הארצים-יודין, כּמעט אַזוי גראָב ווי די מאָלדאַוואַנים, דאָ האָט זעך ערשט אָנגיהויבּין אַריין צי נאַדין חסידאַרני, דאָ איזיס דאָס רביל גיוואָרין דער . . . רב, אַגרויסער צדיק אין אַבּעל מופת, אַחסידישער גרויסער גיטער יוד, (די מאָלדאַוועער גראָבּע-יונגין זענין מן הסתם גרויסע מבינים אַף די אַלע זאַכין, בּאמת אָבּער, ווייסין זיי פין קבּלה אין פין פּדיונות, ווי פין דעם וואָס דער רמבּ"ם זאָגט אינים קודש החודש) חסידים, מאָלדאַוואַנסקי חסידים, האָבּין דעם גרויסין צדיק טאָג אין נאַכט זייער הויך גילויבּט, אין געלט האָט ער אויך אָנגיהויבּין גישמאַק צי שאַרין אין קעשינע אַריין.

פּאָרט האָט דער רב דער גיטער יוד, בּיי זעך געוויסט, אַז ער ווייסט נעבּיך גאָר נישט, געמיינט האָט ער, אַז דער אַנדערער דער איז דעך דעם . . . איין איינינקיל, אין וואָינט ניט אין דעם עם הארצישין מאָלדאַווע, אין מען לויבּט איהם אַזוי שטאַרק, ניט אַנדערש, דער רבי מיז יאָה עפּיס ווייסין, אַף הוצאות אַהין קיין מעזיבּיז דאַרף ער ניט מיט-נעהמין זיין געלט, אַף דעם גאַנצין וועג וואָינין דעך יודין וואָס טראָגין אין גיבּין געלט פין אַלע זייטין, אנא אַפּאָהר געטיהין מיט אַגרויסין איף ציק, מיט אַקאַריטע מיט פיר פערד, אין קבּצנים חסידים אַף בּאָידין זענין אויך גיפּאָהרין, אָן הוצאות, אַפין וועג נעבּין צדיק האָט מען זיי אויך אַריין גערוקט עפּיס.

דער פּאָדאָרזשנע גראַף, איז מיט די אַלע בּיישפּילערס אָנגעקימין צי צדיק קיין מעזיבּיז — דער גרויסער רבי אַליין, איז געקימין צים רבין . . . — האָט געקלונגין צווישין די חסידים אַף דער מדינה.

ווער עס האָט גיקאָנט דעם . . . ווייסט, אַז דאָס האָט איהם בּיי זעך זייער הנאה געטיהין, דער . . . איז גיוועזין אַגדלן, אַבּעל גאוה, דערצי מיט אַשאַרף מויל

חלפנים האָט מען געפינען אין מעזיבוז, אַשטאָט כּמעט פיל מיט לומדים, עטליכע גרויסע לומדים און בעלי בתּים וואָס האָבן געקאָנט לערנען.

חאָטשע מעזיבוז איז דען די ערשטע הויפט-נעסט געווען ווי חסידיזם האָט זעך פאַרפלאָרט פאַר אַיאָהר פופציק (פאַר תקע"ג) אין דער פוילישער מדינה, און מעזיבוז האָט דען געוואוינט דער ר' . . . דער ערשטער חסידישער בעל שם, דער חסידישער בעל טופח, כּמעט ווי מאַהאָמעט ביי די אַראַבער, און ביי די טערקען (נאָר וואָס מאַהאָמעט איז דערצו געווען אַגרויסער גיבור מלחמה אויך, אָבער זיין ספר — קאָראַן — איז די גרעסטע העלפט פיל מיט חסידישער פלוידעריי, דאָס וואָס חסידישע רבּים ריפן — תּורה —) חאָטשע דער ר' . . . קומט אַרויס פון מעזיבוז, און האָט געוואוינט אין מעזיבוז, געפינט מען עד היום (תקע"ג) אין דער שטאָט מעזיבוז ניט אַמעשר מן המעשר חסידישע זאַכן, אָדער רעכטע חסידאַרני, אַקעגן אַנדערע שטעט ווי עס קישוט מיט חסידים.

האָט אַפּנים, אַז דער איינציגער תּריץ פון ליפינסקים שלייַחטיץ, איז דאָ אויך, אין מעזיבוז האָט ער גיהייסן . . . דער בּוֹבים (אַזוי שטעהט אינים . . . . .) נאָר אַף דער מדינה האָבן איהם די פאַקטערלעך און די אַלע וואָס האָבן זעך גישאַסטיט אַרים איהם, גימאַכט חן, און האָבן איהם געריפן — ר' . . . . — פּאָדרוזני גראַף.

דעם תּריץ, פאַר וואָס סיז אַזוי געוואָרן פאַרפלייצט איבער דער מדינה? געפינט מען אינים ספר חסידים, אַהער צו אינזער מעשה קעהר נאָר, אַז זינט דער . . . איז גישטאָרבן, האָט אין מעזיבוז ניט געוואוינט קיין גרויסער חסידישער רבי, בּיז זיין איינקיל . . . אַז מען האָט איהם אַרויס געטריבן פון טאָלטשין, און נאָך דעם, אַז ער האָט זעך גיוואַלגירט (אַגאַנץ יאָהר דאַכט זעך) אין בראַצליב, האָט זעך דער . . . אַריין גיחאַפּט קיין מעזיבוז, און איז אין מעזיבוז בּערך תּקע"א געשטאָרבן.

פאַר דעם . . . שטאַרבן האָט זעך גיטראָפן איינער וואָס איז פריהר געוועזן אין אַקליין שטעטיל אין פוילין . . . . אַרביל דאָס רביל, האָט דאָס געטיהן, וואָס פיעל אַנדערע רבלעך און מגידים פון קליינע שטעטליך האָבן געטיהן, ער איז אויך גיפאַלין אַף דעם שכל, נאָך וואָס זאָל ער זעך מיטשין אַדרשה מיט אַרמבּ"ם פאַר ענטפערן און אַפשט גימרא צו זאָגן אינים שטעטיל . . . פאַר צעהן גילדין אַוואָך

18.

מֶעזִיבּ֗ז שַׁבָּת חֲנוּכָּה.

אַפּוֹילִישׁ פָּרִיצִיל לִיפִּינסקִי פִין אַקלַיין שטעֶטִילעֶ בַּיי מָאהלִיב, אִיז פַּאר עֶטלִיכעֶ יָאהר אָנגעֶקִימִין צִי פָאהרִין אִין אַרוּסִישעֶר שטאָט אַרַיין, דָא אִיז גרָאד גִיוועֶזִין אַסוֹחֵר וואָס האָט גִיקאָנט דעֶם לִיפִּינסקִין פִין דעֶרהַיים, אַז דעֶר סוֹחר העֶרט דִי פַּאקטוֹירִים אִין אַלעֶ וואָס דרעֶהן זעֶך אַרִים דעֶם לִיפִּינסקִין, רִיפִין אִיהם אַלץ — פַּאן גרַאף, פַּאן גרַאף — פרעֶגט דעֶר סוֹחֵר מִיט אַכַּעס אַף פּוֹילִישׁ לָשׁוֹן — סטאַטשׁ, לִיפִּינסקִין קאָן אִיך דעֶך זַייעֶר גִיט פִין דעֶרהַיים, אַז עֶר אִיז בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט קַיין גרַאף, אַפִילוּ נִיט קַיין אִינטעֶר חֵלֶק פִין אַגרַאף, — עֶנפטעֶרט אַיינעֶר פִין דִי פּוֹילִישׁ חֵן מַאכעֶר שלַייחטִיצִים, וואָס אִיז לִיפִּינסקִים לַייבּ-מעֶנשׁ, אַף פּוֹילִישׁ — פַּאן לִיפִּינסקִי, יעֶסְט פָּאדָארָזְנִי גרַאף. —

דעֶר סוֹחֵר האָט אַרוֹיס גִילאָזט אַגרוֹיס גִילעֶכטעֶר, אִין האָט דִי פּוֹילִישעֶ תְּשׁוּבָה אִיבּער גִיזאָגט אַף רוּסִישׁ אִין אַף יוּדִישׁ כְּדֵי אַלעֶ זָאלִין פַארשטעֶהעֶן — חאַ חאַ חאַ, לַאכט רַבּוֹתִים, אַגִילעֶכטעֶר חלעֶבִּין, דעֶר שלַייחטִיץ זָאגט, אַז דעֶר לִיפִּינסקִי אִיז אִין דעֶרהַיים אַפּראָסטעֶ שַׁלֹשׁ-סְעוּדַת-פָּרִיץ, נאָר אַז עֶר פָאהרט אַרוֹיס פִין דעֶרהַיים אַפִּין וועֶג ווערט עֶר תָּמִיד אַוועֶג-גרַאף אַלעֶ האָבִּין זעֶך צעֶלַאכט.

דוּרך דעֶם קלַיינִים מַעֲשֶׂהלעֶ פִין דעֶם לִיפִּינסקִין, וועֶט מעֶן פַארשטעֶהעֶן וואָס מעֶן וועֶט ווַייטעֶר לעֶיְנִין פִין דעֶר שטאָט מעֶזִיבּ֗ז.

מעֶזִיבּ֗ז אִיז אַיין אַלטעֶ יוּדִישעֶ שטאָט (אִין קאַמִינִיץ פַּאדאָלסקִיר גוּבּעֶרנִי) פִין לַאנג. אָן אִיז מעֶזִיבּ֗ז גִיוועֶזִין אַהאַנדִילשטאָט, פִיעל גרוֹיסעֶ סוֹחֲרִים העֶרטאָוונִיקִים פִין אַלעֶרלַיי פּרִידִיקטעֶן אִין סְחוֹרוֹת, גרוֹיסעֶ עֲשִׁירִים, אִין געֶלט-קאַנטאָרִין אִין גרוֹיסעֶ

פין אַפּאַקטעֶר אַלאַהיָהָפאַליר יודליק, איז עֶר אין איין יאָהר געוואָרין אַגאַנצעֶר מעֶנש, איין אויף גיקלעֶהרטעֶר מעֶנש, באַקלייט ווי אַשרָרה, אַפאָר טויזענט רובל געֶלט האָט עֶר, אַזייגיריל אַוואַילס מיט אַזייגעֶר-קייטילעֶ דעֶרצי, אין נאָך מעֶהר, עֶר ווייסט אַצינד פין פאָדראַדין עֶסקים, אַביסיל האָט עֶר אַליין גיהאַט צו טיהין ביי אַשפיטאָל, אין פין פּעֶרעֶוואַזקים מיט אַנדעֶרעֶ פאָדראַדין האָט עֶר גיהעֶרט אין גיזעֶהן, איז איהם טאַקעֶ גאַנץ גיט אַהיים צו פאָהרין.

מעֶיכל איז מיט פּאָטשט גיפאָהרין, ווייעֶר גיך אָנגעֶקימין קיין זוויהעֶל (נאָוואָ-גראַד-וואָלינסקי הייסט דאָס שטעֶטיל אַף רוסיש) אַריבעֶר די רוסישעֶ גרעֶניץ,

דאָ איז חליעֶבאָווס קרוב אַוועֶק גיפאָהרין קיין קיאָב, אין מעֶיכל האָט זעֶך גינעֶהמין זיין וועֶג ווייטעֶר צו פאָהרין ווי היו עֶר האָט גידאַרפט.

17.

דעֶר פאַר וואָס יעֶנעֶר פּרק 16 איז צו לאַנג גיוועזין, דעריבּעֶר איז דער פּרק 17 גאָר אַקערצעֶר.

ווי גיט מעֶיכלן איז גיוועזין בּיי דעם אָקסמאַנעֶן, עֶר האָט גיהאַט גיט צו עעסין אין גיט געֶצאָהלט זאַליוואַניע, פין די סוחרים אין בּרעֶסלעֶ בּיי די וואָס עֶר האָט איינגעֶקויפט פינים שפּיטאָל-וועֶגין, האַט מעֶיכל אויך גיהאַט אַלעֶ מאָהל מתּנות, געֶלט אין אַזייגעריל אין פּאַטשיילים זיידינעֶ, אַחוץ דעֶם האָט עֶר זעֶך אויסגילעֶרינט אַבּיסיל דייטש רעֶדין אין אַלדים גיטץ גיהעֶרט בּיי אָקסמאַנעֶן אין פין די מעֶנשעֶן וואָס זענין אַריין געֶקימין צו אָקסמאַנעֶן, אָדעֶר וואָס אָקסמאַן האָט מעֶיכלן מיט-גינעֶהמין, אַז עֶר איז גיגאַנגין צו זיי, אינים עסק שפּיטאָלעֶן איז מעֶיכל געֶניט גיוואָרין, אַלץ איז פאַר מעֶיכלן גיוועֶזין אַגליק, נאָר דאָס גליק האָט ניט לאַנג געֶדויערט, פּליצים איז אָנגעֶקימין פין דעֶם יעֶנעֶראַל אינטעֶנדאַנט אַפּאַפיר — מעֶן זאָל אַלעֶ קראַנקעֶ סאָלדאַטין אַוועֶק שיקין פין בּרעֶסלעֶ קיין פּוילין, אינים קסאָנזטוואָ וואַרשאַווסקי — וועט דעֶם קייסעֶר ניט קאָסטין די שפּיטאָלין, אין בּרעֶסלעֶ מיז דעֶר קייסעֶר זיי האַלטין פאַר זיין געֶלט, דאָרטין אין קסאָנזטווע וואַרשאַווסקי וועֶט די פּוילישעֶ קאַסעֶ צאָהלין די פּאָדראַדשיקים.

אָקסמאַן האָט גיעֶקט דאָס עסק, אין מיז ווייטעֶר פאָהרין זיכין איין אַנדעֶר עסק פין ווייניטוועֶגין בּיי דעֶר הויפּט קוואַטיר.

מעֶיכל האָט ניט גיוואָלט ווייטעֶר פאָהרין זיכין, אין האָט אָפּגינעֶהמין זיינעֶ שכירות פאַר אַנדעֶר האַלבּעֶן חדשים, אַחוץ דעֶם, האָט איהם אָקסמאַן גישעֶנקט הינדעֶרט פּריסישעֶ טהאָלעֶר אַמתּנה פאַר זיין גיטריישאַפט, מעֶיכל האָט אָקסמאַנעֶן אין דעֶר קעֶרצעֶר צייט איינגיבּראַכט מעֶהר פין טויזעֶנט טהאָלעֶר, איז עֶר דעֶך ווערט גיוועֶזין די מתּנה.

פיניף טאָג אין כּסליו (דעֶן 18 נאָוועֶמבּעֶר 1813) תקע"ג, איז מעֶיכל מיט חליעֶבּאָווס אַקרוב וואָס איז מיט פּאָטשט גיפאָהרין פין דעֶר הויפּט קוואַטיר קיין קיאָב האָט מעֶן איהם געֶשיקט — זייעֶר גיט אויך גיפאָהרין, אָן הוצאות האָט חליעֶבּאָווי איהם געֶהייסין מיט נעֶהמין אַהיים.

אַז מעֶן וויל אַקיק טיהין פּאָפּראָסטעֶ, איז דעֶר מעֶיכל זייעֶר גליקלעֶך, פין אַבּעֶלפעֶר

טָרוּד, אוֹיף צוּ פּאַקִין מיינע זאַכין איבּערצוּפיהרין אַף אַוועגילע, טיהט ער מיך אַפרעגע (— וואָס איז דאָס) איהר פאָהרט אַוועק?

דענצמאָהל האָבּ איך טאַקע וויא דער עוֹלם זאָגט — מיין שווער הארץ צוּ זיין קאָפּ אויסגילאָזט — צוויי כּפל שמוֹנה פּעטש האָבּ איך איהם גיגיבּין, אין האָבּ איהם גיגיבּין צוּ פאַרשטעהען, אַז איך וויים זיין מעשה פון ר׳ לייזר דילאָנ׳ס פּעטש, אין פאַר וואָס אַפילוּ, מען האָט איהם אַזוֹי מכבּד גיוועזין, אין אַז מכּוֹח דעם פּאַלשען שטערינטכיל האָבּ איך ערשט היינט גיוואָהר גיוואָרין, איך האָבּ מיך נוֹקם גיוועזין אין דעם הילטיי, וויא ער איז ווערטה גיוועזין.

ער ליפּה איז נאָך דעם אייגינים טאָג אַנטלאָפין גיוואָרין צעפּים פון קאָליש, ניט אַזוֹי וויל ער האָט מוֹרא גיהאַט פאַר דעם וועקסיל זיסיל דעם בּעל עגלוֹת, ווי מען האָט מיר דערצעהלט, האָט ר׳ לייזר דילאָן איהם געזיכט מיט קאָזאַקין אַף דער קוואַטיר, ליפּאָ האָט מן הסתם גיהערט, אַז מען זיכט איהם, האָט ער גימאַכט — ווי די פּוֹילישע יודין זאָגין אַף אַנטלויפין — גימאַכ׳ט פּים. —

נאָ האָבּ איך אייך גיעקט די מעשה פוּנים פּאַלשין שטערינטיכיל אין גאַנצין, אַצינד מעג איך אַהיים געהן, איך דאַרף פריה אוֹיף צוּ שטעהן.

אַגיטע נאַכט, אַגיטע נאַכט, פון אַלע זייטין האָט אייגער דעם אַנדערן גיזאָגט אין מען איז איטליכער אַהיים גיגאַנגען, מיט אַשעניםדאַנק אָקסמאַנען פאַר דער וואָילער לאַנגער ציקאַווע מעשה.

אַפין וועג געהנדיק פרעגט מיכל אָקסמאַנען — יאָה איך האָבּ פאַרשטאַנין די גאַנצע מעשה, נאָר אַזאַ יודיל ווי איך, וויים גאָר נישט, אוֹיב סיז דאָ פאַלשע פעריל וואָס זאָלין אַפּנים האָבּין וויא גיטע פעריל.

חאַ חאַ חאַ — לאַכט אָקסמאַן — אין דיין לאָהיהפּאָלי איז ניט גיט פאַר אַזאַ ליפּאָ לעוויט, דעריבּער האָט ער אין בּארדיטשיב געמיזט קויפין צישין די גאַלאַנטערי קרוֹמען, דאָרטין קויפין אַלע פריצים, היא אין בּרעסלע די דייטשקים קויפין אויך פאַלשע פעריל אין געהען אָנגעטיהין תּמיד דרינין, ווי די פּאָווירטים בּיי אינז אין פאַצירקים.

יוֹנג האָט אַפִּילוּ קֵיין דֶּרֶךְ אֶרֶץ נִישט, קִים אַהעֶר דִיא, מִמָה-נַפְשָׁךְ בַּארעֶכִינְט אַיְיךְ ר׳ לִיפָּא מִיט אִיהם, ווִי פִיעֶל אִיהם קִימט סַךְ הַכֹּל, אִין גִיבּט אִיהם אַשְׁטַר חוֹב אַף עַטלִיכֶע טָאג (דעֶרבַּיי זָאג אִיךְ צִי לִיפָּאֶן, שטִילעֶר אַבִּיסִיל, נָאר דעֶר בַּעַל עֲגָלָה זִיסִיל זָאל הוֹיךְ העֶרִין) אִין נעֶמט אָפּ דעֶם מַשְׁכֹּן, נָאךְ-וואָס זָאל עֶר האַלטִין דעֶם מַשְׁכֹּן? אַז מִיר ועֶנִין שׁוֹין אִין דעֶר הוֹיפּטקוואַטִיר. —

לִיפָּא אִיז אַוַודַאי מְרוּצֶה גִיוואָרִין, אַרוֹיס צִי חַאפִּין דעֶם פַאלשִׁין פֶּגֶר פִין דעֶם בַּעַל עֲגָלוֹת הענט, אִין דעֶר בַּעַל עֲגָלָה זָאגט אוֹיךְ — אַז ר׳ לִיפָּא זָאל לעֶבּעֶן הַיינט אַזוֹי בִּין אִיךְ מְרוּצֶה, לָאז זַיין מִיט פִיר טָאג ספּעֶטעֶר דִי געֶלט מִיר אַוועֶק געֶבִּין, סִיז נִיסט כְּדַאי, פִיר טעֶג, לָאז זַיין פִיר טעֶג. —

געֶשׁווִינד האָבּ אִיךְ אִיהם געֶהַייסִין אַרַיין רִיפִין דעֶם בַּעַל הַבַּיִת פִין דעֶם גַאסט-הוֹיז עֶר זָאל אַף דַייטשִׁירִישׁ אָנשׁרַייבִּין אַשְׁטַר חוֹב, ווִיא אִין קָאלִישׁ אִיז דִי מָאדעֶ.

לִיפָּא האָט צִים אוֹיף גִיחֶשְׁבִּינט, אִיז דעֶם בַּעַל עֲגָלָה זִיסלִין געֶקִימִין סַךְ הַכֹּל טוֹיזעֶנט מִיט דְרַיי הִינדעֶרט אִין אַכטצִיק רוּבּל אַסִיגנַאצִיעֶס, דָאס האָט מעֶן בַּארעֶכִינט אַף פְרַייסִישׁעֶ טָאלעֶרס, אִין אָנגעֶשׁרִיבִּין אַשְׁטַר חוֹב אַף פִיר טָאג, אִינזעֶר לִיפָּא האָט זעֶךְ געֶשׁווִינד גִיחַתְמִיט, דעֶר דַייטשׁ דעֶר בַּעַל הַבַּיִת מִיט נָאךְ אַיינִים הָאבּעֶן זעֶךְ געֶחַתְמִיט פַאר עֵדוּת, אִיךְ בִּין אִימִיסנעֶ אַרוֹיס גִיגַאנגעֶן נִיט צִי זַיין דעֶרבַּיי.

בֵּיידעֶ הָאבּעֶן גִילוֹיכט, דעֶר בַּעַל עֲגָלָה זִיסִיל האָט געֶמַיינט אַמַלאַךְ שׁפִּיעֶלט זעֶךְ מִיט אִיהם, אַז דעֶר ר׳ לִיפָּא האָט צִי גִינעֶהמִין דִי אַפּוֹיתִיקָא צעֶוואָרפִינעֶרהַייט אִין מַאכט נִיט קֵיין שׁוּם פֵּירוּשׁ נִיט, אַלעֶ חֲתוּמֶת אוֹיף געֶרִיסִין, אִין ר׳ לִיפָּא פרעֶגט נִיט אִין קִיקט גָאר נִיט, לִיפָּא ווִי עֶר האָט בַּיי זעֶךְ געֶווִיסט דִי צָרָה, האָט עֶר אַחַאפּ געֶטִיהִין מִיט בֵּיידעֶ הענט דעֶם פֶּגֶר, פָּטוּר צִי ווערִין דִי סַכָּנָה וואָס עֶר וואָלט אַוַודַאי גִיקָאנט געֶהן סִיבִּיר דעֶר פַאר, חַאפּט אַוועֶק, אִין תֵּיכֶף טַאקעֶ געֶזִיכט אַיין אָרט ווִי פַייעֶר בּרעֶנט אִין דעֶר רִיבּעֶ, אַרוֹיף גִילעֶגט דעֶם קָרְבָּן אַף דעֶם מִזְבֵּחַ, אִין פַארבּרעֶנט עַד לְעָפָר.

אַזוֹי בּרִידעֶרלִיךְ בִּין אִיךְ דוּרךְ אַבִּיסִיל שֵׂכֶל, נִיצל גִיוואָרִין, פִין אַזַא בִּיטרעֶר וַאךְ, נָאר מִיט אַהאַלבּעֶר שָׁעָה שׁפּעֶטעֶר, אַז דעֶר לִיפָּא, אִיז געֶבּלִיבִּין זִיצִין בַּיי זעֶךְ אִין שׁטִיבִּיל, האָבּ אִיךְ מִיר מַיינעֶ זַאכִין אַיינגִיפַּאקט, אִין האָבּ מִיךְ אַרוֹיס געֶצוֹיגִין פִין דעֶר קוִיאַטִיר, גָאר אַף אַיין אַנדרעֶר גַאס צִי אַיידִין, דעֶר לִיפָּא האָט גִיזעֶהעֶן מִיךְ

עֲגָלה צִים אַלִים עֶרשטעֶן גִיפרעֶגט, — וואָס ווִילסט דִיא שלעֶכטעֶר מעֶנש האָבִּין פִין מִיר? דִיא ווייסט אַז דִיא בִּיסט לִיפּאֶס בַּעַל עֲגָלה אִין דעֶר לִיפּאֶ אִיז ווִידעֶר בַּיי מִיר נאָר אַבַּעַל עֲגָלהֶ, נאָ זעֶה, אִיךְ האָבּ פִין אִיהם אַקוּרַאט אַזאַ כּתֶבִילעֶ ווִי עֶר מִיט דִיר אַז עֶר מִיז מִיךְ צִי שטעֶלִין, בִּיז צִי דעֶר הוֹיפּטקוואַטִיר, נאָךְ עֶפִּים ווֶעל אִיךְ דִיר זאָגִין, אַז דעֶר ר׳ לִיפּאֶ ווֶעט קאָנִין טַענהִין גאָר פאַרקעֶהרט אַף דִיר בַּעַל עֲגָלהֶ, אַז דִיא האָסט זַיין-פִין-גִיטעֶ-פעֶרִיל-בִּינדַאלִיק אַוועֶק גִינַנבִיט, אִין האָסט אִיהם אִיבּרגִיבִּיטִין אַפּאַלשִין בִּינדַאלִיק פִין פאַלשעֶ פעֶרִיל, והאָ ראַיהֶ, דִיא האָסט אוֹיף גִיעֶפִּינט אַלעֶ זַיינעֶ חַתוּמֶת, ווייסט דִיא זִיסִיל, אַז אַקוּרַאט ווִיא דִיא האָסט אַכּתֶבִיל, האָט עֶר דעֶךְ אַקעֶגִין, פִין דִיר אַכּתֶבִיל, — הִילטַיי גַנב — ווֶעט דִיר לִיפּאֶ זאָגִין, דִיא האָסט מַיין שטעֶרִינטִיכִיל פִין צעֶהן טוֹיזעֶנט רוּבּל אַוועֶק גִינַנבִיט. —

דעֶר בַּעַל עֲגָלהָ אִיז געֶבּלִיבִּין ווִיא דעֶרשלאָגִין שטעֶהעֶן, ווִיא אָן אַנשָמהֶ. גִיבּט מִיר עֶפִּיס אַיין עֵצהֶ — האָט עֶר אָנגִיהוֹיבִּין מִיךְ צִי בּעֶטִין.

— יאָה, אַז דאָ שמִיסט ווִי אַיין עֶהרלִיכעֶר מעֶנש, ווֶעל אִיךְ דִיר גִיבִּין אַוואָילעֶ עֵצהֶ, דאָס הַייסט, דִי עֵצהֶ ווֶעט זַיין, דִיא זאָלסט נִיצל ווֶערִין פִין דעֶר סַכָּנהֶ, מעֶן זאָל דִיךְ נִיט נעֶהמִין פאַר קַיין גַנב, דִיא פאַרשטעֶהסט אַלַיין אַצִינדעֶרט, אַז דעֶר לִיפּאֶ קאָן דִיךְ אַוועֶק שִׁיקִין קַיין סִיבִּיר, פאַר אַגנֵיבהֶ פִין צעֶהן טוֹיזעֶנט רוּבּל, דִיא האָסט זַיינעֶ חַתִימֶת גִיעֶפִּינט, אִיז גלַייך ווִי אִיבּר זַיין קאַסטִין גִיגַאנגִין אִין גִינַנבִיט, נאָר ווַייל אִיךְ האָבּ רַחמָנִית אַף דַיין ווַייבּ אִין קִינדעֶר, ווִיל אִיךְ דִיר אַיין עֵצהֶ גִיבִּין. —

— געֶה דִיא אַהַיים צִי דַיינעֶ פעֶרד, אִין זִיץ אִין שטַאל, בִּיז אִיךְ ווֶעל פִין אַיין אַנדרעֶר זַייט אוֹיךְ אָנקִימִין אַהַיים אַף דעֶר קוואַטִיר, ווֶעט רעֶכט זַיין. —

דעֶר בַּעַל עֲגָלהֶ האָט מִיךְ גִיפאָלגט, אִיךְ בִּין געֶקִימִין אִין מַיין קוואַטִיר אַרַיין, טרעֶף אִיךְ אִינזעֶר ר׳ לִיפּאֶן, אִין אַמעֶמד אַף אַלעֶ דראַבִּים גִיזאָגט גִיוואָרִין.

עֶר מַיינט, אַז אִיךְ ווֵיים נִיט פִין זַיין שָלוֹם עֲלֵיכֶם בַּיי לֵייזֶר דִילאָן, אִין אִיךְ מאַךְ מִיךְ אִימִיסִינעֶ גלַייךְ ווִיא אִיךְ ווֵייס פִין נִישט, אִין טִיה אִיהם מִיט אַגִילעֶכטעֶרִיל אַפרעֶג, קלאָמעֶרשט ווִי אַגִיטעֶר פרַיינט, מִיט אַטַייט אַף דעֶם זִיסִיל בַּעַל עֲגָלהֶ — (ווִי אִיךְ בִּין אַהַיים געֶקִימִין האָבּ אִיךְ זִיסלעֶן אַווִינק געֶטִיהִין, עֶר זאָל מִיר נאָךְ געֶהעֶן) — וואָס ווִיל דעֶר הִילטַיי דעֶר בַּעַל עֲגָלהֶ? שוֹין דִי עֶרשטעֶ שָעָה תֵּיכֶף זאָלט אִיהר אִיהם געֶלט גִיבִּין, אִין זאָגט אַלץ — מַיין מַשכּן — אַזאַ גראָבֶּער

אַוודאַי גִיוועֶזִין געֶבִּינדִין, אִיז עֶר קלִיגעֶר גִיוועֶזִין, אִין אִיז אַנטלאָפִין גִיוואָרִין דעֶר לִיפֶּא. —

אַזוי האָט מַיין שוואָגעֶר דעֶרצעֶהלט אִין גִילַאכט, גִילַאכט אִין דעֶרצעֶהלט, דעֶר נאָך עֶרשט האָט עֶר מִיר שָׁלוֹם גִיגִיבִּין, האָבּ אִיך אִיהם צוּרִיק דעֶרצעֶהלט, אַז דעֶם אֵייגִינעֶם ר׳ לִיפֶּאֶן האָבּ אִיך אַהעֶר גִיבּרַאכט אַף מַיין בּאוֹיד, אִין מִכֹּחַ דִי טוֹיזעֶנט רוּבּל מְזוּמָן וואָס אִיך האָבּ אִיהם גִיגִיבִּין, נאָר האָבּ אִיך גִיזאָגט — אִיך האָבּ אַמשכּן אַפּעֶרִילדִיקִין בִּינדַאלִיק, האָט זַלְמִן גִינעֶהמִין עֶפִּינִין דִי פּאַפִּירִין, אַז בִּיטעֶר אִין וועֶה אִיז מִיר מִיט מַיין ווייבּ אִין מִיט מַיינעֶ קִינדעֶרלִיך, מַיין זַלְמִן האָט אַהוֹיכִין לַאך געֶטִיהִין, סטַאטש, דאָס אִיז דעֶך נִיט קֵיין פּעֶרִיל, דאָס אִיז אַפּאַלשעֶ זַאך, פִין פַאלשעֶ פּעֶרִיל, אִין האַט אַף אַפּרִיוו, אֵיין פּעֶרִיל צעֶקַייט, אָט לוֹיף אִיך דאָס אִיהם מִיט אַיך אִין אֵיינעֶם עוֹקֵר מִן הַשּׁוֹרֶשׁ צִי זַיין, גִיבּט מִיר אַפּ מַיין געֶלט, ראָזבּאָינִיקִים, פַאר וואָס ווִילט אִיהר מִיך קוֹילִין מִיט ווייבּ אִין קִינדעֶר.

ווִי פּאַרשטעֶהט אִיהר רַבּוֹתִים, מִיר אִיז בִּיטעֶר אִין זוַיעֶר גִיוואָרִין אִין מָוֹיל, קַאלט אִיז מִיר גִיוואָרִין אִין אַלעֶ אֵבָרִים.

אִיך האָבּ אִין דעֶר געֶשווִינד אַטראַכט געֶטִיהִין, דִי גרוֹיסעֶ סַכָּנָה וואָס מִיר קאָן דאָ אָט אָקעֶרשט מעֶן זעֶהט נִישט, וועֶרִין, לְמָשָׁל דעֶר זַלְמִן סאַקִיר זאָל מִיט דעֶם שוואָגעֶר געֶהן צִים יעֶנעֶראַל עֶרטִיל, דעֶר אָבּעֶר פּאָלִיצֵיימַייסטעֶר בַּיי דעֶר הוֹיפּט קוואַטִיר, אִין זאָל פּאַרקלאָגִין צוויי פּוֹילִישעֶ רוּסִישעֶ יוּדִין, מִיך אִין אֵיינִים מִיט דעֶם לִיפֶּאֶן — דִי צוויי האָבִּין בַּיי זַיין שוואָגִיר אוֹיסגִינאַרט טוֹיזעֶנט רוּבּל, מִיט פִיהר געֶלט דעֶרצִי, אִין האָבִּין אִיהם גִיגִיבִּין אַמשכּן אַפּאַלש שטעֶרִינטִיכִיל פִין פַאלשעֶ פּעֶרִיל, — אֵידעֶר עֶפִּיס, וואָלט עֶרטִיל דעֶר אַכזר מִיך אַזוי גִיט גִיקאָווִיט אִין קֵייטִין ווִי לִיפֶּאֶן, אִין אִינז בֵּיידעֶ, מִיך מִיט לִיפֶּאֶן אָפּגעֶשִיקט גִיקאָווִיטעֶרהֵייט, אַהֵיים מעֶן זאָל אִינז מִשְׁפְּטִן. אַשעֶן עֵסֶק פַאר מִיר, אַיאָה אַגלִיק גִימַאכט בַּיי דעֶר הוֹיפּטקוואַטִיר.

אַלעֶ האָבִּין גִיסמאָצקִיט מִיט דִי לִיפִּין-טַאקעֶ, טַאקעֶ וואָלט אַזוי גִיקאָנט זַיין, נאָ וואָס האָט אִיהר אָקסמַאן געֶטִיהִין? זאָגטשעֶ, מעֶן האָט דעֶך ווִי מִיר זעֶהעֶן אַייך נִיט גִיקאָווִיט, מִין הַסְּתָם האָט אִיהר אַייך עֶפִּיס אַקלִיגעֶ עֵצָה גִיגִיבִּין, טוֹיזעֶנט רוּבּל דעֶם זִיסלִין צִי גִיבִּין האָט אִיהר נִיט גִיהַאט אִין קעֶשִינעֶ, — זאָגִין אַלעֶ.

נֵיין בּרִידעֶרלִיך — עֶנטפעֶרט אָקסמַאן — קוֹים קוֹים אַף הוֹצָאָה האָבּ אִיך גִיהַאט, נאָר, מַיין בִּיסִיל שֵׂכֶל האָט מִיר געֶדִיעֶנט, אַף דעֶרשטעֶל האָבּ אִיך דעֶם בַּעַל

אִימִידִיק פַאַרטראַכט אַבִּיסִיל, עֶר האָט זעֶך אויסגעֶשלייֶערט, אִין אִיז פּאָרט אַוועֶק גִיגאַנגעֶן.

אִיךְ בִּין אויךְ אַרוֹיס גִיגאַנגִין, אִין האָבּ טאַקעֶ גִיטראָפִין בַּאַקאָנטעֶ מעֶנשעֶן, וואָס האָבִּין מִיךְ גִיוואָלט פִירִין, צִים יעֶנעֶראַל אִינטעֶנדאַנטס הויפּט קאָמִיסִינעֶר נעֶוואַחאָוויטש, אַקעֶגִין אַשָעה האָבּ אִיךְ מִיט זיי גִירעֶט.

פְּלִיצִים קִימט אַף מִיר אָן צִי לויפִין מִיט אַפאַרווייֶנט פָּנִים, דעֶר בַּעַל עֲגָלָה זִיסִיל, אִין טִיהט מִיךְ אַצִיה אִין אַגעֶסִיל אַרייַן מִיט אַגִיוויין, — אִיהר האָט מִיךְ גִיקוילִיט מִיט ווייַבּ אִין קִינדעֶר געֶקוילִיט. —

וואָס אִיז? מִיט וואָס האָט מעֶן אייַך גִיקוילִיט? — פרעֶג אִיךְ. —

שלעֶפּט דעֶר זִיסִיל אַרוֹיס פִינִים בּוּזִים, דאָס פאַרחַתְמִיטעֶ פּאַפִּיר וואָס דאָס שטעֶרִינטִיכִיל ר׳ לִיפּאֶס אִיז גִיוועֶזִין אייֶן געֶווִיקִילט, אִין ווייַזט מִיר, מִיט אַגעֶווייֶן רעֶט עֶר — נאַט זעֶהט, סִיז דעֶך נִיט קייֶן פּעֶרִיל, סִיז פִין פאַלשעֶ פּעֶרִיל, קלאָמעֶרשט גִיהעֶפּט ווי אַשטעֶרִינטִיכִיל, אַף אָפּצִינאַרִין. —

עֶר זִיסִיל רייַסט אָפּ אַפּאָר פִין דִי פאַלשעֶ פּעֶרִיל אִין צעֶקייַעֶט זיי. — אִיךְ בִּין גִיוועֶזִין בּייַ מייַן שוואָגעֶר זַלְמן סאַקִיר רעֶט דעֶר זִיסִיל מִיט אַווייֶנִינדִיק קול — דעֶר וואָס גִיבּט צִים קייסעֶרס קעֶך, האָבּ אִיךְ אִיהם נִיט גִיטראָפִין אִין זייַן קוואַטִיר, עֶרשט מִיט אַהאַלבּעֶר שָעה שפּעֶטעֶר אִיז עֶר אָנגעֶקִימִין אִין האָט זייֶער גִילאַכט דעֶרצעֶהלִינדִיק, ווי עֶר אִיז גִיוועֶזִין דעֶרבּייַ, אַז אייֶנעֶר לִיפּאֶ לעֶווִיט אִיז אַרייַן געֶקִימִין צִי לייזעֶר דִילאָן, האָט ר׳ לייזעֶר אִיהם דעֶרלאַנגט נִיט קייֶן שלום עֲלֵיכֶם-האַנט, נאָר טאַקעֶ צוויי גרויסעֶ פּעֶטש מִיט דעֶר רעֶכטעֶר האַנט, גִיטעֶ צוויי פּעֶטש, מִיט גרוֹיס כַּעס האָט ר׳ לייזעֶר דִילאָן גִישרִיגִין — דִיא גַנב. דִיא אַרוֹיס געֶטרִיבִּינעֶר פִין דעֶר הוֹיפּטקוואַטִיר אִינטעֶר מאָסקוואַ, ווייַל דִיא האָסט גִיוואָלט דעֶם קאַזנאַטשעֶי (צאַהלמייסטעֶר, אָדעֶר קאַססִיר) טִיחאָנאָוו בּאַגנבִין, דִיא הִינט האָסט מייַן ווייַבּ אִין נִיעֶסווִיעֶז גִיקאָנט דִיךְ דעֶרוועֶגִין צִי זאָגִין — דִיא בִּיסט מייַן שוּתָּף — מייַן ווייַבּ שרייַבּט מִיר אִין אַבּרִיווִיל, דִיא אַחְבּראָש גַנב, טִיחאָנאָוו אִיז דאָ הִיא, אָט געֶה אִיךְ אִיהם זאָגִין, אַז זייַן פאַקטעֶר וואָס האָט אִיהם גִיוואָלט בּאַגנבִין אִיז ווִידעֶר דאָ, קאָזאַקִין!

— האָט ר׳ לייזעֶר אַגִישרייַ געֶטִיהִין, ווייַל עֶר אִיז אַדאָפּאָטאַט פִין יוּדִישעֶ קְהִלֹּת האָט מעֶן אִיהם מִיט זִינדִיל זאָנעֶנבּעֶרגִין געֶגִיבִּין צוויי קאָזאַקִין זאָלִין תָּמִיד בּייַ זיי זייַן, אַף דעֶם געֶשרייַ — קאָזאַקִין, בִּינט דעֶר גַנב דעֶרווייַל — וואָלט מעֶן דעֶם לִיפּאֶן

דרויף נאָר אַשטאָלינער חוֹתָם, וואָס מען קויפט אין די רוּסישע לאַווקים, אויסגעשניטין אַפּוּיגיל אָדער עפּיס אַנדערש) אין דער זיסיל מיז היטין דאָס שטערינטיכיל, צוּריק גאַנץ אין פאַרחַתמיט אָפּציגיבּין ר׳ ליפּאַן, ווי באַלד ער וועט איהם צאָהלין וואָס עס וועט קימין הֶן שכַר עֲגָלה, וְהֶן די מזוּמָנים טויזענט רוּבּל, אַזאַ כּתבֿיל האָט דער בַּעַל עֲגָלָה, אין דאָס אייגינע פּינים בַּעַל עֲגָלָה, ר׳ ליפּאַן.

ר׳ ליפּאַ האָט געלט! תֵּיכף גיצאָהלט דעם פריהרידיקין שליטין-בַּעַל עֲגָלָה וואָס איהם איז געקימין פאַראינז, דעם משָרת גיגיבּין זיינע הינדערט רוּבּל, אין שכירוֹת ווי פּיעל עס איז איהם געקימין, נאָר דער-פאַר וואָס ער האָט מיר אויסגעזאָגט, אַז ר׳ ליפּאַ איז איהם שילדיק מזוּמן הינדערט רוּבּל, האָט ער איהם אָפּגישאַפּט, אין מיר זענין אַוועק גיפאָהרין מיט אַוואָילער באָויד מיט פיר וואָילע פערד.

איך וויל אייך ניט דערצעהלין וואָס אַפּין וועג האָט זעך געטיהין, ווייל עסיז שפּעט, קורץ פין דער זאַך, מיר זענין אָנגעקימין דריי טאָג נאָך פּורים (1813) קיין קאַליש, אַף דער פריַיסישער גרעניץ, אַשטאָט וואָס קעהר קיין פּוילין (קאָנזטווע וואַרשאַווסקי איז דערנצמאָהל גיוועזין אָפּגינעהמין דורך דעם רוּסישען חַיל, אין אַרוּסישער גיבּערנאַטער גראַף פאַלין איז פינים קייסער גיזעסין אין וואַרשע).

דער בַּעַל עֲגָלָה זיסיל האָט גיהאַט בּיים קייסער אַלכּסַנדרס הויפּטקוואַטיר זיינס אַשוואָגיר, איינער זַלמַן סאַקיר, דער זַלמַן סאַקיר האָט צי גישטעלט אַלץ וואָס מען האָט גידאַרפט צים קייסערס קעך, פאַרשטעהט זעך, אַז דער זיסיל איז באַלד נאָך דעם אויסשפּאַנען די פערד, גיגאַנגען זעך זעהען מיט זיין שוואָגער, ניט ר׳ ליפּאַ ניט איך האָבּין מיר געוויסט ווי הין דער בַּעַל עֲגָלָה איז גיגאַנגין.

דאָ קימט ערשט די רעכטע מעשה, לאָזט מיך אַבּיסיל אָפּריהין.

אַלע שרייען — ניין, ניין, לאָזט אינז ניט איבּר בּיים רעכטין שפּיץ פין דער מַעֲשה, ניין, איהר מיזט, אָקסמאַן איהר מיזט עקין, נעמט אינז ניט אַף דער נשמָה. —

אָקסמאַן דערצעהלט ווייטער, איך האָבּ ר׳ ליפּאַן גיפרעגט אויבּ ער וועט תֵּיכף געהן צי ר׳ לייזר דילאָן, ווייל איך וויל אויך אַרויס געהען מיך אימזעהען, טאָמער וועל איך געפינען באַקאַנטע קאָמיסינערען אָדער עפּיס פין עסקים.

ר׳ ליפּאַן טיהט זעך — ווי איך זעה — ניט זייער איילינדיק, ער איז גיוועזין

דער-ווײַל, האָט ר׳ ליפּאָ ניט אַקאָפּיקע אַף הוצאות מיט וואָס ווײַטער צו פאָהרין, איז מיר אויך ניט-גיט, מײַן הינדערטער איז דעך שוין ניט דאָ.

דעם אַנדערן טאָג קימט ר׳ ליפּאָ מיט אַנייַעם ניעסוויזער בעל עגלה צו געהען פין דער גאַס (דער בעל עגלה האָט געהייסין זיסיל) דער איז איין עושר, אין האָט זײַן באַויד מיט פיר פערד — ווײַל דער פראָסט האָט אָנגעהויבּין שטאַרק אָפּצילאָזין, זאָגט ר׳ ליפּאָ, וויל ער בעסער מיט אַוואָגין, ניט מיט אַשליטין פאָהרין.

דעם זיסיל בעל עגלה האָט ר׳ ליפּאָ באַדינגין צו פּיפּצעהן זילבערנע רובל, איהם אין בײַטיל אַרײַן אַוואָך, אַחוץ וואָס די פערד אין וואָס דער בעל עגלה וועט קאָסטין דאָס איז אַף ר׳ ליפּאָס חשבון, זייער טהייער אַפילו, נאַר.

דער זיסיל בעל עגלה זאָל ר׳ ליפּאָן אַנטלײַען מזומן טויזענט רובל אַסיגנאַציעס, אַסוד איז דאָ דערבײַ אַפילו פאַר מיר אַסוד, דעריבּר בין איך אַרויס גיגאַנגען פינים שטיבּיל אַף עטליכע מינוט.

דורך דער וואַנט פין ברעטליך, האָב איך פאָרט גיקאָנט זעהען דעם סוד, דער משרת האָט אָנגעצינדין אַליכט, אין ר׳ ליפּאָ האָט מיט טריף-וואַקס פאַר חתמיט — אַף צוואַנציק ערטער אַרים אין אַרים — אַפּאַפּיר וואָס דרינין איז גילעגין דאָס שטערינטיכיל אײַנגעוויקילט.

וואָלט עס גיוועזין ווײַטער געבליבּין פאָר מיר אַסוד, וואָלט מיר גאָר גיט גיוועזין, נײַן, מען ריפט מיך אַרײַן ציקימין צוריק אין שטיבּיל.

איך זאָל שרײַבּין דאָס נײַע כתבילע, — די גוטע כתביל, לעבען זאָלט איהר, טיהט אַסרײַבּ — בעט מיך דער בעל עגלה — ר׳ ליפּאָ זאָל לעבּין זאָגט, אַז איהר קאָנט בעסער סרײַבּין, איז טאַקע ניסט כדאַי זיי זאָלין זעך אַליין מטריח זײַן צו סרײַבּין דעם כתבילע, דער כתבילע איז דעך מײַן גאָר אין גאַנצין. בין איך גיוואָרין אַשרײַבּער בײַ ר׳ ליפּאָ לעוויט, אין בײַ זיסיל בעל עגלה. —

ר׳ ליפּאָ האָט מיר אַליין פיר גיזאָגט, אַז איך זאָל אַלץ אַרויס שרײַבּין ווי פיעל ער דאַרף איהם גיבּין שכר עגלה, אין הוצאות פין די פערד אין די הוצאת פין דעם זיסלען, אַלץ אַף ר׳ ליפּאָן, נאָך דערצו די אַנטליגינע טויזענט רובל אַסיגנאַציעס, מיז ער איהם אָפּגיבּין, ווי באַלד מען וועט אָנקימין צו דער הויפּטקוואַטיר, וליתר-בטחון (דאָס הייסט אַמשכון) האָט ר׳ זיסיל גינעהמין אַשטערינטיכיל (אַפּערילדיקין בינדאַליק — אַף ליטוויש) פאַר חתמיט מיט ר׳ ליפּאָס חתומה (עסיז ניט גיוועזין זײַן נאָמין

מיר זענען געקומען קיין ניעסוויעזש, ר׳ ליפּאַ בעט מיך, איך זאל מיט איהם געהען צו דעם ר׳ לייזער דילאָנס׳ ווייב. ער זאל אַידוּעָה פרעגען מכּוח שוּתּפות עסקים, זיא מוז דעך אַוודאַי וויסען.

דער ר׳ לייזער דילאָן — ווי איך האב אין ניעסוויעז געהערט — מיט נאָך איינים פון גראָדנע ר׳ זינדיל זאָנענבערג, זענען געוואָרען דעפּאָטאַטען*) פון גאָר אַלע יודישע קהלות, בּיים קייסר אַלכּסנדרס הויפּט-קוואַטיר.

ר׳ ליפּאַ איז מיט מיר אַריין געקומען צו דעם ר׳ לייזער דילאָנ׳ס ווייב, מיט די ווערטער — ר׳ לייזערס ווייב, האָט איהר בריב פון ר׳ לייזערן, איך וואָלט גידאַרפט לאַנג שוין האָבען פון איהם געלט אין בריב מכּוח אונזער שוּתּפות עסקים, אבער די פּרעסט האָב איך געמוזט עטליכע וואָכען שטעהן אַף איין אָרט, מיין שוּתּף ר׳ לייזער מוז מיינען, איך בּין ערגיץ דער פרוירען געוואָרען, מעג ער מיין חלק זעך צו נעהמען חאַ חאַ האָ, איך לעב, ליפּאַ לעווויט לעבט, און פאָהרט חשבּון אָפּ נעהמען, דער וויל וואָלט איך גידאַרפט עטליכע טויזענט רובּל חאָטשע אַף הוֹצאוֹת. —

ר׳ לייזערס ווייב (האָט דעם ר׳ ליפּאַן קיין מאָהל ניט גיזעהען, און פון איהם נישט געוויסט) האָט זיא דער וויל געהייסען אַריין ברענגען קאַווע ווי בּיי אַזאַ נגידית געשיקט זעך מכבּד צו זיין פרעמדע מענשען, בּפרט, אַז איינער איז איהר מאַנס אַשוּתּף, זיא האָט נאָר קיין געלט ניט גיגיבען — איך בּין — זאָגט זיא — איין אשה, אין מיין מאַנספאַדראַד עסקים מיש איך מיך ניט, איך האָב היא מיין גיוועהנטשניט, פיליווע איך מיין משׂא ומתּן, איהר קאָנט מיר ניט פאַראיבּיל האָבען, אַז איך קאָן אַף מיין מאַנס חשבּון ניט גיבען קיין געלט. —

פאַרשטעהט זעך, אַז דער מיט זענען מיר אַוועק גיגאַנגען, דאָס הייסט, נאָר מיט קאַווע געטרינקען, און מיט גיטע רעד, נאָר אָן געלט.

בּיי מיר אין האַרצען האָב איך אַוודאַי גיקאָנט, און געמוזט גלייבען אַז דער ר׳ ליפּאַ איז מיט דעם עושר ר׳ לייזער דילאָן אַשוּתּף והא ראיה, ער האָט דעך אַפילו דעם ר׳ לייזער׳ס ווייב דאָס איינינע גיזאָגט.

(* די מעשׂה פון זייער דעפּאָטאַטסטווא איז אַף איין אַנדערש מאָהל אָפּגילעגט, סיז ווערטה דער-פּי אַבּאַזינדער ספר צו שרייבען, מיט דערציילט וועטים גישריבען זיין.

אין דריי טאָג אַרום, הייבּין מיר אָן זעך פאַרטיק צו מאַכין אַוועק צו פאָהרין, איך האָבּ דעם איזיל מיטן ווייבּ גיזאָגט די איינינע תּשובה וואָס ליפּא האָט מיר גיזאָגט.

דער בּעל הבּית איזיל מיט זיין ווייבּ האָבּין גיזאָגט — ר׳ ליפּא איז גירעכט, וויל די בּארדוטשיבר יודין האָבּין שוין גירעט אַף איהם, מכּל שכּן, ער זאָל פאַרקויפין דעם ווייבּס בּינדאַליק וואָלטען זיי דאָס בּאַלד דערלאַנגט קיין זיטאָמיר. —

די עצה? וועט איהר פרעגין, וואָס פאַר אַעצה? וואַרט אבּיסיל, דער בּעל הבּית איזיל מיט זיין ווייבּ, זענין מיט ר׳ ליפּאן אין איינים אַריין געקומין צו מיר, איך זאָל שרייבּין אַכּתבֿיל, מיר האָט מען פיהר געזאָגט, אין איך האָבּ געשריבּין — אַיודישין כּתבהלע סרייבּט איהר זאָלט לעבּין, אַז דער ר׳ ליפּא זאָל לעבּין נעמט בּיי נונז פופצין הונדורט ריבּיל, אַזוי איז אַחסבּן גיוועזין, (מען רעכינט נאָך אַמאָהל) מזומן פינף הונדערט ריבּיל, די לאַוויצניקים פינף הונדירט ריבּיל, פאַר די הוצאות פינף הונדירט, אוי אַפלעזיר, די סינעל האָבּ איך פאַרגעסין, אַנייע סינעל הונדירט ריבּיל — סרייבּט זע זעכצין הונדירט ריבּל, מיט על מנש, אַז ר׳ ליפּא וועט אינז פין ניעס-וויעז ניט סיקין די געלט, איז די בּינדאַליק פאַרקויפט, אַף דעם מקח ווי די מקח איז סרייבּט, לעבּין זאָלט איהר. —

איך האָבּ געשריבּין אין פיר גילעינט דאָס געשריבּינע — וואָיל, לעבּין, זאָלט איהר. — האָט דער מאַן מיט דעם ווייבּ מיר געזאָגט.

געמיינט האָבּ איך, אַז ר׳ ליפּא גיבּט זיי דאָס שטעריגטיכיל בּמשכּן, אַיאָה איהר אַלע וואָלט אויך אַזוי געמיינט.

איך בּין נאָך אַרגער דערשראָקין גיוואָרין, ווי פין די נאַקיטע אַלטע קאַצאַפּקים, די בּינדאַליק לאָזט מען בּיי ר׳ ליפּא זאָל לעבּין, די כּתבֿילע איז גענוג, זייער גיט בּאַוואָרינט, טראַכט איך בּיי מיר.

דעם אַנדערן טאָג גאַנץ פריה, זענין מיר מיט דעם וואָלין שליטין מיט גיטע דריי פערד אַוועק גיפאָהרין, אַף דעם וועג קיין ניעסוויעז.

אַפין וועג ר׳ ליפּא שיט מיט געלט, אַקוראַט ווי מען דערצעהלט פין די אַלטע פאַרבּרענגירס פּאַדראַדשיקים פין פאַרצייטין, ר׳ ליפּא שפּילט אין קאָרטין אויך, אבּי עס טרעפט זעך ערגיץ אַקאָמפּאַני אין אַקרעטשמע אפילו, צוויי טאָג אַוועק צו שטעהען אין אַשטעטיל, ווען סיז דאָ אַקאָרטין-חבֿרה.

— דערצעהלט אָקסמאַן ווייטער — האָט שוין געהייסין אַישועהָ, טעג מען שוין פאָהרין צי דער הויפט קוואַטיר, דערנצמאָהלט האָב איך גיפרעגט דעם ר׳ ליפּאָן — איהר פאָהרט אַליין מיט אייער וואָילער פיהר צי דער הויפט-קוואַטיר, אויב איהר ווילט איך זאָל אויך מיט אייך פאָהרין, גיב איך הערטאָם הינדערט רוכּל, איהר זאָלט מיך צי שטעלין בּיז אַפּין אָרט וויא די הויפט קוואַטיר וועט זיין. —

דאָס איז אַקלייניקייט — ענטפערט ר׳ ליפּאָ — איך נעם בּיי אייך הינדערט רוכּל נאָר תּיכּף, דאַרף איך די הינדערט רוכּל, אַז איהר ווילט, גיבּט מיר דאָס געלט תּיכּף.

תּיכּף האָב איך ר׳ ליפּאָן גיגיבּין די הינדערט רוכּל, אין האָב אָנגעשריבּין אַרוסישע ראָספּיסקע, אַז ער נעמט בּיי מיר הינדערט רוכּל פיהר-געלט, מיך צי שטעלין בּיז אַהין, ווי די הויפטקוואַטיר וועט זיין — ר׳ ליפּאָ האָט גיחתמיט.

בּיי דעם געלט גיבּין האָב איך איהם גיזאָגט דאָס וואָס דער בּעל הבּית אייזיל מיטן ווייב האָבּין מיך גיבּעטין, מכּוח דעם שטערינטיכיל.

ר׳ ליפּאָ האָט מיר גיזאָגט אַתּרץ, פאַר וואָס ער קאָן דאָ אין טשערניגאָב ניט פאַרקויפין דאָס שטערינטיכיל, בּשום אופן נישט — מאָהלט אייך, אַז איך האָב אַזעליכע גרויסע עסקים מיט מיין שותּף ר׳ לייזר דילאָן, אין האָב נאָר אַצינדערט אַף דער מינוט אַנויט אין געלט ווייל מיין דראַב דער שותּף האָט מיר צי גיזאָגט אַהער אַרויס צי שיקין מאה אַלפים רוכּל, אין האָט עד היום ניט געשיקט, איך האָב מיין ווייבּס שטערינטיכיל מיט-גינעהמין, ווייל איך האָב איבּר-גיטראַכט — ווי איך האָב גיטראָפין — טאָמער שיקט מיר דער לייזר דילאָן ניט קיין געלט, זאָל איך מחמת איין בּרירה בּעדיי דאָס שטערינטיכיל פאַרקויפין אַף הוצאות, בּיז צי דער הויפט-קוואַטיר צי קאָנין דערפאָהרין, אַיאָהע איהר אָקסמאַן זעהט, אַז מיר אַף להכעיס זענין גראָד אַזוי פיעל בּאַרדוטשיבער יודין אַצינד היא אין טשערניגאָב זעך צים אויף גיפאָהרין, ווי ווייט איז דען פין בּאַרדוטשיב קיין זיטאָמער, פיר מייל נאָר, וועט מען בּאַלד וויסין אין גאַנץ זיטאָמיר, אַז ר׳ ליפּאָ לעוויט האָט פאַרקויפט דעם ווייבּס שטערינטיכיל, מיין ווייב וועט דערפין האָבּין אַשמאַרצינג, אין די בּושה איז מיר אַליין זייער גרויס, דעריבּער וועל איך דאָס שטערינטיכיל היא בּשום אופן ניט פאַרקויפין, איי וועט איהר פרעגין איך דאַרף אַף הוצאות ווי וועל איך נעהמין? דרויף איז דאָ איין עצה. —

איך האָב צי גיהערט, גיגלייבּט אין געשוויגען.

— נָאר אַף אַפָּאר טָאג — אַצִינדערט בּעֶדאַרף אִיך מַיין וַוייבּ אַהיים שִׁיקִין קִיין קִיאָב דָאס געֶלט. יאָה אִיך פָאהר מִיט אִיהם ווייַטער, נָאר דעֶם ווייַבּ מִיז מעֶן שִׁיקִין זִיא זָאל נִיט שְׁטאַרבִּין פאַר הִינגעֶר, אֶמֶת עֶר גִיבּט מִיר אַגרוֹיסעֶ זאַלִיוואַנִיע (געֶהאַלט) פִיפְצִיק רוּבּל אַחוֹדֶש, נָאר דָאס וַוייבּ, דָאס וַוייבּ דאַרף דעֶרווייַל, אַז אִיהר זָאלט אִיהם אַנרעֶדִין, עֶר זָאל פאַרקוֹיפִין זַיי דעֶם בִּינדאַלִיק׳ ווָאלט עֶר גִיהאַט געֶלט, מִיר דִי הִינדעֶרט רוּבּל צוּ גִיבִּין, — אִין דִי פעֶרד, פרעֶג אִיך דעֶם מְשָׁרֵת — עֶנטפעֶרט עֶר מִיר.

— דִי פעֶרד זעֶנִין אַבּעֶל עֲגָלוֹת, דעֶם הָאט ר׳ לִיפֶּא געֶדִינגִין, דִי פעֶרד עֶסִין הָאבּעֶר אַף זַיין חֶשְׁבּוֹן, אִין דעֶר בַּעל עֲגָלָה נעֶהמט פאַר שְׁטעֶהעֶן, אַוואָך, פִינִיף אִין צוואָנצִיק רוּבּל, אִין פאַרפאָהרִין, אַוואָך, אִין בּייטִיל אַריין זעֶכצִיק רוּבּל, שׁוֹין דרייַ וואָכִין שטעֶהט דעֶר בַּעַל עֲגָלָה דאָ, ווייַל דִי פרעֶסט זעֶנִין זייַער גרוֹיס, — אִיך הָאבּ צוּ גִיזאָגט, צוּ רעֶדִין מִיט ר׳ לִיפּאֶן דעֶרפוּן.

דעֶר ווייַל הָאבּ אִיך דאָ גִיוואָהר גִיוואָרִין, אַז דעֶר ר׳ לִיפּאֶ הָאט פאַר טוֹיזעֶנט רעֶנדלִיך אַשטעֶרִינטִיכִיל בַּיי זעֶך צוּם פאַרקוֹיפִין, אִיז עֶר דעֶך אַפָּנִים אַיין עוֹשֶׁר, אַז דעֶר בַּעַל הַבַּיִת אִין דִי בַּעל הַבָּתְטעֶ זאָגִין — צעֶהן טוֹיזעֶנט רוּבּל אִיז דעֶר בִּינדאַלִיק פוּן גרוֹיסעֶ פעֶרִיל ווערטה, — מִיזִין זַיי דעֶך הָאבִּין אַמִיבִּין געֶוויזִין, אָדעֶר זַיי זעֶנִין אַליין מְבִינִים, דעֶר עוֹלָם זאָגט אַשפרעֶך וואָרט — בּעֶסעֶר צעֶהן שלעֶסעֶר, אייַדעֶר אייַן דַלִית — אַבִּי דִיא ר׳ לִיפּאֶ הָאסט אַזאַך פוּן צעֶהן טוֹיזעֶנט רוּבּל, דָאס הייַסט טוֹיזעֶנט רעֶנדלִיך, בִּיסט דִיא מִן הַסְתָּם אייַן עוֹשֶׁר.

דָאס חַאפִּין אִין דִי קראָמִין, חאַפִּין בַּיי אַמְשָׁרֵת הִינדעֶרט רוּבּל, דָאס קעֶהר צוּ דעֶר אַלטעֶר מאָדעֶ פָאדראַדשִׁיקִים, מִיר נייַעֶ פָאדראַדשִׁיקִים הָאבִּין דָאס פייַנט, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבּעֶן נִיט לִיבּ אַפרעֶמד הָעמד אָנצִיטִיהִין אִים גִיפרעֶגט, אָבּעֶר אַקַשְׁיֶא אִיז נָאר קָשְׁיֶא, וואָס אִיז דָאס פאַר אַשטייַגעֶר אַשטעֶרִינטִיכִיל צוּ פאַרקוֹיפִין אַרוּם צוּ פִיהרִין? צוּ דעֶר קַשְׁיֶא פעֶהלט נָאר אַתֵּירוּץ, מִן הַסְתָּם ווֶעל אִיך שפּעֶטעֶר ווִיסִין דעֶם תֵּירוּץ אוֹיך, אַיאָה רַבּוֹתִים אִיך הָאבּ גִיט בּאַרעֶכִינט.

אַלעֶ לאַכִין אִין זאָגִין, לְעֵת עַתָּה הָאט אִינז ר׳ גֶרשׁוֹן מאַרגאָסִין קאַלִי געֶמאַכט, אַז מִיר ווייסִין שׁוֹין פרִיהר אַמַעֲשֶׂה פוּן אַפאַלש שטעֶרִינטִיכִיל, בַּיי דעֶם אַלִים, בּעֶטִין מִיר אייַך דעֶרצעֶהלט כְּסֵדֶר ווייַטעֶר.

פוּן זעֶקס אִין דרייַסִיק גראַד, אַז דִי פרעֶסט זעֶנִין אַראָפּ גִיפאָלִין אַף צוואָנצִיק

דער נאָך הייב איך אָן רעכט צו קיקן, איז טאַקע אין דער גאַנצער שטיב ניט דאָ, נאָר דער לאַרטשיק מיט דעם גרויסן היט ציקער, מיט די ביטעלקים ראָם, ווייטער לחלוטין גאָר נישט. איין טיליפ געהט דער ר׳ ליפּאָ פאַר אַשלאָף ראָק, אין פאַר אַטיליפּ, אַפילו דאָס בעט, איז מיט הויל שטרוי, אין דרויף ליגט אַרוסישע נייע ווייסע וואָלינע קאָלדירע, מיט דער בעל הבתטים אַקויטיקן קישן אויסגענעהט מיט רויטע אָדלערם.

די קאָלדרע איז אפשר אויך ביי אַקרעמער גינעהמין אַף מאָרגין צו צאָהלין, דער לאַרטשיק אויך, אַקוראַט ווי דער ציקער מיט דעם ראָם.

איך האָב מיך גילעגט שלאָפין, אין האָב ניט גיהערט ר׳ ליפּאס אַהיים קימין, ערשט אין דער פריה בין איך אויף גישטאַנין, טעה האָט מען ווידער געטרינקין אין ר׳ ליפּאָ איז אַוועק גינאַנגין ערגיץ.

דער בעל הבית ר׳ אייזיל מיט זיין ווייב, מיט דעם משרת דערצו, זענין צו מיר אַריין געקימין מיך עפּיס צו בעטין, איך וויל אייך ניט אַף ליטוויש נאָך־מאַכין זייערע רעד מיט זייערע הויה, אין דערצעהל אייך אַף אינזער לשון.

וואָס בעטין זיי מיך — באַשר דער גרויסער פּאָדראַדשיק ר׳ ליפּאָ האָט ביי זעך אַבינדאַליק (דאָס הייסט אַשטערינטיכיל ביי אינז) פון זייער גרויסע פּעריל, וויל ער דווקא צעהן טויזענט רובל פאַרין בינדאַליק, איך אייזיל וויל פון מיין ווייבס וועגין קויפין דעם בינדאַליק, וויל איך איהם גיבין דריי טויזענט רובל אַסיגנאַציעס מזומן תיכף, איך וויל צאָהלין די קרעמערס וואָס ר׳ ליפּאָ איז זיי שילדיק אַדריי הינדערט רובל, פאַר סטאַנציע, היי אין האָבער די פערד, אין פאַרקעסט איהם אין זיין משרת, אין זיין בעל עגלה פיר וואָכין די פּיפּטע, וועט מיר אויך קימין אַקעגין דריי הינדערט רובל, אַף דעם איבריקין וויל איך איהם גיבין אַשטר חוב אַף זעקס חדשים צייט, ביי אַזאַ גרויסין פּאָדראַדשיק איז עס גאָר גרינג צו וואַרטין, ביז איך וועל אַרויס נעהמין געלט, וואָס איך האַלט אַפּאָסט־סטאַנציע מיט פערציק פערד, היינט איז מיר אַביסיל ענגלער, קאָן איך מעהר קיין מזומן ניט גיבין, מיר זעהען דעך, אַז ער איז אייך נוהג כבוד, אין האָט אייך אַריין גינעהמין אין זיין שטיב אַריין, בעט איהר איהם, ער זאָל די טובה טיהין, וועט איהר האָבין אַמצוה. —

דער משרת זאָגט זיין בקשה — ר׳ ליפּאָ האָט מיך ערשט היא צו גינעהמין, אין דערווייל האָב איך איהם הינדערט רובל מיינע גיגיבין, ווייל ער האָט גיזאָגט

הויפּטקוואַטיר, נאָר ער האָט גינעטהיק געמיזט אַף עטליכע טאָג פאָהרין אַהער, דאָ איז ער געבּליבּין בּיז די קעלטין וועלין נאָך לאָזין, האָט ער זיין פיהר, אַשליטין מיט דריי פערד שטעהען אין פרעסין האָבּער, אַף אַוועק צי פאָהרין — דערבּיי אַז סיז נאַכט גיוואָרין, טיהט דער ר׳ ליפּאָ מיך אַפרעג, אויבּ איך וויל געהען אין בּוד אַריין מיט איהם?

— זייער וואָיל — ענטפער איך, בּפרט דער בּעל הבּת אייזיל איז אַריין געקימין מיט גרויס דרך-ארץ זאָגין — די בּוד איז סוין גאַטאָוו זאָגט מען. —

געהען, דער בּעל הבּת, ר׳ ליפּאָ, אין איך, ניט וויַיט אינטער דער גאַס, איז די בּוד, פינצטער איז אין דער בּוד, זייער אַפאַסקידנע אָרט זעך אוים צי טיהין, נאָר, איך בּין שוין דאָ, מיז מען זעך שוין אויסטיהין,

ווי דערשראָקין בּין איך גיוואָרין, אַז איך האָבּ אין דער חושך דיקער בּוד דערזעהען — איהר וועט דאָס אפשר ניט גלייבּין, אַזוי ווי איך האָבּ מיינע אייגינע אויגין ניט געגלייבּט — קאַצאַפּים מיט קאַצאַפּקים נאַקיטע בּודין זעך אין-איינים דאָ אין דער בּוד, איך בּין אַנטלאָפין גיוואָרין, אין האָבּ מיך צוריק ווידער אָנגעטיהין, אַהיים, צוריק אַהיים אַנטלאָפין גיוואָרין.

בּאַרדוטשיבער יודין וואָס זענין איינגישטאַנין בּיי דעם אייזלען, האָבּ איך מיט כּעס אַפרעג געטיהין — סטאַטש, מאַנצבּילין בּודין זעך אין-איינים מיט ווייבּער היא? — יאָה, היא איז אַלץ אַזוי, מיר זענין שוין גיוואָינט, — ענטפערין מיר די אורחים, שען, געוואָינט, שען, זעהר ערליך, אַזאַ יאָהר זאָלט איהר האָבּין — האָבּ איך די יודין גיזאָגט, אין בּין אין מיין שטיבּ אַריין גיגאַנגין.

אין שטיבּ זעה איך מיינע זאַכין פין מיין בּעטזאַק זענין צעוואָרפען, איך טיה אַפרעג דעם משרת — ווער האָט דאָ מיינע זאַכין צעוואָרפען.

דער משרת ענטפערט מיר — דער בּעל הבּת מיינער, ר׳ ליפּאָ האָט מיר גיהייסין פין אייער בּעטזאַק אַרויס נעהמין אַהעמד אין פלידירין, אין איין פּאַר זאָקין מיט נאָך עטליכע זאַכין, איך זאָל איהם נאָך-טראָגין אין בּוד אַריין, האָבּ איך איהם דערלאַנגט, איהר האָט מיך ניט גיזעהען, ווייל עסיז פינצטער דאָרט. —

חאָטשע עס קאָן זעך טרעפין, אַז מען האָט זיין וויַיס-גרעט נאָך ניט גיוואַשען, מיז מען אפשר אַנטלייען בּיי אַבּאַקאָנטין דער-וויַיל, נאָר די קשה איז, פאַר-וואָס האָסט דיא ר׳ ליפּאָ מיך ניט גיפרעגט, איז דאָס ערשטע.

איך צי מיר אַרײַן, קימט אַרײַן, איך בין דאָ אַלײן אין אַגאַנצער שטיב, זײער גוט, אַזאַ שכן וויל איך. —

איך קאָן אִהם ניט. איך ווײס איהם ניט, ווער דער גרויסער פּאָדראַדשיק ר׳ ליפּאָ איז. איך האָב אַפּילו קײן מאָהל ניט געהערט זײַן נאָהמען, נאָר דער־ווײַל האָט ער מיך יאָה געקאָנט, און האָט מיר אַגרויסע טובה געטיהן לעת עתּה.

ר׳ ליפּאָ׳ס משרת לויפט מײַן בעטזאַק מיט מײַנע זאַכין אַהער ציבּרענגין, איך בין שוין אין אַגרויסער רײַנער שטיב, זײער וואַרים און לעכטיק.

דערציי שטעהט אַסאַמאָוואַר אַפין טיש בײַ ר׳ ליפּאָן, אַלאַרטשיק (אָדער אַפּאָגריבעץ מיט שאָלען און אַלע טעה־כּלים שטעקין דרינען) די אַלטע רוסישע פּאָדראַדשיקים זענין קײן מאָהל ניט געפאָהרין אָן דרײַ מאָהל — טשיק — אַלאַרטשיק, אמאַלטשיק, און אַטשומאָדאַנטשיק (אַרענציל פין לעדער), טראַכט איך בײַ מיר, דער ליפּאָ מיז אַוודאי זײַן פין די אַלטע פּאָדראַדשיקים, מיר איז דאָ גוט געוואָרין, פין דער קעלט קימענדיק, הײסען טעה, מיט אַביטעלקע ראָם שטעהט דערבײַ, קאָן מען זעך באַלד דער וואַרמין, אַיאָה?

איך זעה פין אַקרום האָט מען געבּראַכט אַגרויסען היט ציקער, און נאָך צוויי ביטעלקים ראָם, מיט אַפינט טעה, דער קרעמער האַלט אַגעשריבּינים חשבּון אין די הענט, וויל ער געלט מן הסתּם, זאָגט איהם ר׳ ליפּאָ — זאַווטראַ — (דאָס הײסט — מאָרגין וועסט דיא קימין. —)

בײַ דעם טעה־טרינקין זאָגט מיר דער ר׳ ליפּאָ — איהר קאָנט מיך ניט, ווײַל איהר זענט נאָך גאָר אַיונגער מאַן, אײַער טאַטע און אײַער מאַמע — ר׳ ליפּאָ האָט זײ בײדע אָנגערופין בײַ די נעמין — קאָן איך, און זײ האָבּין מיך זײער גוט גיקאָנט, אײַער מאַמע איז גישטאָרבּין, און אײַער טאַטע וואָהנט אין אָמאַן, אַיאָה. —

האָטשע איך קאָן איהם ניט, נאָר בײַ אַזעליכע סמנים גלײבּט מען, אַז דער ר׳ ליפּאָ איז אַוודאי אײנער פין די אַלטע גרויסע פּאָדראַדשיקים מיט די דרײַ מאָהל טשיק.

גיגעסין האָבּין מיר בײדע, בײַ ר׳ ליפּאָן אין שטיב, און איך בין אַגאַנצען טאָג געבּליבּין אין דער וואַרימער רײַנער שטיב, ר׳ ליפּאָ אויך, וויא ער זאָגט — איז ער איבּער די גרויסע פרעסט מעוכּב גיוואָרין, ער האָט זײַנע גרויסע עסקים בשותּפות מיט אײנים ר׳ לײזער דילאָן, פין ניסוויעז, איז ר׳ לײזער דילאָן געבּליבּין בײַ דער

אַז סיז יאָה אַזוי — זאָגט אָקסמאַן — מיז איך דערצעהלין, בפרט איהר ר׳ גרשון מאַרגאָסין האָט מיך אַנימילט גיפרעגט אַהאַרבע קשה, וויא קים איך מיט אַזאַ בייזער לייד ליפּאַ פאַקטער-פין זיטאָמער, צי פאָהרין אין איינים. —

די מעשה איז אַזוי, דער אָנהייב איז, פין די גרויסע פרעסט וואָס יענים ווינטער 1812. 1813. איז גיוועזין, עפּיס וויא איטיסנע מכבד צי זיין די פראַנצויזען.

אין די גרויסע פרעסט בין איך אָנגעקימין נאָך נאָוועגאָד קיין טשערניגאָוו, פין דאָרטין ווייטער צי פאָהרין צי דער הויפּטקוואַטיר, וויא דער עולם דערצעהלט פינים קליינין הענזילם וועגין, זיין גלייך ווערטיל איז גיוועזין — ווען זעהען זעך אַלע פּאָדראַדשיקים אין איינים, נאָר אין גהנים, אין ביים לעבין, אין דער הויפּטקוואַטיר, — אַלע פּאָדראַדשיקים זענין אַהין געפאָהרין נאָך עסקים, פאָהר איך אויך, עסיז אָבער באמת גיוועזין אַגרויסע סכנה אין די גרויסע פרעסט צי פאָהרין פין זעקס אין דרייסיק גראַד, דעריבער האָב איך געמיזט בלייבען אין טשערניגאָב אַביסיל וואַרטין, אפשר וועלין אָפּשלאָגין די פרעסט, אַחוץ דעם, האָט מען ניט גיקאָנט וויסין וויא די הויפּטקוואַרטיר שטעהט, ווייל דער קייסער אַלכּסנדר אַליין מיט דעם פעלדמאַרשאַל קאָטוזאָוו אין דאָס גאַנצע חיל האָט ניט געריהט, מען איז נאָר ווייטער אין ווייטער געגאַנגען אַרויף קיין דייטשלאַנד, נאַפּאָליאָנען מיט זיין ביסיל נשאר-קרום אַרויס צי טרייבען איבער דייטשלאַנדס גרעניץ, בלייב איך אָקסמאַן אין דער ליטווישער שטאָט טשערניגאָוו.

איין איינציקער ייד אייזיל ביי דעם שטעהט מען-איין, אין טשערניגאָב, דער אייזיל האַלט אורחים, בין איך אָקסמאַן מן הסתם אויך אַהין אַריין געפאָהרען.

ווי ניט-גיט איז מיר גיוואָרין, אַז ביי דעם אייזלין איז נאָר דאָ, איין איינציקע שטיב. דאָ ליגין אפשר פיפצעהן אורחים, אף דער ערד שלאָפין אַלע ווי בהמות אין איין שטאַל, איך פרעג די בעלהבתטע די קויטיקע ליטוואַטשקע אייזילס ווייב, אויב סיז ניט דאָ אַבאַזינדער שטיביל מיר צינגיבין, — ניסט פראַן, סיז דאָ איהם איין סטוב, סטעהט אָבער איט ר׳ ליפּאַ דער גרויסער פּידראַציק, — גראָד ווי זיא האָט מיר די תשובה גיזאָגט, איזיס גיוועזין ביי דער טיהר פין יענער שטיב, עפינט דער ליפּאַ די טיהר, ווי ער הערט מיך זאָגין — איך הייס אָקסמאַן, אין מיז מיר ערגיץ אַנדערש זיכין אַבּאַזינדער שטיביל. —

אַה הער אָקסמאַ — זאָגט דער ליפּאַ מיט אַחן — הער אָקסמאַנען נעהם

פין אייך אָקסמאַן, ביז איהר מיזט אינז דערצעהלין פין דעם ליפּא לעוויט, ווייל איך קאָן דעם בּחור, ער איז אַפּאַקטער, אַבּעזע לייד, וויא קימט איהר צי איהם, מיט אַזעליכין זאָלט איהר אין איינים פּאַהרין? אַקשה.

16.

עסיז שוין שפּעט געוועזין בּאַנאַכט, דערצי איז אָקסמאַנס עסק, אַז מען מיז צים שפּיטאָל פאַרטראַכטין אַלץ, מיטין טאָג גלייך איבּער צינגיבּין אַף די קעחין בּיי די קראַנקע סאָלדאַטען, זאָלין האָבּין וואָס צי קאָחין, האָט געמיזט בּלייבּין. אַף אַכט טאָג שפּעטער, זאָל מען זעך צים-אויף קימין בּיי ר׳ גרשון מאַרגאָסין, דאָרטין וועט אָקסמאַן דערצעהלין די מעשה פין דעם ליפּא לעוויט מיט דעם פּאַלשען שטערינטיכיל (אָדער — שטערענבּינדיל — אָדער — בּינדאַליק — וויא מען ריפט עס) מיכל האָט דערמאָהנט אָקסמאַנען אַקוראַט צים אַכטין טאָג ווי עסיז נאַכט געוואָרין, צי מאַרגאָסינען צי געהען. יאָה, דיא בּיסט גירעכט, איך האָבּ צי גיזאָגט, קים מיכל מיט מיר אַהין.

בּיידע זענין געקימין צי מאַרגאָסינען, אין האָבּען די גאַנצע חברה פּאָדראַדשיקים שוין אָנגיטראָפין דאָרטין אין איינעם ווארטין אַף אָקסמאַנס מעשה, אין בּעטין איהם, תּיכף אָנצוהייבּין.

אָקסמאַן פרעגט, פין וואַנין ווייסט איהר, אַז די מעשה איז וועט צי הערין דערצעהלין, וואָס איהר ווילט אזוי שטאַרק איך זאָל תּיכף אַדערצעהל טיהין, איהר ווייסט אפשר ניט מיינע ליבּע פּאָדראַדשיקים, אַז מען איז ניט תּמיד גלייך פאַרטיק אַזאַך צי דערצעהלין, בּפרט אַז מען מאָהנטים וויא אַחוב — דערצעהל שוין, דערצעהל שוין. —

ר׳ גרשון מאַרגאָסין ענטפערט, איהר מיין ליבּער אָקסמאַן ווייסט ווידער ניכשט, אַז עפּים פין ליפּאַם מעשה האָבּ איך אין קאַליש בּשעת אינזער קייסער איז דאָרטין זעך צים אויף געפאָהרין מיטין פּרייסישען מלך, גיהערט, איך האָבּ דעם עולם איסקאַליטשיט וואָס איך האָבּ זיי אַזוי ווייט דערצעהלט, פאַרשטעהען אַלע, אַז דער קאָפּ געהט אָפּ, דעריבּער בּעטין מיר אייך אַלע אַזוי שטאַרק איהר זאָלט דאָס גאַנצע ווי עסיז גיוועזין, דערצעהלין.

גיבּט איהם געלט פאַר זיינע ליגין, איהר קליגע יודין לאָזט אייך איינרעדין די גרעסטע פאַלשע ליגין, איך וועל אייך אַצינדערט זאָגין איין אֶמֶת וואָרט, שלמה הַמֶלך האָט אָנגעשריבּין אין סֵפֶר מִשלֵי — פֶּתִי יַאמִין לְכָל דָבָר — דער חָכָם שלמה, האָט ניט גיזאָגט סְכָל יאמין לְכָל דָבָר. — ווייל סָכָל איז די טייטש אַנאַר, אַשוֹטה, אַזעליכער גלייבּט ניט איטליכין, וויא מען זאָגט בּיי יודין אַגלייך ווערטיל — אַנאַר, איז שווער צי נאַרין, — דאָס לָשוֹן קוֹדֶש וואָרט — פֶּתִי — איז טייטש-אַמענש וואָס לאָזט זעך גרינג איבּערעדין, אָט אַזעליכער הייסט פֶּתִי, דעריבּער זאָגט שלמה הַמֶלך — פֶּתִי יַאמִין לְכָל דָבָר, — איהר בּרידערליך אין רוּסיש פּוֹילין, איהר זענט ניט קיין נאַראָנים, דער איז אַליין אַנאַר, וואָס גלייבּט אַף אייך, אָדער ער האַלט אייך פאַר נאַראָנים, וואָס דען זענט איהר, פְּתָאִים, איהר לאָזט אייך גרינג איינרעדין. —

וואָס מיינט איהר רַבּוֹתִים, עטליכע פין דעם גרויסען עוֹלָם האָבּין מיך געפיהרט אין אַלקיר אַריין, אין האָבּין מיר גידאַנקט פאַר מיין גאַנצין אָנשטעל, אין פאַר מיינע אינטערשטע עטליכע ווערטער — איהר האָט אַמצוה גיטיהין, אין האָט אַטוֹבָה גיטיהין אין כַּמָה אוֹפַנִים פיעל מענשין, בּיי אינז ווערבּיווּיט מען היינט יונגע לייט אינים חַבּ"ד אַריין, דערך אייער גישפּעט-טרייבּען וועט דער ווערבּיניק בּלייבּען ניט-גיפּוֹעלט. —

פאַרשטעהט איהר מיך רַבּוֹתִים, מען מיז מיט כֵּלִים שפּעטין פין זיי, טאַקע מיט זייערע כֵּלִים, מיט זייערע פריסנע ניט גיהיבּליוויטע תּוֹרה זאָגיכצין, מיט זייערע פאַלשע גילעכטערליך, מיט זייערע גיקנייטשטע הַוַית, זיי צי גישפּעט מאַכין, אַז דער פּראָסטער עוֹלָם זאָל אין די גאַסין פין זיי שפּעטין. דענצמאָהלט וועלין זיי אויף הערין צי גילטין, דערבּיי בּעטין דעם קייסער, ער זאָל הייסין, ער זאָל גיבּין איין אָקאַז, אַז אַיוד מיז חאָטשע גיט קאָנין שרייבּין אין לעינין, וועלין יודין לעינין, פין די היינטיקע רוּסישע יונגע וואָילע בּיכער-שרייבּערס, זייערע חריצישע חִבּוּרים, וועט גאָר בּיי אינז ווערין איין אַנדערע וועלט, מיט שטעקינס וועט מען טרייבּין די חסידים מיט זייערע רֶבִּים, דאָס האָף איך צי גאָט בָּרוּך הוּא, וועט נאָך אין אַפּיפּציק יאָהר ווערין אין גאַנץ רוּסיש פּוֹילין אין אַלע שטעט בּיי יודין יְשׁוּעוֹת וְנֶחָמוֹת.

פין דעם דערצעהליכץ, מיט אָקסמאַנס ווערטער האָט קיינער ניט אַזוי שטאַרק הֲנָאָה גיהאַט, אין ניט אַזוי שטאַרק גילאַכט, וויא מֶיכל.

ר' גֶרשוֹן מאַרגאָסין האָט נִיט גִישענקט, אין האָט גִיזאָגט, מִיר געהען נִיט אַוועק

אלעכט, איך האב געשווינד אנגעטיהן מיין חאלאט אין מיין סויבלין היטעל, מיך ביי דער וואנט גישטעלט דאבנין מנחה ומעריב, דא האב איך אנגיהויבין צי טיהין דאס וואס חסידישע רבים טיהין, צי פליעסקין אין צי קרעכצין אין צי אחקין ביים דאבנין, באברעמט מיט משונהנה אויסגעשרייען אף פרימע משונהנה קולות, — טאטוניא, פאטרוניא פא הא, טאטע ליבער, פים פאם, — איידער איך האב נאך אפגידאבינט, וועניז שוין ארים מיר גישטאנין אצעהן יודין, איך האב אפגידאבינט, האט מען אויסגישטרעקט הענט מיט פארקרימטע פנימר שלום עליכם, — איך האב גיענטפערט — עליכם שלום — מיט אחסידישער משוגענער הויה, אין בין צי געגאנגען צים טיש מיך אנידער גיזעצט גאנץ אויווין אן, אשיט מיט חסידיש רבישער קבלה תורה (די פלוידער תורה ווייערע, שיט איך פין די שטיוויל ארויס) דערביי פים, פאם אלע מאהל — פאטער הארצידיקער קידשא בריך הוא, הא פא, בים באם — דאס איז גיגאנגען ווי אוואסער, די שטיב איז גיווארין פיל, איין ענגניש דערשטיקט צי ווערין, גילעקט די פינגער האט מען נאך מיין תורה אוים געמישט די עשר ספירות, מיט בחינת, אין מיט זוהר לשון, דערצי עטליכע באריהמיכצער אף מיר אליין, וואיל אחודש, מחיה, נפלאות, הפלא — האבין גיזאגט די וואס האבין עפים פארשטאנין, די איבריקע וואס האבין ניט גיהערט, אדער חאטשע זיי האבען גיהערט, האבין זיי ניט-אוואָרט פארשטאנין, די האבין נאך מעהר גילויבט, אז איך האב גיקאנט הערין וייער שישקערייע — אגרויסער צדיק, אמשונהנהר גיטער יוד, אפחד פין ארבין, אשרעקליכער בעל תורה פשוט די שכינה ריהט אף איהם, — איך זאל גיוועזין נאך אהאלבע שעה טאקין די פלוידער-תורה אין מיט די פאלשע הוית, וואלט מען גיוועזין אנגיהויבין צי טראגין געלט, ווייבער מיט בלינדע מיידלעך האבען זעך שוין געשטיפט צי מיר, האט דער גראבער יונג דער ליפא ארוים גילאזט איין גילעכטער נאכין אנדערן — נאראנים מען נארט אייך אין זאק אריין, ווייסט איהר ווער דאס איז, דאס איז אקסמאן אפאדראדשיק, חא חא חא חא חא. —

אפשר וואלטין זיי איהם ניט געגלייבט, נאר איך האב גיעפינט דאס מויל — זעהט ווי גרינג עסיז אייך אפצינארין את וואלט איך מיט די חלשיתדיקע ווערטער, ניט איין אמת ווארט איז אין דער גאנצער חסידישער קבלה תורה וואס איך האב אייך גיזאגט, אייך גיקאנט אין טארבע ארין נעהמין, אזוי מאכין אייך אלע די רבים אגאנץ יאהר צים נאר, ער אליין דער רבי לויבט זעך, אין איהר גלייבט, ער לאגט, אין איהר

אַריַין זעצין אין אַקאַדקי פיל מיט בראָמפין, און איינער וועט דעם פּאָוועך האַלטין ביי דער טשאָפּרינע, ער זאָל ניט קאָנין טרינקין ניט אַקאַפּ פון דעם בראָמפין, אַזוי האַלטין די רֶבים די יודין ביי די פּיאות, חלילה איוד זאָל עפּיס קאָנין אָדער עפּיס זעך אויסלעהרנין. —

מיר זענין די פּאָוערן — (זאָגט ר' אַברָהם לאַנדע) — מין זעהען פאַר אונז. יודין משלמים, יונגעלייט וואָס קאָנין אַזוי פיעל, און וואָלטין גיגערין אונזערע קינדער זאָלין אויך אַזוי זיין, האַלטין אינז די מלאכי חבלה די רֶבים ביי דער טשאָפּרינע, און לאָזין אינז ניט, איך האַלט מיט ר' גרשון מאַרגאָסין, אַז צו אַזאַ מכה, איז טאַקע ניט דאָ קיין רפואה, וויא זאָגט איהר היילפערין, וויא זאָגט איהר ר' חיים קרוין, און איהר בלומענפעלד, סיידין מיר וועלין אינזערע קינדער אַהער שיקין קיין דייטשלאַנד, (אַלע זאָגין,) טאַקע, טאַקע, טאַקע נאָר אַהער פּעקלין.

אָקסמאַן האָט אויסגיהערט, און פרעגט, זאָגטשע איהר קליגע לייט, וואָס הייסט דאָס פאַר אַמענשליכקייט, אַבי זעך, אַבי זיינע קינדער, און אַזוי פיעל הינדערטער טויזענטער יודישע-קינדער זאָלין פאַרפאַלין ווערין ניין, חלשית, פע, מיך דאַכט מען קאָן אַלע העלפין, גאָר מיט אַגרינגער רפואה, איאָה אייך דאַכט זעך סיז ניט צו העלפין, איך זאָג אייך אָבער, אַז נאָר דורך גישפּעט מאַכין פון די חסידישע רֶבים, איז פון זיי איין-עק, למשל וויל איך אייך דערצעהלין וואָס איך האָב געטיהין אין אַפּאָליסער שטאָט, חומץ דאַכט זעך האָט די שטאָט גיהייסען, ביי מיין אַהער פאָהרין איז מיין וועג אויסגעקימין אים ווינטער, ווען די אַלע וואָילע פראַנצויזין מיט אַלע דייטשע חילות זענין ביי אינז אין רוסלאַנד דורך די גרויסע פרעסט גיפאַלין ווי שטרוי דענצמאָהלט האָט מען זעך פאַר פריה געשטעלט נעכטיקין, מיט מיר איז גיפאָהרין אַזיטאָמערער יוד ליפּא איינער. — איהר וועט מיך דערמאָהנין נאָך דער מעשה, איך זאָל אייך דערצעהלין פון דעם זיטאָמערער ליפּא לעווי ט אַבאַזינדערע מעשה, מיט אַפּאַלש שטערינטיכיל, — איידער מיר זענין אַריין גיפאָהרין אינים איינפאָהרהויז אין חומץ האָב איך גיבעטין דעם ליפּאָן — איך בעט דיך שווייגען זאָלסט דיא, איך וויל דאָ ווייזין די יודליך, וויא גרינג מען קאָן זיי אַלע פאַרנאַרין און זאַק אַריין, דיא מיזט מיר צו זאָגין צו שווייגען אַפּאָר שעה, — ליפּא האָט ניט געוויסט וואָס איך מיין, נאָר צו גיזאָגט האָט ער מיר, גיט צו שווייגין גאַנצע צוויי שעה.

אַז מיר זענין אַריין געקומין אין דער גרויסער שטיב, האָט מען ערשט אָנגעצינדין

נִישט קֵיין גאָטִיס ווינדער, נֵיין, חָלִילָה, טאַקע ווייטער גִיגְלֵייבּט, טאַקע ווייטער צִי אִיהם גִיפָאהרִין נאָך מוֹפתִים, טאַקע ווייטער אִיהם גִינִיבִּין אַף פִּדְיוֹנוֹת, דִי גאַנצע צֵייט וואָס דער ר׳ . . . האָט זִעך גִעוואַלגִירט אִינִים שטעטִיל בּראַצלִיב, צוויי מַייל פִין טוּלטשִין, ווער שמִיסט, אַז ר׳ . . . אִיז אַרוֹיס פִין בּראַצלִיב קֵיין מעזִיבִּיז, אִיז נאָך מֶעהר פאָהרערַיי גִיוועזִין צִי אִיהם, פרעג אִיך אַייך רַבּוֹתִים, אוֹיבּ פִין אַזעלִיכע מענשִין וואָס לֵייקִינִין אָפּ אַלץ וואָס אַמענשלִיכער שֵׂכל אִיז מחַייב, אוֹיבּ אַזעלִיכע מענשִין קאָנִין בּעסער ווערִין, בִּשְׁלוֹמא אֵיינער אִיז אַנאַר, זאָגט מען, אָט וועל אִיך אִיהם אֵיין גִיבִּין בּעסערן שֵׂכל, מענשִין וואָס זענִין קלִיג, זֵייער קלִיג, אִין ווילען מִיט גִיוואַלד דעם שֵׂכל צִי-נִישט מאַכִין, נאָר נאַרערַיי גִיפעלט זֵיי, מִיט וואָס קאָן מען אַזעלִיכע מענשען העלפען, דערִיבּער האָט דער ר׳ דָוִד פרִידלענדער פִין בּערלִין געשרִיבִּין צִי אִינזער מִינִיסטער, אַתּשוּבהֶ, אַף דעם וואָס דער מִינִיסטער האָט אִיהם גִיבּעטִין, ער זאָל אִיהם שרַייבִּין — מִיט-וואָס קאָן מען אִין רוּסלאַנד העלפִין, אַז דִי יִידִין זאָלִין אַזוֹי גוּט אוֹיף-גִיקלערהט ווערִין וויא דִי דייטשע יִידִין — דער חָכָם ר׳ דָוִד פרִידלענדער ער האָט צוּרִיק געשרִיבִּין, וויא אַגרוֹיסער מאַן — אַמִינִיסטער מֵיינט, אַז דִי יִידִין אִין רוּסלאַנד אִיז צִי העלפִין, וויא מען האָט גיהאָלפִין דִי דייטשע יִידִין, נֵיין, דִי בּיידערלֵיי יִידִין זענִין גאָר נִיט גלַייך, אִין דייטשלאַנד האָט דִי פאַרצֵייטִיקשע לוֹמדִישע יִידִין נִיט מֶעהר גִיפעהלט, נאָר מען האָט זֵיי גִידאַרפט אוֹיף קלערִין, מען האָט זֵיי גִידאַרפט אַוועק טִיהִין, אַז גמָרא אַלֵיין צִי לערנִין אִיז נִיט גענִיג, מען מִיז אַנדערע לֵשוֹנוֹת אִין אַנדערע חָכמוֹת אוֹיך קאָנִין, אִין מען האָט זֵיי דאָס דערוויזִין פִין דער גמָרא טאַקע, דערִיבּער האָבִּין זִעך אַלע דייטשִירשע יִידִין גִינעהמִין צִים קאָנִין אַלץ וואָס אַמענש דאַרף אִין דער וועלט צִי קאָנִין, אַגרוֹיסער חִילִיק אִיז דִי יִידִין אִין רוּסלאַנד, אַייערע חסִידִים זאָגִין, אָן גמָרא, אִין אָן אַלע מפוֹרשִים גלאַט, אַיוד דאַרף נִיט, אַיוד טאָהר נִיט קאָנִין קֵיין שוּם וועלט-זאַך, אַפִילוּ שרַייבִּין צִי קאָנִין, אִיז נִיט-פרִים, אַפִילוּ לָשוֹן קוֹדש אִיז נִיט-פרִים, אַיוד הייסט אַפִּיקוֹרִים וויא בּאַלד ער קאָן עפּיס, חוּץ דעם חסִידִישִין רַבִּינס פִינצטערע תּוֹרה (זאָגט אַזאַ רַבִּי) טאָהר אַיוד נִיט הערִין, חָלִילָה עס שאַט אִיהם צִי דער נשָמה, פאַרשטעה אַלֵיין מִינִיסטער, אוֹיבּ דִי בּיידערלֵיי יִידִין זענִין גלַייך. —

דָוִיד-זאָהן טִיהט אַהוֹיכִין לאַך, ווייסט אִיהר וואָס פאַר אַפָּנִים דאָס האָט, וויא מען זאָגט — ווייסט אִיהר וואָס אַפאַרשערער גֵיהִנים וועט זַיין? מען וועט דעם פאָוער

קינדער אין דערהיים, וענין פין די היגע קינדער, ביי איינים איז זיין איידים מיטן זיהנדיל ביידע חסידים, אין ליגין ביים גיטין יודין טאָג אין נאַכט, אפילו ניט אביסיל יודיש לעהרנין פיליוויט מען נישט, מכל שכן שרייבין לחלוטין נישט.

דער אנדרער זיפצט, ער האָט צוויי יונגליך, האָבין זיי זייער גיטע קליגע קעפּ, איז אפילו ניט דאָ באַוועמין צי לאָזין לעהרנין לשון קודש, ווער שמיסט רוסיש אָדער דייטש, טאָהר מען ניט לאָזין אקינד חס ושלום זאָלעס קאָנין, נאָר ביי די מלמדים די קאַליקים חסידים, דער מלמד פנחס הארבאַטש איז אויך אַקאַרגער למדן, אפילו גמרא קאָן ער נאָר אַקאַפּ, אַקענין איז ער אַחשוב ביים חסידישין רבין, אַטהייער זיידין יודילע, ר׳ . . . זאָגט, אַז אַף זיין האָרב שטעהט אַהאַלבע וועלט חאַ חאַ חאַ נאָ וואָס וועט ער דערצעהלין מיינע קינדער, אוודאי פין חסידישע גיטע יודינס מופתים, איין ליגין גרעסער פין דעם אַנדערן איין נאַרישקייט גרעסער פינים אַנדערין, יונגע קינדער נעהמין אָן אַלץ פאַר אמת, — סטאַטש דער מלמד, דאָס זיידינע יודילע דערצעהלט עס, איז דער דאָס אוודאי אמת. —

ר׳ גרשון מאַרגאָסין הייבט אָן צי דערצעהלין, רבותים איך זאָג אייך דעם אמת, אַז איך האָב שוין לאַנג מיאיש גיוועזין אינזערע מדינה-יודין, זיי וועט שוין קיין זאַך ניט העלפין, סטאַטש, איך בין אַליין גיוועזין אין טולטשין (אין פאַדאָלסקער גובערני) וויא דער חסידישער רבי, דער ביי חסידים הויך גילויבטער גיטער-יוד ר׳ . . . האָט מביש גיוועזין, זעהר גראָב מביש גיוועזין דעם ר׳ לייזערצין דעם גרעסטין נגיד אין טילטשין, איוד אַלמדן אין זעהר איין עהרליכער יוד דערצי, נאָ איז דער ר׳ לייזערצי גיגאַנגין צים גראַף פאָטאָצקי — ווי איהר ווייסט אין פוילין רוסלאַנד איז דער פּריץ פין דער שטאָט אַליין די פּאָליציע — אין האָט זעך זעהר ביטער באַקלאָגט, דער גראַף פאָטאָצקי ווייסט דעך ניט, אַז אַזאַ ר׳ . . . איז ביי די חסידים אהאַלבער גאָט זיין עהרליכער סוחר ר׳ לייזירצי איז ביי איהם טהייערער, ווייל אין דער גאַנצער שטאָט איז ניט דאָ נאָך אַזאַ עהרליכער גרויסער סוחר, דער גראַף פאָטאָצקי האָט געשיקט זיינע ריקים מיט זיין קאָמיסאַר, טאַקע אים פורים האָט מען דעם בעל מופת דעם האַלבין גאָט ר׳ . . . אַרויס געטריבין פין טילטשין, איהם מיטן ווייב אין מיט די קינדער האָט מען אים פורים אַרויס געפיהרט פין טולטשין, נאָ וועט איהר רבותים מיינען, אַז די חסידים האָבען גיזעהען, דיא רבי דיא בעל מופת האָסט אַשטימפּ, אָט האָט מען דעך אַרויס געטריבין פשוט וויא אַ . . . פין טולטשין, ביסט דיא דעך

דאָ איז מֶיכל אויך גִיזֶעסִין, ווייל אָקסמאַן האָט אִיהם תָּמִיד אַריין גֶערִיפִין ווען פרֶעמדֶע מֶענשִין זֶענִין צִי אִיהם גֶעקִימִין, כְּדֵי עֶר זָאל בַּאַקאָנט ווערִין מִיט בֶּעסֶערֶע לַייט ווִי בַּיי אִיהם אִין לַאהַיָהפָּאלִי זֶענִין, דערבַּיי האָט עֶר אָקסמאַן אַף דעֶם דַייטשִירִישִין שטַייגֶער, תָּמִיד דִי פרֶעמדֶע וואָס האָבֶּען מֶיכלן נִיט גִיקאָנט, גֶעזאָגט — אָט דאָס אִיז מַיין מֶיכל, איין עֶהרלִיכֶער טויגלִיכֶער יונגֶער מאָן, פִין רוּסִיש פּוילֶען, נִיט לַאנג אַרויס פִין דעֶר פִינצטֶערנִיש פִין דִי שטֶעטלִיך, אִיך ווִיל עֶר זָאל גֶענִיט ווערִין אִין זָאל בַּאַקאָנט ווערִין אִין דעֶר גרויסֶער-ווֶעלט מִיט לַייט, נִיט גראָד חסִידִים אָדעֶר פַּארנַארִישטֶע קלִיגֶע, אִיך וואָלט גִיגֶערִין, עֶר זָאל אַהֵיים קִימִין חאָטשֶׁע נִיט מִיט פִיעֶל גֶעלט, זָאל עֶר האָבִּין אַמָאל דָארטִין צִי זָאגִין — פַאר נַארטֶע מֶענשִין עֶסִיז נִיט אֶמתֶ וואָס מֶען זאָגט אַייך פִיר. —

אַזוי האָט אָקסמאַן אִיטלִיכִס מאָהל גִירעֶט, אַצִינדעֶרט אַף דעֶר נאַכט, אַן אַלֶע רוּסִישֶע פָּאדראַדשִיקִים וואָס אִין בּרֶעסלֶע זֶענִין זֶעך צִי אִיהם צִים-אויף גֶעקִימִין, האָט אָקסמאַן פַאר אַלֶע דאָס אֵיינִינֶע (אָדעֶר מִיט אַנדעֶרֶע ווערטֶער) מֶיכלן רֶעקאָמֶענדִירט.

אַקלִיגֶער יונג מֶיכל האָט אויך שוין גֶעווִיסט דֶרֶך אֶרץ, אִין האָט זֶעך צִי אִיטלִיכִין גֶענֵייגט, אִין צִי אָקסמאַנֶען גֶעזאָגט — אַשֶענִים דאַנק פַאר אַייעֶרֶע גִיטֶע ווערטֶער (— נִיט וויא אַיִודִיל פִין רוּסִיש פּוילֶען זָאגט תֵּיכֶף צִי אִיטלִיכִין — אַגִיטֶער פְרַיינט — אָדעֶר — זַייעֶר אַגִיטֶער פרַיינט. — וויא קִימט בַּאַקאָנטשאַפט, צִי גִיטפרַיינטשאַפט, מֶיכל האָט שוין גֶעווִיסט דעֶם חִילק פִין דִי בֵּיידֶע זאַכִין.)

דִי פָּאדראַדשִיקִים ר׳ גֶרשון מַארגָאסִין, ר׳ משה דַוִידזאָהן, ר׳ יַעקִיל הַיילפֶערִין, ר׳ חַיים קרוין, ר׳ שלומֶה בּלוּמֶענפֶעלד, ר׳ אַברָהָם לַאנדֶע זֶענִין אַלֶע גִיוועֶזִין בֶּריהֶם מֶענשֶען, גֶענִיטֶע פָּאדראַדשִיקִים, מֶענשִין וואָס האָבֶּען אַנאָמִין אַף דעֶר מדִינֶה, פִין דעֶרהֵיים מִיחוּסִים, עשִירִים, אַטהֵייל גרויסֶע עשִירִים, אַטהֵייל נִיט זֵייעֶר רַייך, נאָר תָּמִיד אִין-עֵסקִים, קלִיגֶע אויף גֶעקלֶערטֶע מֶענשִין, וואָס האָבִּין פִין דעֶרהֵיים גֶעווִיסט, אַז דִי חסִידֶרַיי אִיז אַצָרָה פַאר יִידִין, בִּפְרַט, אַז זֵיי האָבִּין דאָ אִין דַייטשלַאנד גִיזֶעהֶען יִידִישֶע יונגֶע לַייט מִיט גרויסֶע מַעלות, יִידִישֶע קִינדֶער לֶעהרנִין, אִין קאָנִין לשונות, אִין אַלֶע חָכמוֹת, אַז מֶען מִיז פַאר אַזעֶלִיכֶע קִינדעֶר דֶרֶך אֶרץ האָבִּין.

אִיז דעֶך פִיעל דאָ צִי רֶעדִין, אַז מֶען טִיהט אַקִיק, ווִי ווַייט זֵייעֶרֶע אֵיינִינֶע

קלײנע קינדער, נײן מיכל, דער װאָס האָט ממציא געװעזן דאָס ערשטע מאָהל די זאַך פֿין אַטעאַטער, האָט געהײסן אַריסטאָטליס, אַפֿילו פּראָסטע יודן זאָגן — קליג נאָר װיא אַריסטאָטליס. — דאָס איז פֿאַר עטליכע טױזענט יאָהר געװעזן זײער אַגרױסער װעלט חכם אין אַלע חכמות פֿין דער װעלט, דער האָטעם געזאָגט — אַטעאַטער איז אַחדר װי מענשין לערהנין זעך גיט אין פֿרים אין ערהליך צו זײן (דאָס טעאַטער איזט די שולע דער טוגענד) אַצינדערט װײסט דיא מיכל צי װאָס עס קימט צו ניץ, אַיאָה. —

אַשענים דאַנק אײך הער אָקסמאַן — זאָגט מיכל — הײנט װײס איך פּיעל זאַכין, װאָס איך האָב פֿריהר ניט געװיסט, אין די שטעטליך בײַ אינז לעבט מען נאָר װיא די בהמות פּראָסטע, מיר זאָל ניט זײן אײן אײנציקע זאַך װאָס ציהט מײן האַרץ אַהײם װאָלט איך חלעבין ניט געפֿאָהרין אין דעם פֿינצטערן חושך אַרײן, װיא איהר זאָגט, נאָך דערצו די ליגנערם צו די חסידישע רבים מיט זײערע אָנשטעלין, װאָס מאַכין מענשין פֿאַר ליגנערם פֿאַר פֿלױדערעס אין פֿאַר קאַליקים, נעבין נעבין ארחמנית אַף זײ, עס רײסט דאָס האַרץ. —

אַזױ זענען בײדע אָקסמאַן אין מיכל אַהײם געקימין פֿינים טעאַטער.

15.

מיט עטליכע טעג שפּעטער נאָך דעם טעאַטער-שמים, איז בײַ אָקסמאַנען צים אױף געקימין אַלע רוסישע פּאָדראַדשיקים װאָס זענין געװעזן אין ברעסלע, ניט מכּוח עסקים צו רעדין, דאָס איז נאָר אין די רוסישע פּױלישע שטעט אַזױ, אָן דרך ארץ, מען זאָל אַרײן קימען צו יענים, צו זעהען װאָס ער שרײַבט אָדער מיט װעמין ער האָט צו טיהין, געװאָהר צו װערין פֿין יענימס סודות.

אין דײטשלאַנד האָבען זעך אינזערע רוסישע פּאָדראַדשיקים אױסגעלערינט דרך ארץ, אַז מען צעהלט געלט בײַ אַטיש, זאָל מען שטעהען װײט פֿינים טיש, אין אַז יענער שרײַבט, זאָל מען בשום אופֿן ניט נאָהינט צו געהן, כּדי עס זאָל ניט אָפּנים האָבען, אַז מען װיל קיקין זעהען װאָס יענער שרײַבט, גלאַט דער עולם זענין זעך צים אױף געקימין אַף דער נאַכט, אַז איטליכער האָט זײַן עסק בײַ טאָג געטיהין, מעג מען אַביסיל שמיסין פֿין װעלט-זאַכין.

שטיבּילעֶ אַפילוֹ אַרוֹיס צי טרַייבּעֶן – גידעֶנקסט דיא דעֶם בּאַראָן — נאָ ווי האָט זעֶך אויסגילאָזט, אַז דעֶר בּאַראָן איז גיוואָרין אָרים אין אַקאַליקעֶ דעֶרציַ, דעֶר אָרימעֶר איז דורך זיַין עֶהרליך גיט שעֶן מײַדילעֶ גיוואָרין איַין גיטין גראַפּס אַשווּעֶהר, אין איז גליקליך גיוואָרין, גידעֶנקסט דיא מֶיכל. —

— יאָה חלעֶבין — זאָגט מֶיכל — איך דעֶרמאָהן מיך בּיי די אַלעֶ שטיק איז אַלץ אַזוֹי דעֶר סוֹף, יאָה חלעֶבין טאַקעֶ. טאַקעֶ קימט אַלץ אַוֹיס, אַז דעֶר גירעֶכטעֶר ווערט דעֶר נאָך בּאַקאַנט, אין דעֶר שלעֶכטעֶר מעֶנש ווערט גיהַרְגיט, אָדעֶר זיַינעֶ פאַלשעֶ זאַכין קימין אַרוֹיס קלאָהר, אַז עֶר ווערט מֵביוּש, נאָ. —

— קימט דעֶך דעֶר טעֶאַטעֶר ציניץ בּעֶסעֶר — זאָגט אָקסמאַן — בּעֶסעֶר פין אַבּעֶל דַרשהֶרס מוּסר זאָגין, דאָ איניס טעֶאַטעֶר בּשַעת מעֶן האָט הַנָאָה פין די אָנשטעֶלין ווי דיא מֶיכל ריפּסט עֶס — פּעֶקילט מעֶן אַרייַן איטליכין וואָס זעֶהן אין וואָס העֶרין, אין האַרצין אַרייַן מוּסר, אין אַראַיה, אַז גיט איז עֶהרליך צי זיַין אין גיטעֶ לַייט ציפּאָלגין, געֶהט תָּמיד אוֹיס צים גיטין, פאַרקעֶהרט ווידעֶר איזיס אַראַיה, אַז אַבּעֶל גאַוה, אַשלעֶכטעֶר מעֶנש אַהילטיַ, חאָטשעֶ עֶס דאַכט זעֶך אַף אַקעֶרצעֶר ציַיט עֶר לוֹיכט, קימט עֶר דעֶר-נאָך צי בּזיוֹנוֹת, אין צי אַלעֶ צָרוֹת, פין אַבּעֶל דַרְשהֶר וויל ניט איטליכעֶר העֶרין, אין אַז מעֶן העֶרט יאָה אַפילוֹ, פאַר געֶסט מעֶן זיַין דרָשהֶ מיט זיַינעֶ גיטעֶ ווערטעֶר מיט אַשָעה שפּעֶטעֶר נאָך דעֶר דרָשהֶ, די טעֶאַטעֶר-שטיק העֶרט איטליכעֶר צי, מיט חֵשק, אין העֶרט גיט איטליכס וואָרט, בּלייַבּטיס טאַקעֶ איניס האַרצין, אָט גידעֶנקסט דיא אַוודאַי אַלעֶ זעֶקס שטיק ווילעֶ איך מיך ווילעֶטין. —

— אֶמֶת — טיהט מֶיכל אַזאָג — איך ווילעֶ אייַך אין דעֶרהֵיים ווייַזין בּיי מיר איז אַף יודיש אוֹיף געֶשריבּין, איטליכס שטיק מיטן נאָמין ווי עֶס הייסט, אַבּי איך האָבּ נאָר דעֶם נאָמין פינים שטיק, ווילעֶ איך שוֹין אוֹיסעֶנווּעֶניק אַפילוֹ, אין לאַהידָהפּאָלי קאָנין דעֶרצעֶהלין דאָס גאַנצעֶ שטיק. —

— איך האָבּ הַנָאָה — לאַכט אָקסמאַן — אַז דיא שרייַבּסט דיר אוֹיף די נעֶמין, טאָמעֶר מיינסט דיא אָבּעֶר, אַז די גאַנצעֶ הַמצָאָה פין טעֶאַטעֶר קימט אַרוֹיס פין מאַרשיליקעֶס, וויא דיא ריפּסט עֶס — אָנשטעֶלין — ווייל בּיי אינז איניס פינצטעֶרן אָרט אין די רוסיש פּוֹילישעֶ יודישעֶ שטעֶט, פאַרשטעֶלין זעֶך די מאַרשיליקעֶס אַף אַחתוּנהֶ אין מאַכין אָנשטעֶלין, אַקוּראַט ווי אַז מעֶן זעֶהט קלייַנעֶ קינדעֶר פאַרשטעֶלין זעֶך פאַר סאָלדאַטין, קאָן אַנאַר מיינעֶן, אַז אַלעֶ תַּכסיסֵי-מלחָמהֶ קימט אַרוֹיס פין

סיז דאָ אַמענש, וואָס האַלט די גיטע יודין פאַרלינגנערס, פאַר עַמֵי הָאַרצים, פאַר עַזות פּענימער, עפּיס גאָר ניט אַזוי ווי ער האָט תָּמיד אין לאַהיהפּאַלי גיהערט.

אַגעה געטיהין מיט אָקסמאַנען, אין אַפּין וועג ערשט רעכט איבּער גילעגט אַלץ וואָס אָקסמאַן האָט איהם גיזאָגט. אין שפּיטאַל האָט מיכל תּופס גיוועזין דעם עסק אין איז גיוואָרין אַוואַילער פריקאַשטשיק.

14.

אַבְרֵיהֶ אַיוּנג, אַקליגער יונג אַיוּנגער יונג ווי מיכל, האָט זייער גיט גיטויגט אָקסמאַנען צים עסק, ער איז אין צעהן טאָג גיוואָרין אָן דעם דייטשיל גאָר אַליין דער גאַנצער איינקויפער, האָטשע ער האָט ניט גיט גירעט אַף דייטשיריש, עפּיס אַנדעריש אָבּער דאָרט ווי מען האָט גיהאַט צו קויפין, האָט ער געוויסט די נעמין אָנצעריפין, דערבּיי האָטים געלט אַסגולָה, אַז די דייטשין פאַרשטעהן ווען מען וויל זיי גיבּין צי לייזין, אַפּילו שלעכט גירעט.

אָקסמאַן האָט ליב באַקימין מיכלן, אין האָט איהם תָּמיד צי זעך אין שטיב אַריין געריפין ווען געסט אַנדערע פּאָדראַדשיקים זענין זעך צים אויף געקימין בּיי איהם אַף דער נאַכט טעה צי טרינקין אין צי שמיסין פין אַלערליי זאַכין.

מיכל איז שוין עטליכע מאָהל מיט אָקסמאַנען גיוועזין אינים טעאַטער, אין אָקסמאַן האָט מיכלן גיגיבּין צי פאַרשטעהן די שטיק וואָס מען שפּילעט אינים טעאַטער, וואָס איטליכס באַטייט.

מיכל האָט גיזעהן אַז אָקסמאַן איז אַזוי גיט, אין וויל ער זאָל פאַרשטעהען, פרעגט ער אַמאָהל — האָט מיר ניט פאַר איבּל, יאָה סיז זייער שען, יאָה סיז זייער קליג, מיט שכל אַלץ גימאַכט, אין מען האָט הנאה, נאָר וואָלט איך גיגערין געוויסט, צי וואָס קימט צינ־יץ דער טעאַטער מיט די אַנשטעלין. —

— גיט וואָס דיא האָסט מיך גיפרעגט מיכל — זאָגט אָקסמאַן — אַנאָ מאַך אַחשבּון פין די זעקס שטיק וואָס דיא האָסט מיט מיר גיזעהען שפּילען אינים טעאַטער, אויב איטליכס שטיק איז ניט אַמוסר פאַר דעם מענשין. —

— איינער איז רייך, אַ בּ אַ ר אָ ן, אין האָט אַזוי פּיעל שכל אין געלט אויסגיבּראַכט איין עהרליכען אַרימען מענשין צי בּרענגין פין זיין עהרליכער טאָכטער, אין פּינים

אַגמִילת חֶסֶד טִיהן אַמֶענשִׁין וואָס אִיז נִיט קֵיין חָסִיד, אִיז בַּיי זֵיי אַעֲבֵירָה, דֶערִיבֶּער אֵיידֶער חסידִים מִיט דֶער מַכֶּה חסידִישֶׁע רֶבִּים האָבִּין זעך זאַנאַדִיט בַּיי יוֹדִין, האָט מֶען זֵיי גִיקאָנט דֶערצֶעהלִין — בְּרִידֶערלִיךְ, נִיט אַזוֹי אִיז גִיט וויא אִיהר טִיהט, לֶערִינְט אַייךְ פִין עֶלטֶערֶע מדִינוֹת בְּעֶסֶערֶע מִנהָגִים, קלִיגִירֶע אַיינפִיהרִכצִין מִיט אַסֶדֶר פַּרנָסֶה דאָס קאָסט ווֶעלוולֶער, אִין סִיז בְּעֶסֶער צִים לֶעבִּין, — זֵיי האָבִּין פאַרשטאַנִין אִין צִי גִיהאָרכט, בִּיסלִיךְ ווייס בִּיסלִיךְ ווַיס, האָט מֶען אַלטֶע שֵׁייבְּלִיךְ מִיט לֶעטנִיקִים מִיט נאָך נאַרִישקֵייט אָפּגִישאַפט, אִין מֶען האָט גִיפאָלגט, דִיא פלאָג עַזוּת פֶּנִימֶר חסידִים, מאַכִין חוֹיזִיק פִין דֶער גאַנצֶער ווֶעלט, עֶר דאַרף גאָר נִיט קאָנִין, אִין דִי חסידִישֶׁע רֶבִּים זאָגִין בְּפֵירֵשׁ אַז נאָר אַחָסִיד צִי זַיין אִיז דֶער עִיקָר, אִינִים רֶבִּין צִי גלֵייבִּין אַז עֶר שטֶעהט מִיט אֵיין פִים דאָ, אִין מִיטִן אַנדֶערן פִים שטֶעהט עֶר אִיבֶּר דִי טלאָכִימס קֶעפּ צִי דֶערלאַנגִין גאָטס קנֶעפִּיל פִין דִי פלִידִירִין, אָט דאָס דאַרף אַיוּד קאָנִין, ווייַטֶער טוֹיג אַלץ אַף כַּפָּרוֹת, דִי צָרָה אִיז דאָס גרֶעסטֶע אִימגלִיק פאַר דִי יוֹדִין אִין רוּסִישׁ פּוֹילִין, יוֹדִין ווֶערִין אַלֶע טאָג מֶעהר קאַלִיקִים, זֵיי קאָנִין נִיט לֶעהרנִין קֵיין יוֹדִישׁ, זֵיי קאָנִין נִיט שרַייבִּין, אִין זֶענִין סאַמֶע עַזוּת פֶּנִימֶר — אַלמַיי דֶער רֶבִּי ר׳ . . . . . . דֶעם. . . . . אֵיין אֵייניקִיל קאָן זעך אַפִּילוּ נִיט חַתְמנִין, נאָ אִיז עֶר נִיט אַגֶעלט מאַכֶער, טוֹיזֶענטֶער ווַיס רֶענדלִיךְ טראָגט מֶען אִיהם אָפּ אַהֵיים אִין שטִיבּ אַרַיין, האַ נאָ — זאָגט אִיטלִיכֶער חָסִיד.

— מֶיכל מִיר ווֶעלִין אִיבֶּער דִי פאַרנאַרטֶע יוֹדִין, פאַרגֶעסִין אִינזֶערֶע קראַנקֶע סאָלדאַטִין קִים מִיט אִין שפִּיטאָל אַרַיין, ווֶעל אִיךְ דִיר אֵיין מאָהל ווַייזִין דאָס דַייטשִׁיל, מִיט דֶעם ווֶעסט דִיא תָּמִיד גֶעהן אַייַנקוֹיפִין פִינִים שפִּיטאָלס ווֶעגִין וואָס מֶען דאַרף אִין ווֶעל דִיר ווַייזִין, ווֶעמִין דִיא האָסט תָּמִיד אָפּ צִיגִיבִּין דִי זאַכִין וואָס אִיהר ווֶעט אַייַנקוֹיפִין, דֶעם מֶענשִׁין ווֶעסט דִיא אַלֶע פאַר נאַכט אָפּגִיבִּין חֶשבּוֹן פִין גֶעלט וואָס אִיהר האָט אַייַנגִיקוֹיפט, אִיךְ גלֵייבּ חליעֶבָּאווִין, אַז דִיא בִּיסט אֵיין עֶהרלִיכֶר מֶענש, מַיין דַייטשִׁיל גֶעפֶעלט מִיר נִיט פאַר קֵיין נאָמֶן, אִיךְ גִיבּ דִיר אַחוֹדֶשׁ צווייֵ הִינדֶערט רוּבִּל, אִין אַז דִיא ווֶעסט דִיךְ סטאַרִין, וואָהלווִיל אַייַנצִיקוֹיפִין, אִיךְ ווֶעל דֶעךְ זֶעהן דֶעם חִילֶק, אַקעֶגִין דִי מֶקָחִים דאָס וואָס דַייטשִׁיל האָט מִיר בִּיז אַהֶער גֶעווִיזִין, זֵיי בָּטוּחַ, אִיךְ ווֶעל דִיךְ גִיט בְּאַלוֹינֶען אַחוּץ דַיין זאַלִיוואַנִיֶע (גֶעהאַלט) קִים. —

מֶיכל האָט אַלץ גִיט צִיגִיהֶערט, אִין אִיז נאָך מֶעהר פאַרווִינדֶערט גִיוואָרִין, אַז

אִין יְעֶנֶערַאלִין אַפִּילוּ, צִי מַיין עֵסֶק מִיז אִיךְ הָאבִּין אַשְׁעֶנֶע דִירָה, אִין פַארשְׁפָּאר אַבֶּעט זַאק מִיט בֶּעטגִיוואַנט מִיט מִיר צִי פִיהרִין אַז אִיךְ דַארְף פָאהרִין, בַּיי אִינז צָאהלט מֶען מֶעהר פִיהר גֶעלט פַארִין בֶּעטזַאק, ווִי פַאר זֶעךְ אַלֵיין, אִין דָאס שִׁיקסִיל בַּאדִיעֶנט צוואָנצִיק אוֹרחִים וואָס שְׁטֶעהֶען אַיין אִין דֶעם גַאסט-הוֹיז, אִיטלִיכִין אִין זַיינֶע שְׁטִיבְּלִיךְ, אַז אִיךְ גֶעה אַוועק צִי מַיינֶע עֵסָקִים, לָאז אִיךְ אִיבֶּער דֶעם שְׁלִיסִיל בַּיי דֶעם שִׁיקסִיל, ווַייסט זִיא שׁוֹין אוֹיסצִיקֶעהרִין אִין רַיין צִי מַאכִין ווִי גָאלד אִיטלִיכְס ווִינקֶעלֶע אִיךְ מֶעג אִיבֶּר לָאזִין אִיםגֶעצֶעהלט גֶעלט, וועט מִיר נִיט גִינַבִית ווערִין נִיט אַקָאפִּיקֶע, אַז אִיךְ קִים צוּרִיק, הֶענגט שׁוֹין מַיין שְׁלִיסִיל בַּיים בַּעַל הַבָּית פִינִים גַאסט הוֹיז, פַאר קָאוועֶ צָאהל אִיךְ אַהאַלבִּין פּוֹילִישִׁין גִילדִין אִין אַלץ וואָס אַיין אוֹרחַ קָאן דַארפִין, שְׁטֶעהט אַף אַטָאווִיל (עֶר ווַייזט מֶיכלִן מִיטִין פִינגֶער ווִי אַטָאווִיל הֶענגט אַף דֶער וואַנט) אוֹיף גֶעשְׁרִיבִּין דֶער מֶקח ווִי טְהַייעֶר עֶס קָאסט, קָאן אִיךְ אַלֵיין פִיהרִין מַיין חֶשְׁבּוֹן וואָס אִיךְ הָאבּ גִינֶעהמִין בַּיים בַּעַל הַבָּית, ווִי פִיעל אִיךְ הָאבּ אִיהם צִי צָאהלִין. —

— אִין דֶער בַּעַל הַבָּית קָאן זַייעֶר גִיט בַּאשְׁטֶעהן, אַדְרַבָּה קָאן רֶעכְנִין, ווער ווַייסט ווִי לַאנג עֶס וועט נָאךְ בַּיי אִינז, אִין אִינזֶערֶע פַאסקִידנֶע שְׁטֶעט אִין רוּסִישׁ פּוֹילִין גִידָויעֶרִין, זַיי זָאלִין הָאבֶּען אַזאַ סֵדֶר פַּרְנָסָה, מִיט אַזאַ חֶשְׁבּוֹן פַּרְנָסָה, לַאנג לַאנג הָאט מֶען דְרוֹיף צִי וואַרטִין בַּיי אִינז. —

מֶיכל טִיהט אַטרֶעס מִיטִין קָאפּ, — נַיין, קַיין מָאהל וועט דָאס בַּיי אִינז נִיט זַיין, אִיךְ זָאג אַייךְ דֶעם אֱמֶת, סַיידִין מֶען זָאל זַיי אַלֶע גַאנץ רוּסִישֵׁי פּוֹילִישֶׁע יוּדִין. אַהֶער טְרַייבִּין אַף אַפָּאר יָאהר, ווָאלטִין זַיי זֶעךְ אֶפְשָׁר אַמוּסר גִינֶעהמִין, אַזוֹי אַז אַיינֶער קִימט צִי פָאהרִין פִין דַאנִין, אִין דֶערצֶעהלט דָאס, גְלַייבִּין זַיי נִיט, אִין מַאכִין נָאךְ חוֹיזִיק. —

דָאס חוֹיזִיק מַאכִין — עֶנטפֶערט אָקסמַאן — הָאבִּין אִינזֶערֶע פּוֹילִישֶׁע רוּסִישֶׁע יוּדִין, נָאר פִין דִי בִּיטֶערֶע חסִידִים מִיט זַייעֶרֶע שְׁווִינדלֶערְס דִי חסִידִישֶׁע רֶבִּים, אָדֶער וואָס זַיי רִיפִין — גִיטֶע יוּדִין — דֶערְפִין זֶענִין יוּדִין גִיוואָרִין עַזּוּת פָּנִים, דִיא מֶיכל ווַייסט נִיט, אַז דִי גְמָרָא לוֹיבּט יוּדִין מִיט דְרַיי מַעֲלוֹת, **בַּיְשָׁנִים רַחְמָנִים גוֹמְלֵי חֲסָדִים** דָאס עֶרשְׁטֶע, אַז יוּדִין זֶענִין בַּיְשָׁנִים, הָאבִּין חסִידִים גָאר גִימַאכט פַאר אַלִיגִין, עַזּוּת פָּנִים, קַיין אַלטֶען יוּדִין אַלְמדן רִיפט מֶען נִיט ר', נָאר אַלץ שַׁייגִיצִיוואַטֶע, הֶער נָאר דִיא שְׁמוּאֵל — זָאגט מֶען צִי אַיין אַלטִין יוּדִין פִין אַכצִיק יָאהרִין, חוּץ זַייעֶר רֶבִּי דֶער גִיטֶער יוּד, זֶענִין אַלֶע הֶפְקֵר. רַחְמָנִית אַף אַמֶענשִׁין, אָדֶער

פֶען, פאַר דִי צווייַ שטִיבִּין אִיז נאָך פאָרִינט אַזוֹי ווִיא אַהײַזִיל, דאָ שטעֶהעֶן שטִיווִיל אִין בּעֶרשטלִיך, דאָ העֶנגט מעֶן אויף אַטִילִיפּ, אָדעֶר אַשִינעֶל אײַדעֶר מעֶן געֶהט אִין שטִיבּ אַרײַן.

אַז מֶיכל אִיז אִין דעֶר פרִיה מאָנטִיק געֶקִימִין צִי אָקסמאַנעֶן, האָט עֶר אִיהם גִיטראָפִין, ווִי עֶר אִיז גִיזעֶסִין בּײַם שרײַבִּין אַז מֶיכל האָט גִיזעֶהעֶן אַשעֶן פרִיצִילעֶ אַרײַן בּרעֶנגִין אַף אַטאַץ קאַווע, כֵּלִים מִיט קאַווע, דעֶרבּײַ זאָגט זִיא — גִיט מאָרגעֶן, — דעֶר ווײַל ווִי אָקסמאַן לעֶגט אַוועֶק דאָס שרײַבִּין אִין נעֶמט זעֶך קאַווע צִי טרִינקִין מִיט אַווײַז דעֶם שעֶנִים יוּנגִין פרִיצִילעֶ אַף זײַן בּעֶט אִין אַלקִיר אַרײַן.

לוֹיפט אַוועֶק שפּרִינגִינדִיק דאָס פרִיצִילעֶ, אִין קִימט צִירִיק טאַקע אִין דעֶר מִינִיט טראָגִינדִיק אִין אַקאָשִיקִיל פרִישעֶ ווײַסעֶ צִיכִין, אִין צִיהט-אִיבּעֶר אָקסמאַנס בּעֶטגִיוואַנט, דִי פרִיהעֶרִידִיקעֶ צִיכִין נעֶמט זִיא צוּרִיק אִין קאָשִיקִיל אַרײַן, דעֶרבּײַ נעֶמט זִיא אִין אײַנוועֶגס צִי דִי כֵּלִים, מִיט אַנײַג פרעֶגט זִיא — העֶר אָקסמאַן, וואָס נאָך בּעֶפעֶהלעֶן זִיא — קִיקט מֶיכל מִיט אַפאַרווִינדִירִינג, ווִי געֶשווִינד ווִי גִיך דאָ טִיהט זעֶך אַלץ, אִין מִיט וואָס פאַר אַגרוֹיס דֶרך אֶרץ דאָ געֶהט צִי.

אָקסמאַן אִיז אַמֵיבן ווִי אַיִדִיל פִין אַפּוֹילִישעֶר רוּסִישעֶר שטאָט פאַרשטעֶהט דאָס גאָר נִיט, אָדעֶר עֶר מִיז מײַנעֶן אַזאַ אָקסמאַן צאָהלט דאָ אַהִינדעֶרטעֶר אַטאָג, עֶר זאָגט צִי מֶיכלן — ווִילסט דִיא אוֹיך קאַווע, הײַס דִיר בּרעֶנגִין. —

מֶיכל עֶנטפעֶרט — נײַן, קאָרפּ סִימעֶנאָווִיטש האָט מִיך נִיט אַוועֶק גִילאָזט, אִיך האָבּ מִיט אִיהם געֶמִיזט טעֶה טרִינקִין. —

דעֶנצמאָהל האָט עֶרשט אָקסמאַן געֶזאָגט — נײַן קאַראָלִינעֶ, דעֶר מאַן טרִינקט קײַנעֶן קאַפעֶ, — אִים זִיא אַוועֶק גִיגאַנגִין.

אַיאָה מֶיכל — זאָגט אָקסמאַן, אַז קאַראָלִינעֶ אִיז אַוועֶק גִיגאַנגִין, צִי מֶיכלן — דִיא מײַנסט ווִעֶר ווײַסט ווִיפִיעל דעֶר אָקסמאַן צאָהלט פאַר דעֶר קוואַטִיר דעֶם דײַטש פִּינִים גאַסט הָויז, זעֶה, אָט דִי שעֶנעֶ צווייַ שטִיבִּין מִיטִן בּעֶט, אִין מִיט אַלעֶ אַכט טאָג ווײַס פרִיש אִיבּעֶר גִיצוֹיגִין בּעֶט גִיוואַנט, מִיט אַלעֶ בּעֶנקלִיך אִין טִישִין אִיף טִישלִיך, מִיט אַלעֶ מאָנדרִינִיקִים וואָס דִי זעֶהסט, מִיט אַפִילוּ אָט העֶנגט אַשלִיסִיל צִי זײַעֶר אַרײַנִים אָפּטרעֶט מחִילה, דעֶר-פאַר גִיבּ אִיך אַכט גִיטעֶ גראָשִין דאָס הײַסט צווייַ פּוֹילִישעֶ גִילדִין אַטאָג, קאָסט דאָס אִין גאַנצִין מִיך אַחוֹדֶש נאַן קעֶרבּלִיך, האָבּ אִיך אַדִירָה וואָס אִיך דאַרף מִיך נִיט צִי שעֶמִין אַז עֶס קִימִין צִי מִיר אַהעֶר פּאָלקאָווִנִיקִים

מֶיכל לעֶגט אַנידעֶר אַפּױלישִׁן גִילדִן, גִיבּט מעֶן אִיהם אַרױס צװײ בּעֶהם מִינץ, אִין שױן לױפט דאָס דײַטשיל אַװעֶק מִיט די צװײ טעֶצליך אִין מִיט אַלעֶ כּלִים.

די כּלי זֶמר שפּילִין װײַטעֶר, אַלעֶ מאָהל עֶפּיס אַנדעֶרש, אַבּעֶר אַלץ װאָיל, פּאָרט טאַנצט נִיט קײנעֶר, — משוּגעֶנעֶ דײַטשִין — טראַכט מֶיכל בּײַ זעֶך.

דעֶר ר׳ אַבְרָהם זאַקס מִיט זײַן שעֶן װײַבּילעֶ, הײבּין אָן צי געֶהן שפּאַצירִין אִין גאָרטין, קימט זײ אַקעֶגִין אײנעֶר פִין די כּלי זֶמר, מִיט אַטאַץ, אַף דעֶר טאַץ ליגט אַפּאַפּיר װי נאָטִים װאָס אַקאַפּעֶלי האָט תָמיד פאָר זעֶך בּשעת זײ שפּילִין, אִינזעֶר ר׳ אַבְרָהם זאַקס טִיהט אַװײַז צי מֶיכלן, עֶר זאָל די צװײ בּעֶהם װאָס מעֶן האָט אִיהם אַרױס גִיגִיבּין פִינִים גילדִין, דאָ אַף דעֶר טאַץ אַנידעֶר-לעֶגִין, דאַנקט דעֶר דײַטש דעֶר כּלי זֶמר, אִין געֶהט װײַטעֶר, לעֶגִין אִיהם אַנדעֶרעֶ אױך עֶפּיס אַנידעֶר אַף דעֶר טאַץ, אַטהײל לעֶגִין גאָר נִישט אַנידעֶר, אִין טִיהִין אַמאַך מִיט דעֶר האַנט, אִיז אױך נִישט קָשה.

בּײַ מֶיכלן אִיז דאָס אַלץ גרױסעֶ װינדעֶר, סטאַטש פאַר אײן פּױלישִין גִילדִין, אִיז עֶר דאָ אִינִים גַן עֵדן, צװישִין שׂרָרהִים מִיט אַזױנעֶ שעֶנעֶ שײַנינדיקעֶ שׂרָרהִיסטעֶס, בִּיר גִיטרִינקִין האָט עֶר, אִין האָט זײַן בַּעַל הַבַּת מִיט דעֶר שעֶנעֶר בַּעַל הַבַּתטעֶ מְכַבּד גִיװעֶזִין מִיט קאַװעֶ, כּלי זֶמר העֶרט עֶר שפּילִין, װאָיל שפּילִין זײ, בּעֶסעֶר טױזעֶנט מאָהל פִין אִיציקיל לִיװאַק אִין לאַהיהָפּאָלי, שפּאַצירִין געֶהט עֶר אַרִים אִינִים גַן עֵדן צװײַ זײגעֶר שָׁעה, דאָס אַלץ קאָסט נאָר אײן פּױלישִין גִילדִין, אָט אַזױ לעֶבִּין מעֶנשִין, װאָס דעֶן? בּײַ אִינז לעֶבּט מעֶן טאַקעֶ װי חַזירִים — זאָגט מֶיכל זעֶך אַלײַן.

זִינטִיק אַף דעֶר נאַכט האָט חליעֶבּאָװ דעֶר קאָמִיסִינעֶר בּאַשטעֶלט בּײַ דעֶם פּאָדראַדשִיק אָקסמאַן זײַן מֶיכלן פאַר אַפּריקאַשטשִיק, אִיז עֶר מאָנטִיק אִין דעֶר פריה שױן אַרײַן צי אָקסְמאַנעֶן, אִין אִיז בּײַ אִיהם אִין זײַנעֶ שעֶנעֶ גרױסעֶ צװײ שטִיבִּין װאָס מעֶן האָט אִין גאַסט-הױז אָקסמאַנעֶן אָפּגִיגִיבִּין, אײן שטִיבּ אִיז אַשלאָף חֶדר מִיט אַשעֶן רײן בּעֶט מִיט װײַסעֶ גלאַנצִינדיקעֶ צִיכִין אִיבּעֶרגִיצױגִין בּעֶטגִיװאַנט, דעֶרבּײַ שטעֶהט אַטִישִילעֶ מִיט אַפּעֶרצעֶלײַעֶנעֶר גרױסעֶר שִיסִיל מִיט אַפּעֶרצעֶלײַעֶנעֶם קרִיג מִיט װאַסעֶר, אַשטִיקיל זײף, אִין אַקעֶמִיל, דעֶרבּײַ אַרײן װײַסעֶר האַנטִיך, אַפּאָר בּעֶנקלִיך שטעֶהן אױך דאָ אִינִים שלאָף חֶדר, די אַנדעֶרעֶ שטִיבּ אִיז אַגרעֶסעֶרעֶ. דאָ העֶנגט אַגרױסעֶר שפּיגִיל, אִין אַקאָמאָדעֶ מִיט אַשעֶנעֶר קאַנאַפּעֶ, אִין זעֶקס שעֶנעֶ פײַנעֶ בּעֶנקלִיך, אַשעֶנעֶר גרױסעֶר טִיש, אִין אָחוּץ אַשרײַבּ טִישִיל, דרױף ליגט פּאַפּירִין טִינט אִין

טישליך, זיצין שררהית מיט שררהיתטים אין קינדער דערבּיי, אין טרינקין אַבּיטעלקי בּיר פין שענע גלעזליך, צאָהלין זיי נאָך וועניקער.

אָך, אַזוי וואָלוויל, בּיי אינז אין לאהידהפּאָלי — טראַכט בּיי זיך מיכל — קאָסט דעך אַגלאָז אַלטער מעד, טייערער.

אַנאָ גיב אַהער — זאָגט מיכל צו די דייטשליך די קליינע משרתימליך וואָס טראָגין אַרים, אין בּרענגין איטליכין קאַווע אָדער בּיר — דאַטשיל אַהער צו דעם טישיל וואָס מיין בּעל הבּית מיט דער בּעל הבּתטע זיצט, בּרענג קאַווע אי בּיר. —

דאָס דייטשיל האָט אַפילו ניט גאָר פאַרשטאַנין וואָס מיכל האָט גיזאָגט, נאָר די צוויי ווערטער — קאַווע בּיר — האָט ער גיהערט, דערבּיי האָט מיכל איהם געוויזין דאָס טישיל, ווי דער וואָס ער האָט בּיי איהם נעכטין גיגעסין מיטן ווייב זיצט, מיט אַמינוט שפּעטיר האָט דאָס דייטשילע אינים גרינים שפּענצער גיבּראַכט צו טראָגין אַף אַטעציל קאַווע מיט מיליך, אין ציקער מיט פּיליזאָנקים אין איין האַנט, אין אַבּיטעלקי בּיר מיט גלעזליך, דערבּיי אַזוינס וואָס מען נעמט אַרויס דעם קאָריק פין דער בּיטעלקי אַף אַטעציל, טראָגט ער אין דער אַנדרער האַנט, געשווינד אַנידער גישטעלט אַפין טישיל, אין אַרויס גישלעפּט דעם קאָריק, מיט די ווערטער — היר. —

שוין לויפט דאָס דייטשיל אַוועק, אין בּרענגט צו אַנדערע טישליך וואָס מען האָט גיהייסין, אַזעליכע קליינע גרינע דייטשליך לויפין אַרים בּרענגין אין טראָגין איטליכין זיינס אָפשר צוואַנציק, שענע פראַוואָרנע דייטשילעך.

אין דער מיטין פינים גאָרטין איז אַזוי ווי אַבּעלעמער (להבדיל ווי אין שיל) זיצין אָפשר צוואַנציק מענשין וואָס שפּילין אַף פידלען, אין אַף פלייטין, אין אַנדערע כּלי זמר אַזוי וואויל, אַז מען הערט איבּרן גאַנצין גאָרטין.

מיכל גלייבּט זעך גאָר ניט, אַז דאָס טיהט מען ניט פין אַחתונה וועגין, נאָר קשה איז איהם — די כּלי זמר שפּילין אין קיינער טאַנצט ניט. —

מיכל זעהט אַז דער בּעל הבּית וואָס ער האָט בּיי איהם גיגעסין (ער הייסט ר׳ אַבּרהם זאַקס) מיט זיין ווייב טרינקין קאַווע, נעמט ער זעך צים בּיר, זייער גוט קאַלט בּיר, בּעסער אַפילו פינים בּארדיטשיבער מאַרצאָווע בּיר וואָס ער האָט אַף דער חתונה געטרינקין דאָס דייטשילע לויפט אין זעהט מען האָט אויסגעטרינקין, זאָגט ער דאָס וואָרט — געלד. —

קאָמט פּאָלאַק האַלטען זיא אוּנז פרייַ — ענטפערט מען איהם, חאָטשע ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דער ייד דער דייַטש זאָגט — קימט מיט אינז פוילשער, ווּעט איהר טאַקע צאָהלען פאַר אינז, — איז מיכל זיי נאָך גענאַנגען פיס טרעט, ביז מען איז געקימען צי אַגרויסען ברייטען לאַנגען גאָרטען, אַהין געהן אַלע פּריצים מיט די פּריצים מיט די קינדער אַפילו אַריין, מיכל הערט אַטהייל אַלטע דייַטשע יידען די וואָס ער האָט אין שיל געזעהן זייער ערינצט דאַבנען, ריפען דאָס ליבּיכּס גאָרטען — די יונגע-לייט מיט די וואָס ער געהט, זאָגען צי איהם — נון פּאָלאַק היר איזט דער גאַרטען, וואָלען זיא אינז פריי האַלטען — האָט זעך מיכל געשטויסען, אַז דאָס וואָס די אַלטע ריפען — גאָרטען — זאָגען די יונגע — גאַרטען — אַגאָרטען טראַכט ער בייַ זעך, וואָס טויג מיר אַגאָרטען וואָס וואַקסען פישעניטשקיס אין איגערקיס אין בעריקיס, אָדער אפשר קאַרשען מיט ווייַנשיל, אָדער באַרען פלאָמען אין עפּיל, פאָרט האָט ער געשאָקילט מיטן קאָפּ — יאָה — אין אפשר — ניין, — דער בּעל הבּית בּייַ דעם וואָס ער האָט נעכטען געגעסען שבּת טיהט איהם אַשלעפּ אַריין, אין זאָגט צים ווייַב מיט אַווינק האָט זיא איהם אויך אַציה געטיהן אַריין.

מיכל איז אינעוועניק, דורך דעם שענים טויער פינים גאָרטען גלייַך מיט אַלע שררהית אין מיט אַלע שררהיתטים אַריין געגאַנגען, אין חאַפּט אַראָפּ דאָס קאַפּילישיל (דעם ספּאָדיק האָט ער תיכף בּאַהאַלטען אין האָט זעך אַקאַפּלישיל געקויפט) דער בּעל הבּית מיט זיין ווייַב לאַכען, אין ווייַזען מיכלן, אַז אַלע געהן אין די היטלען, מעג ער אויך געהן אינים היטיל.

דאָ אין גאָרטען, אין ליבּיכּס גאָרטען זעהט מיכל איז ניט דאָ קיין בעריקיס אין ניט קיין פשעניטשקיס, אַפילו ניט קיין פלאָמען אָדער באַרען ביימער, וואָס דען איז דאָ, פין פאָרענט אַגרויסער פלאַץ באַוואַקסען מיט אַלערלייַ צאַצקיס, זייער שענעצאַצקיס פין נאָך סוכּות וואָס וואַקסען, ווייַטער אין ווייַטער איז דאָ גרויסע אין קליינע ביימער, זעהר שענע, שורות ווייס, אָדער קאַליכדיק אַרים ווי אַצערקיל וואַקסען זיי, אין צווישען די ביימער שטעהן טישליך, טישליך, אַלץ מיט בענקיליך דערבּיי אַף צי זיצען, געזמאַ געזמאות אַזעליכע טישליך זענען שוין אַרים אַף די בענקליך באַזעצט מיט שררהות אין מיט שררהיתטים, אַטהייל — קיקט זעך מיכל צי — טרינקען קאַווע אין צאָהלען דעם וואָס בּרענגט דאָס טעציל מיט די פיליזאַנקיס אין אַקריגילע קאַווע מיט אַקריגילע מילך אין ציקער דער צי, נאָר אַהאַלבּען גילדען, בּייַ אַנדערע

קאַפּטין, פין דער אַנדרער זייַט זאָגט מען איהם מזל טוב, בּלעכינע פּישקים קלאָפּין — צדקה תּציל ממות — אין דערבּיי טאַנצין ווייבּער צי דער כּלה'ס רעשיטקע מיט כּלי זמר איבּער דער גאַס, יודין מיט הויכע יאַמשאָמינע שטעקינס מאָהנין אַנדבה, דערבּיי לויפין נאָך צעהן יודין מיט אַגישריי — חאַפּ דעם גנב אָט לויפט ער אַוועק. —

פּליצים, האָט מיכל דערזעהן אַ בּ ר ע ס ל ע, אַשטאָט אָן בּלאָטע, קיינער איז ניט פּאַרדריפּיט, איטליכער געהט ווי אַפּרוץ אָנגעטיהין, אין שען, זייער ריין, אַפּילו בּיי די גרויסע מויערן זענין די טרעפּ פין דרויסין ריין אָפּגיוואַשין, אין בּיי די קראָמין שרייט מען גאָר ניט — קימט אַהער אַריין, וואָס קויפט איהר.

נאָך מעהר ווינדער, מען זאָגט אין בּרעסלע וואָינין צעהן טויזענט יודין, אין ער האָט ניט אַפּילו איין איינציקין יודין ניט גיזעהען (אַזוי ווי אַלאַהידהפּאָליר אָדער אַבּאַרדוטשיבער יוד) בּיז ער האָט זעך דערפרעגט, אין האָט גיוואָהר גיוואָרין אַז די יודין געהן אויך אָנגעטיהין ווי די פּריצים, טראַכט ער בּיי זעך — וויא אַזוי זענין פּריצים יודין? סטאַטש, — נאָך דעם אַז ער איז שבּת גיגאַנגין אין שיל אַריין, אין האָט גיהערט אין גיזעהען דאַבנין, איז ער מיכל אימיסנע צי גיגאַנגין אַריין קיקין איניס סידר וואָס איטליכער האַלט אַף זיין אָרט שטעהענדיק אין דאַבינט, טאַקע דאָס אייגינע דאַבנין (נאָר ניט קיין ספּרדישע סידירימליך) חלעבּין עס הייבּט זעך אָן פין מה טובו, אַחזן שטעהט פאַרין עמוד, נאָר ער רייסט זעך ניט אַף די ציין, איטליכער שטעהט אַף זיין שטאָט שטיל שען אין דאַבינט גאַנץ ערינצט, איז דעך דאָס אַוודאַי יודין, די ווייבּער געהן גאָר ווי די פּריצטים אָנגעטיהין, אין זאָגין — גוט שבּת — איינע דער אַנדערער.

דעם אַנדערן טאָג נאָך שבּת איז זינטיק, זעהט מיכל טויזענטער וויַס דייַטשין מיט דייַטשקים, אַלטע אין יונגע, זייער ריין יום טובדיק אָנגעטיהין, געהן אַלע אַרויס פין דער שטאָט, ווי היין געהן זיי, אין בּית מדרש אַריין נישט (ווייל סיז ניט דאָ קיין קויטיקער בּית מדרש אין בּרעסלע) צי תּשליך אויך ניט, אַקעגין-געהן דעם גיבּערנאַטאָר סיידין, אָדער אפשר קימט אָן דער נייער שר.

מיכל דערזעהט דעם יודין בּיי דעם וואָס ער האָט שבּת גיגעסין, אויך ווי אַשרה וואָיל אָנגעטיהין, אין דאָס וויַבּ ווי אַשסרהתטע פּידבּאָקים, געהן גלייך ווי אַלע געהן אַרויס פין דער שטאָט, איז ער צי גיגאַנגין פרעגין — ווי היין געהטיס דער עולם.

פאָדראַדשיִק צים אַנדערן, איִן האָט זיי גיבּעטיִן, ויי זאָליִן מיכלן צי נעהמיִן פאַר אַפריִקאַשטשיִק (איין קאָמי) ער חליעבּאָוו האָט גילויבּט מיכלן, איִן האָט ערוב גיוועזיִן, אַז מיכל איז איין עהרליִכער גיטרייַער מענש, מען קאָן זעך פאַרלאָזיִן אַף איהם, איִן מען מעג איהם גיטרויען געלט איִן די העִנט אַרייַן.

ווער זאָל ניִט צי ליִב טיהיִן אַזאַ באַקאָנטען קאָמיסיאָנער חליעבּאָווען, אַזאַ קאָמיסיאָנער קאָן זייער גיט צי ניִץ קימיִן אַמאָהל, האָט אייַנער אַפּאָדראַדשיִק פיִן דעם ברעסלער שפּיטאָל אָקסמאַן צי-גינעהמיִן מיכלן פאַר אַפריִקאַשטשיִק צווישיִן די אַנדערע פריקאַשטשיקיִם וואָס ער אָקסמאָן האָט גיהאַט אַרים זעך, דערבּייַ גיהייַסיִן, מיכל זאָל זעך תּמיד געפיניִן נעבּען איהם, איִן בּייַ איהם איִן זייַן קוואַטיִר, ניִט פאַר קיין משרת, ווייַל איִן דייַטשלאַנד דאַרף מען ניִט מיט-שלעפיִן קיין משרת, איִן די גאַסט-הייַזער וויא מען שטעהט-אייַן, באַדיענט מען זייער וואָיל, בּעסער ווי צעהן משרתים (דאָס איז גאָר ניִט צי פאַרשטעהען בּייַ אינז איִן די רוסישע פּוילישע שטעט, מיט אַלע אייַנפאָהרהייַזער, זיי ווייסיִן גאָר ניִט וואָס באַדיענען איין אורח הייַסט) נאָר, צים אייַנציִקויפיִן די זאַכיִן וואָס מען דאַרף צים שפּיטאָל האָט אָקסמאַן גיהאַט אַבּרעסלער דייַטשיִל, וויא עס האָט זעך אָקסמאַנען געדאַכט, איז דאָס דייַטשיִל ניִט גיוועזען קיין גרויסער נאָמן, דעריבּר האָט ער צי גיזעצט צים דייַטשיִל דעם מיכלן — זיי בּיידע זאָלין אייַנקויפיִן וואָס מען וועט דאַרפין.

אַיונגער מענש, אַז ער קיִמט פיִן די רוסיש פּוילישע שטעט פליִצים אַרייַן קיין דייַטשלאַנד, איִן דערצי גראָד איִן אַגרויסער שטאָט בּרעסלע אַרייַן, ווי דיִל ווערט ער לכתּחלה, מיכל איז אַפילו אַמאָהל גיפאָהריִן פיִן לאָהיִהפּאָלי קיין באַרדיטשיִב מיט אַחתן אַף אַחתונה, אַנגיד אַלאָהיִהפּאָליִר האָט דעם פּראַוואָרנע בּעהלפער מיט-גינעהמיִן אַף צי באַדינען, איִן האָט איהם דערפאַר גיגיבּיִן אַכט וואַיסע גילדין, חוץ נדיִנים פיִן נאָך זעקס ווייַסע גילדין, וואָס האָט מיכל גיזעהען איִן דער גרויסער שטאָט באַרדיטשיִב, צעהן לאָהיִהפּאָליִר בּלאָטיִם איִן אייַנים, פיִפצעהן מאָהל אַזוי פיִעל פּאַרדריִפּיִטע ווייַבּער איִן פּאַרפּאַצקיטע יודין ווי איִן לאָהיִהפּאָלי, איִן אַכט איִן דרייַסיִק מאָהל אַזוי פיִעל קבּצנים וואָס רייַסיִן בּייַ די פּאָליִס, פערציִק מאָהל אַזוי פיִעל וועגיִן מיט פערד, אַגעשטיפּיִכץ, אַגעשווינד לויפיִכץ, אַיונגיִכץ אייַנער אַפיִן אַנדערן, אייַנער שעלט, אייַנער שלאָגט, צעהן קריגיִן זעך, פיִניִף שרייַען שלום עליכם וואָס מאַכט איהר גיטץ? אַלע האָבּיִן ניִט צייַט, דעם פּאַרטשעפּיט אַראָד איִן רייַסט איהם אַוועק אַהאַלבּען

חליעֶבָּאָװ איז מיט מֶיכלען (פֿין הײנט אָן װעלין מיר איהם רופֿין אָן צונעמין, נאָר גלאַט — מֶיכל —) אָנגעקומין צװײטאָג נאָך סוכּות קײן בּרעסלע, דאָס איז אַדײטשערשע גרױסע שטאָט אין דער פּרײַסישער מדינה.

אין בּרעסלע האָט שױן חליעֶבָּאָװ געפֿינין בּײַ דעם רוסישען קאָמענדאַנט מאַיאָר רעדריקאָװ, אַפּאַפּיר, װיא דער יענעראַל אינטענדאַנט פֿין דער רוסישען אַרמײע הײסט חליעֶבָּאָװין זײַן אַסמאָטריטעל (מאַגאַזינער) טאַקע אין בּרעסלע בּײַ דעם רוסישען פּראָװיאַנט מאַגאַזין, צי גיבּין מעהל, גראָפּין אין סעחורים, אין האָבער אין הײ אַלע רוסישע פּאָלקין װאָס געהען דורך בּרעסלע, אין די רוסישע סאָלדאַטין, װאָס װעלין בּלײַבּין שטעהען אין בּרעסלע.

חליעֶבָּאָװ איז פֿאַרזאָרגט, מֶיכל קאָן אַבּער אַרים חליעֶבָּאָװען זײער װעניק האָבּין צי טיהין, ער האָט גאָר נישט אַזאַ עסק מֶיכל זאָל דערבּײַ קאָנין פֿאַרדינען, ער האָט רעך אָבּער מֶיכלען פֿין דערהײם אַװעק גינעהמין טיהט איהם בּאַנג, אַחוץ דעם איז דאָ אין דײַטשלאַנד מֶיכל אַװילד פֿרעמדער, ער קאָן ניט אַזױ קײן שום מענשין ניט, ער קאָן אַפּילו דאָס דײַטשע לשון ניט, חאָטשע איטליכין יודין אין דערהײם אין די פּױלישע מדינות דאַכט זעך, — אַה, אַז דער פּריץ שמיסט דײַטשעריש, װעל איך דעך איהם קאָנין זאָגין אַלץ דינג — װי בּאַלד אַזאַ יוד קומט קײן דײַטשלאַנד הערט ער קלינגין אין קאָן ניט נאָך זיגין, ער הערט רעדין צװישין די װערטער אַפּאָר קלאָמערשט װי עס דאַכט זעך גאָר װי יודיש, פּאָרט פֿאַרשטעהט ער נישט, װאָס דער דײַטש װיל, אין װאָס דער דײַטש מײנט.

אַגיטער מענש חליעֶבָּאָװ האָט גיטראַכט אין האָט אױסגיטראַכט פֿין מֶיכלס װעגין װי אַזױ מֶיכלן צי העלפֿין, ער חליעֶבָּאָװ האָט גיהאַט פֿיעל בּאַקאַנטע יודין פּאָדראַדטשיקים (ליפֿראַנטען) װאָס זענין פֿין רוסלאַנד געקומין מיט דעם רוסישין חיל, עסקים צי האָבּין בּײַ פּאָדראַדין, זענין עטליכע גיװעזין גראָד אַצינדערט אין בּרעסלע, אַפּאָר האָבּען פֿין דער קאָמיסאַריאַטסקי קאָמיסיע (קאָמיסיראַטװעזען, אָדער — אַדמיניסטראַציאָנס-װעזען) גיהאַט קאָנטראַקטין, די רוסישע שפּיטאָלען פֿין די קראַנקע סאָלדאַטין אַלץ צי גיבּין, מיט מקחים פֿאַר איטליכער זאַך, דאָס איז אַגרױס עסק, נאָך עטליכע האָבּען גיהאַט קאָנטראַקטין אַף פֿערעװאָזקים (טראַנספּאָרטװעזען) דאָס איז אױך אַגרױס עסק.

חליעֶבָּאָװ האָט מיט-גינעהמין זײַן מֶיכלין, אין איז מיט איהם גיגאַנגען פֿין אײן

צִי פַארשטעֶהעֶן, אַז סִיז אַנאַרִישקַייט, אִין דעֶרצִי אַגרויסעֶ עֲוֹלָה, אַזאַ ווייַנוועֶלעֶן חוֹשֶׁד צִי זייַן, דעֶרבּייַ האָט מעֶן אַהרן שַׁמָשׁ גִיזאָגט מִיטְן האַרבּעֶן וואָרט — אַז דִיא, אָדעֶר דייַן ווייַבּ וועֶלִין זעֶך נאָר דעֶר וועֶגִין אַשלעֶכט וואָרט דעֶם אָסטְרֶהָר מַגִיד'ס איינִיקִיל דעֶם טהייַעֶרעֶן זייַנווילעֶן צִי זאָגִין, בִּיסט דִיא מאָרגִין אוֹיס שַׁמָשׁ אִין בֵּית מֶדרֶשׁ — דאָס האָט אַהרן שַׁמָשׁ גִיבּראַכט צִים שֵׂכֶל, אִיז עֶר שטִילעֶרהייַט אַוועֶק גִיגאַנגִין.

שָׂרה דִי שַׁמְשטעֶ, בִּשַׁעַת מעֶן טַאסקִיט זִיא אַהיים, שרייַט זִיא אִיבּעֶרן גַאנצִין מַארק — פַאר וואָס דעֶן האָבּ אִיךְ הוֹצָאת גִיהאַט? פַאר וואָס דעֶן האָבּ אִיךְ גִיגִיבּין אַקעֶרבִּיל אַף אַפּדיון? פַאר וואָס דעֶן האָבּ אִיךְ גִיקויפט איין אָקִי יַארעֶ וואַקס? לאָז עֶר מִיךְ נִיט נאַרִין, אַז עֶר ווייסט-נִיט, וואָסשעֶ זאָגט עֶר טוֹפתִים? נאָךְ וואָס שטִיפִין זעֶך צִי אִיהם אַזוֹי פִיעל יוֹדִין?

שרייַ הייַנט, שרייַ מאָרגִין שָׂרה דִי שַׁמְשטעֶ, עֶר וועֶט דִיר נִיט צוּרִיק גִיבִּין דייַנעֶ הוֹצָאות, אִין נִיט דייַן קעֶרבִּיל, אִין נִיט דאָס, וואָס דאָס לעֶכט האָט דִיךְ גִיקאָסט, דִיא בִּיסט נִיט דִי עֶרשטעֶ אִין נִיט דִי אִינטעֶרשטעֶ, דִי וועֶלט ווִיל גְעֶנאַרט זייַן, גְעֶפִינִין זייַ אַזעֶלִיכעֶ וואָס קאָנִין דִי מלָאכה, גִיט אָפּצִינאַרִין, אִין נעֶהמִין געֶלט דעֶרפַאר.

בּייַלצִין האָט מעֶן אִיהר רעֶכט געֶטִיהִין בִּיז נאַכט, יוֹם טוֹב סוּכּוֹת נעֶמט אִיבּעֶר שִׁבְעָה, מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב פִין דִי עֶרשטעֶ טעֶג סוּכּוֹת, אִיז דָוִד סמִיק מִיט בּרַיינה-דאָבּרִישִין, אִין זייַנווילעֶ מִיטְן קלַיין יוּנגִילעֶ, מִיט אַיוּדִינה איין אַם גִיפאָהרִין אִין דאָרף אַרייַן קיין נִימִיעֶוויקעֶ דאָרטִין טרוֹירִין אִין דאָרטִין זִיכִין זעֶך צִי טרעֶסטִין, אַז דאָס קלַיינעֶ יוּנגִילעֶ האָט גאָר בּייַלצִים פָּנִים.

13.

געֶנִיג שוֹין לאַהָיהָפּאָלִי עֶס אִיז צייַט אַקִיק צִי טִיהִין וואָס מִיט מֶיכלִין (דעֶר גִיוועֶזִינעֶר מֶיכל בּעֶלפעֶר מֶיכל מַצֵבה, דעֶר נאָךְ — מֶיכל דעֶר מַאסקוּוִיטִירשעֶר) טִיהט זעֶך, מִיר האָבִּין גִיזעֶהעֶן אַז מֶיכל אִיז דרייַ טאָג פַאר ראָשׁ הַשָׁנה מִיט דעֶם רוּסִישעֶן אָפִּיצִיר קאָמִיסִיאָנעֶר חלִיעֶבּאָוו אַוועֶק גִיפאָהרִין פִין לאַהָיהָפּאָלִי צִי דעֶר רוּסִישעֶר הוֹיפּטקוואַטִיר.

לעֶת אַז דאָס לעֶכט וועֶט אויס בּרעֶנעֶן, וועֶט מיזן רעֶכט זײַן, שײַנצין וועֶט מען דיר אָפּגיבּין. —

(אַהרן שַמש מיז שרײַען, ווײַל שָרה הײַסט) — משונה האָט דאָס לעֶכט אויסגיבּרעֶנט אַקוראַט אין דעֶר מינוּט ווי דאָס ווײַבּיל זײַנס איז גישטאָרבּין. —

ר׳ טוביהֶ אין שמעֶריל טוביהֶ׳ס מיט נאָך עֶטליכעֶ חֶברהֶ קדושה לײַט, זעֶנען אויך געֶקומין צו לויפין זעֶך בּעֶזירין אַף דעֶר שַמשטעֶ מיט דעֶם שַמש אַהרן.

דעֶרווײַל וועֶרט דעֶך פון דעֶם גאַנצעֶן עולם וואָס דרויסין שטעֶהט-וואַרטין אַף דעֶר לויהֶ, אַשטיפינויש צו דעֶר טיהר (ווי די שַמשטעֶ שטעֶהט אין שרײַט) אַז מעֶנשין האָבּעֶן גיקאָנט דעֶרשטיקט וועֶרין, ווײַל קײנעֶר ווײסט נישט, וואָס קאָן אַזאַ שָרהֶ די שַמשטעֶ מיט אַהרן שַמש האָבּין דאָ צו שרײַען? איבּעֶר דעֶם, שטופּט מעֶן זעֶך נאָך מעֶהר.

איך זאָג אויס דעֶם סוד, יאָה איך שָרהֶ די שַמשטעֶ מחילה שרײַ גיוואַלד, אַהרן שרײַ, לאָז עֶר אונז אָפּגיבּין אונזעֶר שײַנצי, לאָז עֶר זאָגין וויא זיא איז, וועֶלין מיר געֶהן זיא אָפּנעֶהמין, האָ, דאָס לעֶכט האָט געֶוויזין, דעֶם אֶמת מחילה (זיא שרײַט זײעֶר הויך, אין בּאַריט זעֶך מיט די חֶברהֶ שַמשים אַרײַן צו שטיפין זעֶך, ווי אַמשוגעֶנעֶ) לאָז מיך צו איהם, צו זײַנווילעֶן, לאָז עֶר מיר אָפּגיבּין שײַנצין, עֶר, נאָר עֶר האָט זיא.

זײַנווילעֶ אין די גרויסעֶ צָרות הערט עֶר, מעֶן ריפט זײַן נאָמין, קומט עֶר צו צו דעֶר טיהר פרעֶגינדיק מיך ריפט עֶמיצר.

ר׳ טוביהֶ מיט שמעֶריל טוביהֶ׳ס טיהין אַקוויטשידיקין געֶשרײַ — שַמָשים בּינט זיא, די יודינעֶ איז משוגעֶ. —

שָרה שרײַט נאָך העֶכעֶר — יאָה, יאָה דאָס לעֶכט האָט אויסגיבּרעֶנט, איך בּין ניט משוגעֶ (זיא דעֶר זעֶהט זײַנווילעֶן חאַפּט זיא איהם אָן מיט בּײדעֶ העֶנט) — גיב תקיעת כּף מחילה איבּעֶרן מת, אַז דיא וועֶסט מיר אָפּגיבּין שײַנצין, דעֶר צַדיק האָט גיהײסין מחילה.

זײַנווילעֶ מײנט די יודינעֶ די שַמשטעֶ איז טאַקעֶ פאַר צָרות משוגעֶ גיוואָרין, געֶהט עֶר מיט די פאַרווײַנטעֶ אוינין צוריק צום געֶשטאָרבּינים ווײַבּ.

די שַמָשים האָבּין שָרהֶ די שַמשטעֶ גיחאַפּט אינטעֶר די העֶנט, אין אַוועֶק געֶפיהרט אַהײם, דעֶרווײַל האָט ר׳ טוביהֶ בּילעֶנקים אין שמעֶריל טוביהֶ׳ס אַהרן שַמש גיגיבּין

פִין נִיט-חַתוּנָה-הָאבִּין, פִין נִיט-נֶעהמִין-קֵיין-אַנדֶער-ווַייבּ, אִין פִין דֶער אַנדֶערֶער זַייט אִיז קָשֶׁה, ווִי קָאן אַיוּנגֶער מַאן ווִי וַיינווִילֶע פִין אַכצֶעהן יָאהר צִי זָאגִין נִיט צִי נֶעהמִין קֵיין אַנדֶער ווַייבּ? נָאר דֶערווַייל אִיזִים גִיוועֶזִין פַאר דֶעם טַאטִין מִיט דֶער מַאמֶע אַפִינצטֶערֶע נֶחָמָה בִּשַׁעַת זֵיי זִיצִין אַף דֶער עֶרד אִין בַּאווֵיינֶען דִי גִישטָארבִּינֶע אֵיין אֵיינצִיקֶע טָאכטֶער, בַּיי דֶעם גרוֹיסִין אִימגלִיק-נָאך אַרגֶער אִימגלִיקלִיך צִי ווֶערִין, אִיז בַּיי זֵיי דָאס זֵייעֶר אָנגִילֶעגט גִיוועֶזִין, אַזעֶלִיכֶע ווֶערטֶער פִינִים גִיטִין קִינד פִינִים אָסטרָהעֶר מַגִיד'ס אֵיינִיקִיל צִי הֶערִין, אַז עֶר ווִיל פִין זֵיי נִיט אַוועֶק.

בֵּיידֶע, בְּרַיינָה-דָאבּרִיש מִיטִן צֶערִיסִינִים הַארץ, מִיט דֶעם טרוֹירִיקִין בִּיטֶערִן גֶעמִיהט, אִין אַפִילוּ דֶער שווַייגִינדִיקֶער דָוִד סמִיק, זֶענִין צִי גִיפַאלִין קִישִין אִין הָאלזִין, דֶעם גִיטִין פרִימֶען קלִיגִין וַיינווִילֶען, פַאר דִי ווֶערטֶער.

ווַייבֶּער זֶענִין אַרִים גֶעשטַאנִין אִין הָאבֶּען זֵייעֶר גֶעווֵיינט אַף דִי בִּיטֶערֶע קלָאג-לִידֶער וואָס בְּרַיינָה-דָאבּרִיש הָאט צַאנצִילָאמִיש אוֹיסגִיקלָאגט אִין אוֹיס גֶעיָאמֶערט אַף דֶער אֵיין אֵיינצִיקֶער טוֹיטֶער טָאכטֶער, בַּיי אִיטלִיכִין ווָארט וואָס דִי פַארפִינצטֶערטֶע פַארווִיעסטֶע מַאמֶע הָאט גִיזָאגט אִיבֶּרן מֵת, הָאבִּין דִי ווַייבֶּער אַרוֹיס גִילָאזט אַגִיווֵיין מִיט אַהַארץ רַייסֶענדִיק קוֹל, אַזוֹי הָאטִים גִידָוֶועֶדט אַקעֶגִין אַשָׁעה, בְּרַיינָה דָאבּרִיש הָאט אַלץ גִיטרוֹיעֶרט מִיט ווֶערטֶער אִין דִי ווַייבֶּער הָאבֶּען נָאך גִיווֵיינט.

דֶער נָאך אַז וַיינווִילֶע הָאט צִי גִיזָאגט עֶר ווֶעט בַּיי זֵיי בְּלַייבֶּען מִיט זַיין קלֵיין יוּנגִילֶע מִיטן יָתוֹמִיל, אִין דִי פָאטֶער אִין מִיטֶער הָאבִּין אִיהם מִיט אַגִיווֵיין אַרִים גִיפַאלִין הַאלזִין אִין קִישִין — הֶערשטִי טָאכטֶער בֵּיילצִי וואָס דַיין וַיינווִילֶע זָאגט אִינז צִי? פַאר אַלֶע סטָאט לַייט צַאנצִילָאמִש, — דָא הָאבִּין זֶעך אַלֶע ווַייבֶּער צֶעגָאסִין פַארגֶעווֵיין.

פלִיצִים הֶערט מֶען אַגֶעפִילדֶער פִין דרוֹיסִין, אַהרן שַׁמָשׁ מִיט שָׂרָה דֶער שַׁמָשטֶע קרִיגִין זֶעך מִיט דִי חֶברָה שַׁמָשִים, אִין אַז אַפָאר ווַייבֶּער זֶענִין פִין דֶער שטִיבּ אַרוֹיס גִילָאפִין זֶעהן וואָס סִיז פַאר אַלַיירִים.

הֶערט מֶען אִין שטִיבּ, אִין דֶער טרוֹירִיקֶער שטִיבּ, שָׂרָה דֶער שַׁמָשטֶע'ס קוֹל — לָאז עֶר מִיר אָפּגִיבִּין מַיין קִינד, דָאס לֶעכט הָאט אוֹיסגִיבּרֶענט מְחִילָה ווֶען זִיא אִיז גִישטָארבֶּען אַקוּרַאט, וואָס שווַייגסט דִיא אַהרן, שרַיי, רָאזבָּאיִנִיק גִיבּ אִינז אָפּ שֵׁיינצִין, דֶער צַדִיק דֶער בַּעַל מוֹפֵת הָאט נִיט אִים-זִיסט גִיזָאגט — נָאך צווֵיי מֵעֵת

אַנדערן טאָג נאָך יום כּפּור שפּעט פאַרנאַכט, אַראָפּ גיבּראַכט דעם שׂר'ס דאָקטאָר צי בּיילצין, האָט דער דאָקטאָר גיזאָגט סיז זעהר שלים, ער האָט גיבּראַכט רפואות, מען האָט איהר שוין ניט גיקאָנט איינגיבּין די רפואות, ווייל דער האַלז (דער גאָרגיל) איז גיוועזין ווי פאַרשלאָסין, קיין שים בּיסיל וואַסער אַפילו האָט ניט גיקאָנט אַריין אין האַלז, שלעכט, אין שלעכט, אין גאָר שלעכט, ערב סוכּות איז בּיילצי געשטאָרבּען, האַלבּען טאָג.

אַזאַ אימגליק, אַזאַ אימגליק, בּיטער אין וועה איז דעם טאַטין מיט דער מאַמע, פאַרפינצטערט זענין זיי גיוואָרין, דער בּן יחיד האָט זעך גישמדט, אין די וואָילע בּת יחידה איז גישטאָרבּין.

וועה אין בּיטער איז זיינווילען, ער האָט בּיילצין ליבּ גיהאַט, אין בּיילצי האָט זיינווילען אויך זייער ליבּ גיהאַט, דאָס הייסט זיי בּיידע האָבּען זעך ליבּ גיהאַט, בּיילצי איז גיוועזין זייער קליג, גיט, אין פרים, אַשען יונג ווייבּיל איז זיא אויך גיוועזין, איז נעבּיך דעם זיינווילען אַריפּ פּנים לייבּ אַרויס גערייסין גיוואָרין, נאָך מעהר האָטים איהם זעהר זעהר געשמאַרצט, אַז ער האָט געוויסט, ווי בּיטער אימגליקליך די פאַרפינצטערטע טאַטע ומאַמע זענין, בּיי דעם גרויסין עשירות, זענין זיי גאָר זעהר זעהר אימגליקליך, צוויי קינדער האָבּין זיי גיהאַט, יענער ימח שמו'ניק איז גישמדט אַחרפּה אַבּושה אַוועטהיק איזים, נאָר מען האָטים גיקאָנט דערטראָגין, ווייל מען האָט גיהאַט אַבּיילצי מיט איין ניי איינקיל אַוואָיל יונגילע, אין זיינווילען האָבּין זיי אויך גיהאַלטין פאַר איין אייגין קינד, אַצינד איז פּליצים דיא איינציקע טאָכטער אויך געשטאָרבּען, אַגרויס זעהר גרויס אימגליק פאַר אַפּאָטער מיט אַמיטער, די איינציקע טאָכטער איז אויס גיחאַפּט גיוואָרין.

דאָס האָט זיינווילע, דער גיטער קליגער פרימער לַמדן זיינווילע בּשעת טראָווירין נאָך זיין ליבּ ווייבּ, פאַרשטאַנין, דעריבּער האָט ער טאַקע דאָ פאַר אַלע לייט פאַרין מת תּיכּף צי גיזאָגט דעם שווער מיט דער שוויגער, אַז ער וועט בּשום אופן ניט נעהמין קיין אַנדער ווייבּ, אין וועט ניט אַרויס פין זיי, ער אין זיין קינד דאָס יונגילע וועט בּלייבּין בּיי זיי, אין וועלין זיין תּמיד ווי זייערע קינדער, בּיי זיי תּמיד.

חאָטשע אַז מען וויל, איזיס פין איין זייט עפּיס ניט גאַנץ רעכט, בּשעת די ווינד ליגט נאָך פאַר די אויגין, די איינציקע טאָכטער ליגט נאָך אַף דער ערד מיט די פיס צי דער טיהר איבּער-גידעקט מיט אַשוואַרץ גיוואַנט, דערנצמאָהלט צי שטיסין

פַארשטעֶהט זעֶך, אַז מעֶן האָט גִיוואָהר גִיוואָרִין, וואָס דאָס יאַרעֶ וואַקסִינעֶ גראָבּעֶ גרויסעֶ לעֶכט בּאַטייַט, זעֶנִין אַלעֶ גִילאָפִין זעֶהן ווי דאָס לעֶכט בּרעֶנט. נאָ וואָס זעֶהט מעֶן? אַלעֶכט בּרעֶנט.

פאָרט האָבִּין די ווייַבּעֶר מקַנאָ גִיוועֶזִין די בַּעלֵי בָּתִּים די מאַנצבִּילִין, זיי קאָנִין זעֶהעֶן דאָס יאַרעֶ וואַקסִינעֶ ווייסעֶ לעֶכט בּרעֶנִין, ווייַבּעֶר געֶהעֶן נִיט אִין קיין בֵּית מִדרָש אַרייַן, קאָנעֶן זיי נִיט זעֶהעֶן, דאַכט זעֶך, וואָס האָט מעֶן דאָ צִי זעֶהעֶן? גְלִיסט זעֶך פאָרט אַלייַן צִי זעֶהעֶן מִיט זייַנעֶ אויגעֶן, טִיהט זעֶך אֶפשר אִין דעֶר גרויסעֶר וועֶלט בּיי אַנדעֶרעֶ קלייַנעֶ זאַכִין אויך אַזוי, דעֶר עוֹלָם וויל דַווקאָ מִיט זייַנעֶ אויגִין זעֶהעֶן.

אַהרַן שַמָשׁ האָט געֶפִילִיוועֶט דאָס יאַרעֶ וואַקסִינעֶ לעֶכט, בּעֶסעֶר פִין אַ־יאָהר צייַט־לעֶכט, עֶס זאָל חַס וְשָׁלוֹם נִיט פַארלאָשִין ווערִין, דעֶר בַּעַל מוֹפֵת האָט אָנגִיזאָגט עֶס זאָל בּרעֶנִין. אִין דוּרך דעֶם בּרעֶנִין, וועֶט זעֶך שייַנצִי אָפּזִיכִין, מִיז מעֶן פִילִיוִוין.

12.

לאָהָיהָפָאָלִי אִיז אַשטאָט, אִין לאָהָיהָפָאָלִי מִיז זעֶך אַלץ טרעֶפִין, דעֶם יוֹם כִּפּוּר אִיז דָוִד סמִיק אִין זייַן ווייַבּ בּרייַנֶה־דאָבּרִישׁ מִיט דעֶר איינ אייַנצִיקעֶר טאָכטעֶר בּיילצִי מִיטִן זייַגִינדִיקִין קִינד, אִין זייַנווילעֶ, גִיוועֶזִין אִין שטאָט, אִיז פִּינִים תָּעֲנִית, אִין פִין דעֶר עֶנגִינִישׁ אִין דעֶר וויַיבּעֶרשעֶר שִׁיל, דעֶרצִי אִיז הייַנט גִיוועֶזִין זייעֶר אַהייַסעֶ טאָג, חאָטשעֶ אַפִּישׁ צִיטעֶרט אִין וואַסעֶר, אַקִינד האָט דאָס דעֶלִיקאַטנעֶ ווייַבִּיל בּיילצִי אויך געֶזייַגט, וויינעֶן מִיז מעֶן, צִי נעֶילָה האָט בּיילצִי געֶחַלִישט אִין שִׁיל, מעֶן האָט זִיאָ קוֹים פַארפִיהרט אַהיים ווי זיי זעֶנִין אַייַנגִישטאַנִין בּיי שמעֶרלִין טוֹבִיֶה׳ס, אִין דעֶר מִינטעֶרט.

וואָלט מעֶן אֶפשר גִיוועֶזִין געֶרִיפִין תֵּיכֶף דעֶם שָׂר׳ס דאָקטאָר, וואָלט עֶר פַארַאַ געֶוויִסט עֶפִּיס גִיגִיבִּין צִי טִיהִין דעֶם ווייַבִּיל, מעֶן האָט דעֶם דאָקטאָר נִיט געֶרִיפִין, וויַיל לרוֹב טרעֶפט זעֶך, אַז ווייַבּעֶר חַלשִין אִין שִׁיל, דעֶר נאָך וועֶרִין זיי געֶזִינט, אִין עֶסִין אַף דעֶר נאַכט די קאַלטעֶ כַּפָּרוֹת אִין האַרטעֶ בּאַרִין, מִיט נאָך מעֶהר הִינגעֶר וִויאָ אַנדעֶרעֶ, אִין עֶס שאָט זיי גאָר נִיט.

בּיילצִי אִיז אַבּעֶר קראַנק גִיוואָרִין, טאַקעֶ זייעֶר קראַנק גִיוואָרִין, דעֶם אַנדעֶרִן טאָג נאָך אַרגעֶר, אִין טאַקעֶ גאָר מסוּכָּן קראַנק גִיוואָרִין אַפִילוּ אַז מעֶן האָט דעֶם

נאָר ניט גיגיבּן אין דער האַנט אַריין מחילה, האָט ער אַף דעם קערבּיל קיקינדיק מיך געפֿירט בּיז צים צדיק אין אַלקיר אַריין מחילה, אַז שׂרה איז שוין אינעווייניק מחילה, האָב איך איהם אַפּיטאַק אַריין גערוקט. אַלע ווייבּער לאָזין אַרויס אַגילעכטער חע חע חע חי חי חי.

איך לאַך, פאַרשוואַרצט איז שׂרה׳ס גילעכטער גיוואָרין זאָגט שׂרה אַהרן ריק דאַרטין אַוועק דאָס טעפּיל אַפין פריפּיטשיק, עס זאָל ניט אויס לויפין דאָס בּיסיל יושקע מחילה, דרייצען גראָשין האָב איך מחילה געמיט גיבּין פאַר אַכּפּרה, אַקליין הינדיל, היא איזיס ווערטה צעהן גראָשען, לאָם איך פאַרגעסין אין מיין לייד, לאָם איך ניט פאַרגעסין אין מיינע רעד, וויא איך בּין געקימין צים צדיק, האָט ער תּיכּף דערקאַנט אַלץ וואָס איך דאַרף, (דאָ שטרעקין אויס אַלע ווייבּער די העלזער אין פאַרווינדערן זעך) האָט ער מיך אויסגיפרעגט איטליכס פּיצילע, אין האָט גיקרעכצט ווי אַגעווינירין מחילה, אַהרן דיא ווייסט דעך מכּוח דעם . . . האָב איך דעם צדיק אויך גיזאָגט, וואָס סיז מיר גיקימין אין מויל אַריין האָב איך דערצעהלט דעם צדיק, האָט ער, הערט איהר, אַף מיר אַזאַ קיק געטיהין, אַז סיז אין מיר קיין נשמה מחילה ניט געבּליבּין . . . (אַלע ווייבּער טרעסין מיט די קעפּ) אַזאַ עולם הבּא זאָל איך האָבּין, וואָס פאַר אַצדיק דאָס איז, שמשטע, זאָגט ער צי מיר אַזוי גאָר פּשוט מיט גיטע ווערטער שמשטע פאַהר אַהיים, אין מאַך פין יאַרע וואַקס אַגרויס לעכט, וואָס זאָל קאָנין בּרענין צוויי מעת לעת דורך אַנאַנדר, וועט רעכט זיין אין גיבּענשט האָט ער מיך מחילה אויך, האָב איך אַנידערגילעגט, דאָס ווייסע קערבּיל, אין בּין אַוועק גיגאַנגין מחילה, הלואי עס זאָל איהם אָנגעהען וואָס איך האָב איהם געווינשין.

גיטילע ר׳ גבריאלס טיהט אַחאַפּ די רעד נאָ האָט איהר גימאַכט דאָס לעכט, דאָס יאַרע וואַקסינע גרויסע לעכט.

אַהרן שמש ריפט זעך אָן משונה בּרענטים שוין אין בּית מדרש פין צוויי שעה, סטאַטש, זיא איז דעך פין דעסט וועגין גיפאָהרין, שׂרה, געה דיא צים פּריפּיטשיק, דיא ווייסט משונה אַז הייגט טאָהר מען ניט פאַסטין.

די ווייבּער זענין אַרויס גיגאַנגין, אין איטליכע האָט איהר מאַן דערצעהלט מיט עטליכע ליגין בּאַבּרעמט, די מעשה וואָס שׂרה האָט זיי דערצעהלט, לעת עתּה בּרענט דאָס לעכט, איז שוין אַהאַלבּער סוֹפֿת, בּיז מאָרגען וועט ערשט זיין די אַנדערע העלפט, שיינצי זאָל זעך אָפּזיכין.

11.

שָׂרה די שַׁמְשְׁטע איז צוויי טאָג נאָך יום כּפּוּר צוריק געקומען פון מעזיבּיז, אַלע ווייבּער אַפילו גיטילע ר׳ גַבְרִיאֵלס די גרעסטע עשירית אין שטאָט, זענען געלאָפען הערין וואָס שָׂרָה וועט דערצעהלען, אין וואָס זיא האָט גיפּועלט מכּוח שיינצין, די מאַנצבּילין האָבּין זעך געשייט צווישין די ווייבּער זעך צו שטיפין אינים ענגין בּית מדרש שטיבּיל צו דער שַׁמְשְׁטע׳ נאָר איטליכער מאַן האָט אָן גיזאָגט זיין ווייבּ, זיא זאָל צו איהם תּיכף אַרויס קימין פאַרין בּית מדרש צו דערצעהלין וואָס זיא וועט הערין פון שָׂרָהן.

דרויסין פאַרין בּית מדרש איז גישטאַנין אַגרויסער עולם, וואַרטין בּיז די ווייבּער ועלין אַרויס קימין, בּלויז איז וואַרטין ניט זעהר גיט, אָבּער וואַרטין אין וואַרטין אַשעה, אין נאָך מעהר פון אַשעה איז גאָר שלעכט, אַטהייל מאַנין האָבּין אינטער די אויגין גישאָלטין, אַטהייל האָבּין געפּליכט, אַוועק געהן טאָהר מען ניט. וואָס דויערטעס דאָרטין אַזוי לאַנג? פרעגין אַצעהן מיט אַמאָהל.

קאָנט איהר ווייבּער-ענטפערן אַזעקס בּעלי בּתּים, נאַן מאָס רעד, זיי רעדין דערווייל פון שלייערס, אין פון שפּילקים אין פון מאַירן צימים.

בּאמת אָבּער זענין די ווייבּער ניט שילדיק גיוועזין, אַז די שָׂרה די שַׁמשטע, האָט געמיינט זיא מיז דערצעהלין, וויא אַזוי זיא איז גיפאָהרין מיט איהר בּיטער הארץ, ווי אַראָד האָט זעך צעבּראָכין, אין וויא זיא האָט בּאַגעגינט ווייבּער צוריק פאָהרין פון קֶבֶר אָבוֹת, ווי אַרעגין איז זיא אָנגיפאַלין, האָבּין זיי זעך מיט אַקילים אַלע דריי ווייבּער אין איינעם געמיזט צידעקין אין זענין פאָרט נאס גיוואָרין בּיז מחולה צים העמד, ווי זיי האָבּין גיטראָפין אַמשוגען ווייבּיל וואָס מען האָט פון אַדאָרף מישטענז גיזאָגט געפיהרט צים טאַטע, אין פון מופתים, וואָס מען האָט זיי אַפין וועג דערצעהלט פינים צדיק.

דאָס האָטים אַזוי לאַנג גיוועהרט, בּיז מען איז געקימין צו דער רעכטער זאַך מחולה איין אשה חלעבּין, ווי זאָגט מען עפּיס, איין אשה קאָן דעך מחולה זעך ניט מחולה אַריין שטיפּין צווישין בּעלי בּתּים, דאָרטין איז דעך פון דער גאַנצער וועלט, יודין אין ווייבּער מחולה, האָט מיר איינע לאַנג לעבּין זאָל זיא, איין עצה גיגיבּין ווייסט איהר וואָס יודינה ריקט אַריין דעם גבּאי עפּיס, וועט ער אייך אַריין פיהרין העט בּיז צים צדיק, נאָ וואָס טיהט שָׂרָה, איך האָבּ דעם גבּאי מחולה אַוויז געטיהין אַקערבּיל

דעם זיינווילען דוד סמיק׳ס איידים, וויל זיי האבין גידענקט וויא ער האט זייער געקיקט אף שיינצין בשעת דעם פינצטערן שודך, אז ער האט דעם ימח שמוניק נפתלקין צי געפיהרט מיט די צעהן רויטע רענדליך, דערצי האט ער זיינווילע אליין איהר די דריי רענדליך גיגיבין מיט גרויס חשק, דערביי האט ער מיט איהר עפיס ווי צי פיעל גישמיעסט, שרה די שמשטע הייבט זעך אן צי דערמאהנין, וואס זיינווילע האט צי שיינצין גיזאגט, אז ער איז געהאט געקימין זעך גיזעגינין, דיא וועסט ניט האבין צי זארגין האט אפנים גיהאט עפים וויא איינער שמיעסט פין זייניטוועגין, זעך צי באשטעלין דאס שיינצילע, צי דעם, ווילין שכינים האבין גיזעהען, אז עפים איונגער מאן האט דעם טאג וואס זיא איז פארפאלין גיווארין, מיט שיינצין געשמיעסט אין אווינקילע פינים אינטערגעסיל.

חאטשע זיינווילע איז דעך גאר אוועק גיפאהרין פאר ראש השנה צים גיטן יודין קיין מעזיבוז מיט אלע חסידים אין איינעם, פאלט מען אף איין עצה, אפשר איז זיינווילע תיכף נאך ראש השנה פין מעזיבוז צוריק, אין איז אינטער גיפאהרין זיא אוועק חאפין, וויא וועט אזיינווילע היך טיהין דאס ווייביל? איז קשה, געפינט מען אתריץ אזא עושר, וועט שיינצין דינגין אין איין אנדער דארף ערגיץ אדירה זיא זאל דארטין זיין אין ער וועט אלע מאהל צי איהר אהין פאהרין.

דאס ערשטע וואס מען האט צי טיהין, איז מען גינאנגין פרעגין ביי ר׳ שמעריל טוביה׳ס, ווי דוד סמיק מיט ברײנה דאברישין האבין גיהאלטין ראש השנה עפים פין דארטין חאפין אציוג, ווערט מען גיוואהר, אז טאקע דעם אנדערן טאג נאך ראש השנה איז זיינווילע געקימין צוריק פין מעזיבוז אין האט דא גינעכטיקט, פאר טאג נאך די סליחות, איז ער אוועק גיפאהרין אין דארף ארײן, אף יום כפור וועט ער מיטן שווער אין מיט דער שוויגער, מיט ביילצין אין מיטן קינד ווידער קימין אין שטאט ארײן.

פין דער אלים-אין-איינים איז געבליבין, אז מען זאל דאס שטילערהייט זאגין דעם בעל מופת וועט ער אוודאי פדיונין זיינווילע זאל אפגיבין שיינצין בשתיקה נאר למען השם זאגט אן אהרן דעם ווייב, חאפ דיך ניט ארויס משונה עמיצער זאל הערין, אז דיא וועסט דעם צדיק דעם סוד זאגין.

שרה האט פארשטאנין, אין האט גיוויזין מיטן פינגער אפין מויל, אז זיא וועט דעם סוד נאר דעם צדיק זאגין, אין איז אוועק גיפאהרין.

פרעגִין פִיעל טאָהר מען נִישט, אִן דערצִי, ר׳ מאַרקִיל דער גִיוועזִינער שטאַרקער מִתְנַגֵד דער אִיז גִיוואָרִין אַחָסִיד, אִין מאַכט מִיט חסִידִישע קנײשטִין, אִין מִיט פאַרגלײסטע אויגִין נאָך אַרגער פִין אַגִיבּוירינִים חָסִיד, אִין ער דערצעהלטִים, נאָ דאַרף מען נאָך מסופּק זײַן, מעה, בִּיר אִין אָליעמבִּיקאָווע בּראָמפִין טרִינקט מען ווִידער בּײַ מאַרקלען, אַיאָה אַמוּפֶת דערוויַיל.

10.

זיַינוִוילע פִין נִימִיעוּוקע דָוִד סמִיקס איידִים, אִיז אַף סלִיחוֹת אַרײַן געקִימִין אִין שטאָט אַרײַן קײַן לאָהָיהָפּאָלִי, אִין אִיז אויך גִיגאַנגִין צִים אַלטִין שענקער מאַרקִיל הערִין דעם מופת וואָס שמערִיל טובִיה׳ס האָט אִיהם אִין דער בּרײט דערצעהלט, חאָטשע ער האָט שוין אִין דאָרף גִיהערט פִין דער מעשה, אִיז זיַינוִוילע אַף ראָש הַשָנה אויך גִיפאָהרִין צִים גרויסען בַּעַל מופת קײַן מעזִיבִּיז.

לאָהָיהָפּאָלִי. אִיז אַשטאָט אָן מעשהוֹת ווִי עס האָט אַפָּנִים, קאָן דִי שטאָט נִיט זײַן, ווִידער אַמעשה, אַווִילדע מעשה, צוויי טעג נאָך ראָש הַשָנה אִיז שײַנצִי פאַרפאַלִין גִיוואָרִין, מען ווייסט נִיט צווִישִין טאָג אִין נאַכט אִיז דאָס ווײַבִּיל פאַרשווִינדִין גִיוואָרִין, נִיט דאָ אײן טאָג, נִיט דאָ צוויי טאָג, אִין נִיט דאָ דעם דרִיטען טאָג, נִיט דאָ אִין טאַקע נִיט דאָ.

אַהרן שַמָש אִין שָרה דִי שַמשטע, געהען גאַנצע טעג אִין גאַנצע נעכט זִיכִין, אַשפִּילקִי אִיזִים? וואָס זִיכט אִיהר אִים זִיסט, פאָלגט בּעסער אִין פאָהרט בּיידע, אָדער דִיא אַהרן אַליין, צִים צַדִיק, דאָרט וועסט דִיא האָבִּין הײמִישע מענשִין, זיי ווע׳לִין דעך אַרײַן פִיהרִין צִים רֶבִּין עפִּים גרעסערע מופתִים ווִי אַווײַבִּיל אָפּ צִי זִיכִין, האָט ער שוין בּאַווִיזִין, בּעט אִיהם נאָר, וועט אַוודאי רעכט זײַן האָט מען צִי אַהרנִין גִיזאָגט.

אַהרן שַמָש מִיט זײַן ווײַבּ שָרהן אִיז וועה גִיוועזִין ערב יום כִּפּוּר דִי שִיסִיל צִי פאַרלאָזִין, דאָס אִיז אַזאַך וואָס מען קִיקט דרוּף אַרויס אַגאַנץ יאָהר, דעריבּער אִיז געבּלִיבִּין, שָרה דִי שַמשטע זאָל אַליין פאָהרִין מִיט נאָך ווײַבּלִיך וואָס ווִילִין קִינדער האָבּען.

שטִילערהײט בּאַזעך האָט אַהרן שַמָש מִיטן ווײַבּ אַשטִיקִיל חשד גִיהאַט, אַף

איהר ר׳ מאַרקיל פּאָלגין איז גיט, אַז ניט וועט מען איינוואַרפין אייער שטיבּ, עס זאָל
חס ושלום דער שטאָט ניט שאַטין בּפּירש.

דאָס גאַנצע פּלוידערן וואָלט אפשר ניט געריהרט דעם אַלטין מתנגד, נאָר בּיטער
אַפּין האַרצין איז מאַרקלין בּלויז גיוועזין, פין דער פּרנסה איז ער געקימין, דערצי דער
אינטערשטער בּפּירש מען וויל איהם זיין שטיבּ איינוואַרפין, דאָס האָט איהם נעבּיך
גאָר דעם קאָפּ זאַטשמעליט.

דער שענקער ר׳ מאַרקיל דער אַלטער, איז דעם אַנדערן טאָג מיט שמעריל
טוביהס׳ אַוועק גיפאָהרין קיין מעזיבּיז, ער האָט גיגיבּין גילדינס ווי פּיעל מאַרקיל
טרעפט אָן, דריי הינדערט איינ אינ אַכציק גילדין אף אַפּדיון, האָט איהם דער בּעל
מופת מיט־גיגיבּין איין אַלטין זוהר, אויף צי העננין אף דער טיהר פינים קעהלער,
מיט דעם לשון, דרייסיק יאָהר האָבּ איך אין דעם ספר הזוהר גיזעהען אורות עליונים,
דאַכט זעך, אַז אַלע רוחות הטמאה, וועלין קיין שליטה ניט האָבּען בּפרט, בּפרט . . .
(ער האָט זעך פאַרטראַכט אין האָט שטאַרק גיגלאָצט אף מאַרקלין) איוד דאַרף נעבּיך
פּרנסה, מהיכא תיתא, איין עהרליכער יוד זאָל טאַקע האָבּין פּרנסה . . .

מאַרקיל איז פין דער נסיעה אָן, גיוואָרין אויס מתנגד, אין איז אַהיים געקימין
אַטאָג פאַר ר״ח אלול, שמעריל האָט דעם אַלטין מאַרקלין געפיהרט אין מקוה אַריין
אידער מען האָט אויף גיהאַנגין דעם אַלטין זוהר אף דער טיהר פינים קעהלער
בּפּירש.

די גאַנצע שטאָט לאָהיהפּאָלי איז גילאָפין אף דעם חודש, צי הערין די מעשה
פין מאַרקלין אַליין, אַז . . . . אַקוראַט ווי דער בּעל מופת האָט גיזאָגט חצי אליל
וועטיס אויף הערין בּיי אייך אין קעהלער צי זיין, אין איהר וועט האָבּין אייער פּרנסה
אינים שענק נאָך בּעסער פין פריהר.

נאָך מעהר ווינדער פין אַלע ווינדער איז אַז דער אַלטער זוהר, דער טהייערער
זוהר הקדוש וואָס דער צדיק האָט אין איהם דרייסיק יאָהר, יאָה, טאַקע דרייסיק
יאָהר, דורך אַנאַנדער גיזעהען אַלע נשמות וואָס ער האָט מתקן גיוועזין אין האָט
ויי אַרויס גינעהמין פינים גהנים, טאַקע דער זוהר, איז פין דער טיהר וויא מען
האָט איהם איבּערן קעהלער אויף גיהאַנגין, צוריק (דאָ טיהט איינער דעם אַנדערן
אַשטאָרקע מיט אַגרויסער פאַרווינדערטער הויה) אף זיין אַכסניא טאַקע צים בּעל
מופת אינ די הענט אַריין געקימין צוריק צי איהם פּשוט בּפּירש.

פאַרשטאַנין, וואָס זייער איזיאַזוי האָט בּפירש בּאַטייט, הייַנט זעהט מען דעך די מלחמות, זיי נאָר זיי ווייסין, אין אָנזיי טיהט זעך נישט בּפירש, בּיי זיי פרעגט מען זעך אָן אויב מלחמה זאָל זיין, אָן זיי מאַכט מען ניט קיין מלך, בּשום אופן ניט, היי היי אַלטער, (שמעריל טוביהס' טיהט אַזיפּע, אין יענע צוויי חסידים קראַצין זעך אין קיקין מיט אַמשוגענער הויה איהם אין מויל אַריין) היי היי, וואָס זיי טיהין אָפּ אינים שטיבּיל, מיזין מלכים אין שרים פאָלגין, אַנימילט איז געקימין אַיאַסער ענינה צי איהם צים צדיק, בּאַשר זיא פאָהרט שוין אַרים בּפירש כּמה וכמה שנים אין זיכט אַמאַן, זיא איז גיוועזין בּיי אַלע גיטע יודין קיינער האָט איהר ניט גיקאָנט העלפין, ר' משה ר' ישעיהות איז גיוועזין דערבּיי, וויא דער . . . האָט אַלאַך געטיהין, אין האָט דאָס ווייבּיל געפיהרט, אין קעך שטיבּיל אַריין, דאָס ווייב זיינס ליגט שוין כּמה שנים בּפירש אָן העגט אין אָן פיס, דאָרטין איז גישטאַנין אַקאַדקי מיט וואַסער, וואָס דער טאַטער בּודט זיא דרינין, שטעק אַריין ווייבּיל די האַנט האָט ער אַוויז געטיהין דעם ווייבּיל, האָט זיא אַרויס גינעהמין אַיאַרמיקע, געה זיעך דעם קאָפּ פין דער יאַרמיקע האָט ער גיזאָגט צי איהר, די יאַרמיקע איז דיין מאַנס יאַרמיקע די גאַנצע שטאָט האָט גיהאַט צי טיהין בּפירש מיט דעם מופת, אין איהר אַלטער סעריאַק ר' מאַרקיל פאָהרט ניט צים בּעל מופת מכּוח אייער קעהלער, שעמט אייך אַלטער נאַר שוטה פעטיך חוזיק איהר.

דער אַלטער שענקער מאַרקיל וויל עפּיס פרעגין, אין וויל פאַרשטעהען וואָס די דריי האָבין דערצעהלט, עפּיס איז איהם ניט גלאַט גיוועזין די מעשׂהות מיט די מופתים, לאָזט איהם שמעריל ניט עפינין דאָס מויל, אין רעט מיט גרויס חומם אָט אַציינדערט איידער אֶליל פאַרחאַפּט, קאָנט איהר אין אמינית אייער זאַך פועלין בּפירש, ווי בּאַלד אלול וועט זעך אַריין חאַפּין, איהר זאָלט בּפירש אַפילו גיבּין טויזענט רענדליך, וועט מען אייך בּשום אופן ניט צי לאָזין צי איהם, ער טראָגט דעך די גאַנצע וועלט אַף זעך, אלול, עפּיס אַקאַטאָווים, אַף אַזאַ צדיק הדור קיקין אַרויס אַלע גיטע יודין, איהר האָט דעך אונז ניט חושד צי זיין, מיר ווילין פין אייך קיין הסכּמה ניט, אין ער דאַרף בּפירש אייער הסכּמה אוודאי נישט, אַנימילט זענין ליטוואַקים געקימין פין העט ווייט אפשר בּפירש פין הינדערט מייל, רבּי נאָר איהר, רבּי נאָר צי אייך דאַרפין מיר, האָט ער זיי געשווינד גיטראָפין זייער מבוקש, אין האָט זיי געהייסין אַהיים פאָהרין. ווילט

אײַך אַטובֿה טיהן, מיר ווילן אײַך אײן עצה געבן, ווי אַזוי איהר זאָלט דורך אײַן פּדיון פּטור ווערן די צרה פֿון אײַער קעהלער בפֿירש.

מאַרקיל וויל עפּיס זאָגן, לאָזט מען איהם ניט אַוואָרט אַרויס רעדן, אַלע דרײַ שטעלן זעך פֿאַר מאַרקלען, און מאַכן מיט אַלע זעקס הענט און מיט חסידישע הוית איהר מעגט טאַקע ניט גילייבן און אַנדערע גוטע יודן, נאָר דער צדיק זאָל לעבן, איז דעך גאָר ניט קײן גוטער יוד בפֿירש, הערטשע צו, ר׳ . . . זכר צדיק לברכה איז דעך אַוודאי געוועזן ווי אַמשה רבינו, אין די גאַנצע וועלט, האָט מודה געוועזן אַז ר׳ . . . איז געוועזן בפֿירש אַהעכירע נשמה פֿונם ר׳, נאָ האָט ר׳ . . . פֿאַרן טויט דעם צדיק איבער געגעבן די ממשלה, ער איז דעך אומיסנע געקומן פֿון יאַס צו פֿאָהרן, חאָטשע בפֿירש יאַס האָט איהם בשום אופֿן ניט געוואָלט אַרויס לאָזן, עפּיס וועניק זאַכן אינטערעסן און מופֿתים האָט מען פֿונם בעלמופֿת געזעהען בפֿירש אַלע טאָג אין יאַס (אַחסידישן פּרימן זיפּץ) מיר זאָלן נאָר זוכה זײַן, זײַן אינטער אינטער בענקילע צו זעהען אין גן עדן, וואָלט פֿאַר אונז גענוג זכיה געוועזן, ווי אַ פֿלעגט ער ר׳ . . . . . צו זאָגן מיט פּאָסטילים קאָן מען ניט קומן און גן עדן אַרײַן מען מוז גוט האָריווען און זעך וואַלגערן בײַ גוטע יודן פֿריהר פּשוט, דער רבי איז דעך אַרב אויך, איר ווייסט ר׳ מאַרקיל פֿאַר וואָס מען רופֿט איהם דער געטרײַער רבי.

איך ווייס זאָגט מאַרקיל דער אַלטער. ווײַל ער איז פֿריהר געוועזן און אַשטעטעל אַרביל, דער נאָך ערשט האָט ער זעך אַחאַפּ געטיהן צום חסידות, דעריבער איז ער אַרויס צו די מאָלדיוואַנים צו די גראָביאַנים.

חאַ חאַ חאַ טיהן אַלע דרײַ אַלאַך-משוגענער, נאַר, שוטה, אַלטער מתנגד, איהר ווייסט דעך לחליטין גאָר נישט, ניט אַיודיש וואָרט אַפֿילו, חאַ חאַ חאַ אַשטעטיל אַרביל דאָס קאָן דעך אַקלײן יונגיל אויך זאָגן, שעמט אײַך, דער גרויסער ר׳ . . . זכרונו לברכה איז קליגער געוועזן פֿון מאַרקיל שענקער פֿון לאַהיהפּאָלי, אַיאָה, ער האָט געזאָגט צדיק טרעפֿט אָן-וויפֿיעל, אַנאָ זאָגט, אַיאָה נײַנציק, נאָ זאָגט אַלטער מאַרקיל שוטה דאָס איבריקע, וואָס איז נײַנציק, אַיאָה אַצדיק, ווײַל ער איז, דער אמתר צדיק הדור בפֿירש, דעריבער האָט ר׳ . . . . זכרונו לברכה איהם ניט געהייסן ריפֿן אַנדערש, נאָר סתם דער בעל מופֿת האָ, אַיאָה אַקיק, ניט ווי מיר מיט אינזערע בלינדע אויגן, זײַ קוקן געזמיי גוזמאות העכער, ווײַטער, בפֿירש האָט מען געזעהען, ווי ער האָט איהם און מעזיבוז איבער געגעבן די מליכה, קײנער האָט ניט

עֶר שִׁיר נֶהֱרָג גִיוואָרִין, אִין אִיז קוים לעֶבִּידִיק אַרוֹיף געֶקִימִין פִינִים קעֶהלעֶר, (דאָ האָט מעֶן נאָך צִי גִיזעֶצט) אַפִינגעֶר האָטִים אִיהם פאַרדרעֶהט, אִין מִיט אֵיין פִים קאָן עֶר נִיט רִיהרִין פִין דעֶנצמאָהלט אָן.

דִי ווײַבּעֶר זאָגִין סִיז אַזאַ אִימרֵיינעֶ זאַך, אַז אַף דעֶר צעֶהנטעֶר שטִיבּ הערט מעֶן דעֶם שלעֶכטִין רֵיח, אַנִימִילט האָט דִי מֵיילנִיטשקִי געֶמִיזט דעֶם גאַנצעֶן טשאָלִינט אַרוֹים ווײַרפִין, ווײַל עֶר האָט געֶשטִינקִין נאָך טײַווילס קויט, עֶס האָט זעֶך שוֹין אַמאָהל גִיטראָפִין, אִין בּאָסִיוּוקעֶ, האָט מעֶן געֶמִיזט אָפּטרעֶטִין דִי שטִיבּ, אִין סִיז גִיוואָרִין אַפִּיסטעֶ שטִיבּ, אַשײַנִינדִיקעֶ דִירה מִיט אַלעֶם, האָט מעֶן געֶמִיזט אַוועֶק ווײַרפִין, דאָס לעֶבִּין אִיז לִיבּ, ווער ווִיל זײַן לעֶבִּין אײַנשטעֶלִין.

שמעֶרִיל טוֹבִיהס׳ אַהֵייסעֶר חָסִיד מִיט נאָך צווֵיי יִונגעֶ לײַט חסִידִים, זעֶנִין אַרִיבּעֶר גִינאַנגִין צִים אַלטִין מאַרקִיל שעֶנקעֶר, ווִיא עֶר זִיצט נעֶבִּיך פאַרזאָרגט, אַגִיטעֶר נאָווִינט ר׳ מאַרקִיל, וואָס זִיצט אִיהרס אַזוֹי אִין עַצבוּת, אִיהר ווייסט אֶפשֶׁר נִיט אַז עַצבוּת אִיז נאָך אַרגעֶר צִי דעֶר שטִיעֶה, נאָר פרעֶהלִיך, נאָר פרעֶהלִיך, קאָן דִי שמוּעה קֵיין שלִיטהֶ נִיט האָבּעֶן, פרעֶהלִיך ר׳ מאַרקִל, אַגִיטן נאָווִינט זאָגִין מִיר חסִידִים אײַך, נאָ וואָס שווײַגט אִיהר.

פּײַ מִיר אִיז גראָד פאַרקעֶהרט זִיפצט מאַרקִיל דעֶר שעֶנקעֶר בּײַ טאָג אִיז נִישט, גאָר נִישט, דִיר נִישט מִיר נִישט, שטִיל שעֶן ווִי גאָט האָט גִיבּאָטִין, נאָר אַז עֶס ווערט נאַכט, טִיהט זעֶך אַקלאָפּעֶרײַ אַגעֶקלִינגעֶרײַ, אַלאַכִין מִיט אַגִיוואָרפעֶרײַ, אַז סִיז אַסכָּנָהֶ אַפִילוּ פִין ווײַטִינס צִי שטעֶהעֶן.

ווייסט אִיהר וואָס מִיר זעֶנִין צִי אײַך געֶקִימִין ר׳ מאַרקִיל זאָגט שמעֶרִיל מִיט דִי אַנדעֶרעֶ צווֵיי חסִידִים אִין אֵיינעֶם אַף אַמאָהל, אִיהר זעֶנט דעֶך אֵיין עֶהרלִיכעֶר יִיד אַפִילוּ נאָר אַיִיד פִין דעֶר אַלטעֶר קאָזאַטשִינעֶ, אָדעֶר פִין דעֶר הײַדעֶמאַטשִינעֶ, אִיהר האָט נִיט קֵיין אַמִינת חֲכָמִים, אִיהר גלייבּט נִיט אִין גִיטעֶ יִידִין. דעֶרִיבּעֶר האָט דִי סִטרעֶ אַחרעֶ (דעֶר טײַוויל) צִי אײַך אִין צִי אײַעֶר שטִיבּ בּפֵירִש אַשלִיטהֶ.

מאַרקִיל ווערט בּרוֹגז וואָס מעֶן רעֶט אַף זײַן שטִיבּ, אִין עֶנטפעֶרט מִיט כַּעס אָט זעֶנט אִיהר אַחָסִיד, האָט זעֶך אִין אײַעֶר שטִיבּ עֶפִּיס אַנדעֶרש אַרגעֶרס גִיטראָפִין, אַמשוּמד האָט בּײַ אײַך חַתוּנהֶ גִיהאַט, נאָ וואָס זעֶנט אִיהר שִילדִיק.

משוּגעֶנעֶר, אִיהר מֵיינט מִיר זעֶנִין געֶקִימִין מִיט אײַך זעֶך קרִיגִין בּפֵירִש (לאַכִין שמעֶרִיל מִיט דִי צווֵיי יִונגעֶ לײַט] קִיק אִיהם נאָר אָן דעֶם אַלטִין מִתנַגֵד, מִיר ווִילִין

אִיהם גִיפֶעלִין פאַר אַפְּרִיָה אַמֶענְש, הָאט עֶר אִיהם אָנגִירֶעט עֶר זָאל מִיט אִיהם פָאהרִין, אִין הָאט אִיהם צִי גִיזָאגט עֲסָקִים צִי גִיבִּין.

אַחוּץ דעֶם זֶענִין אַלֶע רוּסִישֶׁע אָפִיצִירִין כִּמְעַט אַוועֶק צִים חַיִל, וואָס זֶענִין גִישְׁטַאנִין אִין דעֶר מִלְחָמָה הֶעט ווַייט אִין דֵייטשְׁלַאנד, אַקעֶגִין נַאפָּאלִיאָנעֶן, אִיז וועֶניקעֶר גִיוואָרִין דָאס הִין אִין הֶער פָאהרִין פִין רוּסִישֶׁע אָפִיצִירִין, הָאט מֶיכל גִיפָּאלְגט דעֶם קָאמִיסִינֶער חלִיעֶבָּאוו אִין אִיז מִיט אִיהם גִיפָאהרִין צִי דעֶם חַיִל, אַהִין ווִי דִי הָויפּטקוואַטִיר אִיז גִישְׁטַאנִין, ווַי דִיר גְעוֶוינְט לַאהָיהָפָּאלִי.

9.

לַאהָיהָפָּאלִי אִיז אַשְׁטָאט וואָס טרעֶפט זִעך אַלִץ, אַטרִיוואָגֶע אִין אַגְעֶרעֶדִירַיי אִיז פִין נָאך תִּשְׁעָה בְּאָב אָן אִין אַלֶע עֶקִין אִין אִין אַלֶע ווִינקִילִיך אִין שְׁטָאט, פִין מַארקלעֶן דעֶם שֶׁענקעֶר, מַארקִילס שְׁטִיבּ אִיז אַשֶׁענק שְׁטִיבּ, אַשֶׁפַּע שְׁטִיבּ דעֶר גִיטעֶר הַארטעֶר מֶעד אִיז בַּיי מַארקִלִין, דעֶר גִיטֶער אָלִיעֶמבִּיקָאוועֶ בְּרָאמפִּין אִיז בַּיי מַארקלִין, מַארצָאוועֶ בִּיר אִיז בַּיי מַארקלִין, יוּדִין אִין פָּאוועֶרן אַפִילוּ פְּרִיצִים פלעֶגִין בַּיי מַארקלִין אַרַיין צִי געֶהעֶן טרִינקִין, ווִי דעֶר עוֹלָם הָאט גְעשְׁמִיעֶסט הָאט מַארקִיל בְּדֵיעָה נָאך יָמִים טוֹבִים אַווַיינְשֶׁענק אוֹיך צִי מַאכִין, עֶר ווִיל, נָאר פִין אַסוּכָּה אַגִיבָּויעֶטעֶר מַאכִין נָאך סוּכּת אַגְרוֹיסֶע שְׁטִיבּ, פִין פְּרִיצִימס ווֶעגִין אַף אַווַיישֶׁענק.

פְלִיצִים ווֶערט אַגְעשְׁמִיעֶס אִין שְׁטָאט בַּיי מַארקלִין אִין קֶעלֶער הָאט זִעך זַאנַאדִיט אַלִץ, דעֶר עוֹלָם הָאט אָנגִיהוֹיבִּין צִי מַיידִין מַארקִילס שֶׁענק, ווֶער ווִיל זַאטשֶׁעפִּין מִיט אַלִץ, מִיט אַרוּחַ, מִיט אַיין אִימרַיינֶער זַאך, יוּדִין אִין נִיט יוּדִין דעֶרצֶעהלִין זִעך גַאנצֶע מַעֲשִׂיּוֹת פִין מַארקִילס קעֶהלֶער, עֶס קלִינגט דָארטִין מִיט קֵייטִין, אִין פְלִיצִים הֶערט מעֶן אַגִילֶעכטעֶר מִיט אַלַיירִים אַז דִי הָאר גְעהֶען קַאפּוֹיר.

אַטהַייל דעֶרצֶעהלִין אַז אַמְשָׁרוּת בַּיי מַארקלעֶן אִיז נֶזֶק גִיוואָרִין, עֶר הָאט זִעך אַזוֹי דעֶרשְׁרָאקִין בְּשַׁעַת עֶר אִיז גִיגַאנגִין מֶעד צַאפִּין, אַז דָאס מָויל הָאטִים אִיהם פַארקרִימט, הָאט מעֶן אִיהם אַוועֶק גְעפִיהרט צִים טָאטֶער.

אַטהַייל דעֶרצֶעהלִין בְּפֵירוּשׁ הָאט מַארקִיל אַלַיין גִיוואָלט אַבְּרִיָה זַיין אַרָאפּגְעהִן צַאפִּין מֶעד אָדעֶר בִּיר, הָאטִים אַוואָרף גְעטִיהִין מִיט שְׁלֶעפּלִיך אִיהם אַפִּין קָאפּ, אִיז

אויסגילערינט אַרים די רוסישע אָפיצירין זייער גיט רוסיש רעדין, אַביסיל שרײַבען האָט מעיכל גיקאָנט אַף רוסיש, אין ציפער רעכנין אויך, האָט ער דאָס פאַקטאָרסטוואָ געפיהרט ווי אַמענש.

מעיכל האָט אָפגיגיבין אַגישריבינעם חשבון דעם רוסישין יענעראַל וואָס איז דורך גיפאָהרין דורך לאָהיהפאָלי, פין אַלע זאַכין וואָס ער האָט זיינעט וועגען אײַנגעקויפט, דער יענעראַל האָט הנאה גיהאַט, אין האָט מעיכלן גישענקט אַפניף אין צוואָנציקער נאָ בראַט, יאַ דאָוואָליען טאָבאָיו, איין אַנדרער מאַיאָר וואָס איז דורך גיפאָהרין אַקניאַ קאַניינאָוו, האָט מעיכלן גישענקט אַחוץ אַפיניף אין צוואָנצקער, נאָך אַבריטשקע אַגיטע (ווייל ער איז מיט פאָטשט פערד אַוועק גיפאָהרין) מעיכל האָט פאַר דער בריטשקע דעם אַנדערן טאָג ביי איין אַנדערן אָפיציר וואָס האָט גידאַרפט אַזאַ בריטשקע גינעהמין הינדערט רובל.

אַזוי איזיס גיגאַנגין אין גיגאַנגין מעיכלן זייער גיט, אין לאָהיהפאָלי אַלע קרעמירס האָבין גידאַרפט מעיכלס לאַסקע, אין האָבין איהם גיחנפיט, ער זאָל צי זיי קימין מיט די אָפיצירין קויפין, מעיכל הייסט שוין ניט מעיכל בעלפער, ניט מעיכל מַצבה, ניט מעיכל פאַקטער חלילה, מעיכל דער מאַסקוויטירשיר ריפט מען איהם, צעמאָהל איז מעיכל אַליין אָן דעם אָפיציר גיגאַנגען מיט טויזענטער רובל אַסיגנאַציעס צישען די קרעמערס אײַנקויפין סחורות פין די אָפיצירינס וועגין, האָט מען איהם אָנגיהויבין צי ריפין ר׳ מעיכל, זייַטשע מוחל קימט צי מיר.

בײַם גרויסין עושר ר׳ גַבריאל גיטילים פלעגט מעיכל דער מאַסקוויטירשער אָפט קימין חַלפנין אַסיגנאַציעס אַף רענדליך אָדער אַף קערבליך, האָט איהם ר׳ גַבריאל אַליין גיבעטין זעצט אײַך ר׳ מעיכל, גיטילע, גיב אַריין בראָמפין מיט לעקיך, זיי מכַבד ר׳ מעיכלין, חלעבין אַגרויסער בריה, אַזאַ יאָהר זאָל איך האָבין.

ביי אַחליף האָט מעיכל גינעהמין ביי גבריאל גיטילים אַפיפציקער אַמאָהל, חוץ וואָס דער אָפיציר האָט איהם גיגיבין בראַטיעץ, וואָט טיבע, יזאַ טרוד.

איברן זימער האָט זעך מעיכל וואָיל באַקלייט, אין האָט נאָך גיהאַט מזומן אפשר ביז טויזענט רובל אין קעשינע.

ערשט פאַר ראָש השנה איז דורך גיפאָהרין איין אָפיציר חליעבאָוו, וואָס איז גיוועזין אַקאָמיסינער ביים חיל, ער איז גיפאָהרין צי דער רוסישער הויפט קוואַטיר, דאָרט ביי פראָוויאַנט מאַגאַזאַנים צי זיין אַסמאָטריטיל (אַמאַגאַזיניער) אין מעיכל איז

איהם, ער פאטשט איהם ווען ער האט חשק, וידלין אין שעלטין איז פראסט אמנהג ויד שעלמא, זיד הונצוואט, הייסט אזוי ווי ר׳-קרוב, אפאקטער וואס דרעהט זעך ארים אפוילישין פריץ, הערט פין איהם נאך גרעבירע ווערטער פיאס, פאביעגני נא זארא־ אציה ביי דער פיאה אדער ביי דער באָרד, איז אקאטאוויסיל, אין אז ער צאהלט איהם פאר דער טרחא, טיהט ער דעם גילדין אוואַרף אף דער ערד נא מאש הונצוואט, אועליכם צי קאנין דערליידין, מיז מען טאקע זיין גאר אנידריקער מענש, אשוכר אהילטיי.

אינזערע רוסישע שררהת זענין גאר אנדערע מענשין, דאס פוילישע ביטערע אנגעבלאזינע גדלות, די פוילישע גאוה איז ביים רוס" ניט דא, ארום אז ער קאן זעך מיט אידין, אין האט מיט איהם עטליכע מאהל צי טיהין, ריפט ער איהם בראט אדער בראטיעץ, אפילו דער פאקטער אז ער דיענט איהם גיטריי, האט ער איהם ליב (יאה, יאה, טאקע פראסטע ליב) ווער שמיעסט, אז ער ווערט באקאנט דורך משא ומתן מיט אידישין סוחר אצייט לאנג, ווערט דער גרעסטער רוס דעם יודינס גיטערפריינט (יאה יאה אגיטער פריינט).

דער אלטער פאקטער אין לאהיהפאלי מעשיל, האט נאר גיטויגט צי פוילישע פריצים, ער האט גיקאנט גיט פוליש רעדין, אין איז תמיד מבוזה גיוועזין אין שטאט, אקבצין אוודאי כל ימיו, מכל שכן אף דער עלטער, איז ער מעהר שוכר גיוועזין ווי ניכטירין, דאס חורש איז גיוועזין, אז דער מעשיל פאקטער האט נאר פאלייקין ליב גיהאט, רוסין האט ער ניט גיקאנט אנקיקין, ער וואלט זעך גיקאנט לאזין דערהרגנין פאר אפאלייק, אף רוסין האט ער גירעט אלע מאוסה ווערטער, אין האט ניט אווארט רוסיש גיקאנט רעדין.

דעריבער אז מיכל בעהלפער מיכל מצבה איז גיווארין אפאקטער נאר ביי די רוסישע אפיצירין, האטים דעם מעשלין דעם אלטין פאקטער גאר ניט גיהארט, מעשיל האט פין איהם גישפעט מיט די רוסין אין איינעם.

די צייט וואס מיכל איז גיווארין אפאקטער איז גראד גיוועזין מלחמה צייט, ווען דער גרויסער נאפאליאן איז מיט פראנצעזיש חיל ארייין קיין רוסלאנד, דערנצמאהלט זענין רוסישע אפיצירין היך אין הער גיפאהרין דורך לאהיהפאלי, אפראווארנע יונגער יונג, אשענער יונג אקליגער יונג מיכל, האט אלע די אפיצירין באדיענט ווי צים בעסטין, אין האט ביי זיי אין ארים זיי אלע טאן פארדיענט געלט, ער האט זעך

אִין דִי יוּדִישֶׁע שְׁטֶעט אִיז אַפַּאקטֶער זֵייעֶר מְבוּזֶה, אַפַּאקטֶער אִיז נָאר עֶפִּיס עֶפִּיס וועֶנִיקֶער מְבוּזֶה פִינִים הִיצִיל, פַאר וואָס אִיז אַפַּאקטֶער מְבוּזֶה, ווייל ווִי דעֶר עוֹלָם זָאגְט נִיט דִי מְלָאכָה אִיז מְבַזֶה דעֶם מעֶנְשִׁין, נַיין, דעֶר מעֶנְשׁ אִיז מְבַזֶה דִי מְלָאכָה, אַפַּאקטֶער אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַגִינְעֶטְהִיקֶער מעֶנְשׁ, פַאר אַפְרעֶמְדִין פָּרִיץ וואָס קִימְט אִין שְׁטָאט אַרַיין אִין דַארְף עֶפִּיס אַיינְקוֹיפִין, אָדעֶר זעֶך לָאזִין בַּיי אַשְׁנַיידעֶר מַלְבּוּשִׁים מַאכִין, אָדעֶר צִי פַארְקוֹיפִין תְּבוּאָה פִין זַיינֶע גִיטעֶר, ווייסְט עֶר דעֶך נִיט ווִי הִין צִי געֶהִין, מִיט וועֶמִין צִי הַאנְדְלִין, וְכַדוֹמֶה, וְכַדוֹמֶה.

אַהֵיימִישֶׁער מעֶנְשׁ אַז עֶר ווייזְט דעֶם פְרעֶמְדִין, אִין דִינְעֶנְט אִיהְם גִיטְרַיי, אִיז עֶר דעֶך ווֶערְטָה מעֶן זָאל אִיהְם צָאהְלִין פַאר זַיין טְרַחָה אִין טַאקֶע צִי דַאנְקֶען פַאר דעֶר טוֹבָה וואָס עֶר הָאט אַלְץ אַזוֹי גִיט פַארְזָארְגְט.

אִין דַייטְשְׁלַאנְד אִין אִין אַלֶע מְדִינוֹת אִין דעֶר גְרוֹיסֶער וועֶלְט, רִיפְט מעֶן אַזַא פַּאקְטֶער קָאמִיסִינֶער אָדעֶר נָאך אַבְּכָבוֹדֶרְן נָאמִין.

נָאר דִי פַּאקְטוֹירִים אִין דִי יוּדִישֶׁע שְׁטֶעט, זעֶנִין שִׁכּוֹרִים הִילְטַייעֶס, תָּמִיד, נִיט עֶהְרְלִיך, זֵיי הָאבִּין נִיט אִין זִין עֶהְרְלִיך צִי בַּאדִינְעֶן דעֶם פְרעֶמְדִין מעֶנְשִׁין, נַיין, אָפְּצִינַארִין, פַאלְשֶׁע שְׁבוּעוֹת אַפִּין שָׁאק פְלִיהְט אוֹיסִין מָויל, פַארְצֶעהְן גְרָאשִׁין, דעֶר פַּאקְטֶער אִיז בַּיי זעֶך אַלֵיין מְבוּזֶה, אַז עֶר טִיהְט אַלֶע פַּאסְקִידְנֶע עֲבוֹדוֹת פַאר אַגִילְדִין, אִין עֶר פָּאזְווָאלִיט דעֶרִיבֶּער דעֶם פָּרִיץ-ס׳ קְנֶעכְט אַפִילוּ, זָאל אִיהְם שְׁפַּייעֶן אִין פָּנִים אַרַיין, אַבִּי דעֶר נָאך זָאל עֶר אִיהְם גִיבִּין אַטְרִינְק בְּרָאמְפִּין.

פַאר וואָס דִי זַאך אִיז אַזוֹי, מָאג דעֶר טַעַם זַיין, ווייל אַפּוֹילִישֶׁער פָּרִיץ אִיז לְרוֹב (מעֶן קָאן נִיט זָאגִין, אַלֶע פְּרִיצִים, סִיז דָא עֶטְלִיכֶע בֶּעסֶערֶע אוֹיך) מִיט גְרוֹיס גַדְלוּת אָנְגעֶשְׁפִּיגִיווִיט, נָאר עֶר, אִיז בַּיי זעֶך אַמעֶנְשׁ אַף דעֶר וועֶלְט, דעֶר פָּאוועֶר אִיז בַּיי אִיהְם גְלַייך מִיט אַפְעֶרְד מִיט אַאָקְס אָדעֶר מִיט אַקִיה, פָּאוועֶרְן זעֶנִין בַּאשַׁאפֶען גִיוואָרִין פִינִים פָּרִיץ ס׳ אַרְבִּיט ווֶעגִין, יוּדִין זעֶנִין דעֶך נִיט זַיינֶע עֲבָדִים, הַאלְט עֶר זֵיי פַאר כֵּלִים, אִין זעֶנִין אוֹיך נָאר פִינִים פָּרִיץ-ס׳ ווֶעגִין דָא אַף דעֶר וועֶלְט, טַאקֶע ווֶען דעֶר פָּרִיץ דַארְף דעֶם רַייכִין יוּדִינְס לַאסְקֶע, עֶר זָאל אִיהְם געֶלְט אַנְטְלַייעֶן, אִיז עֶר בַּיי אִיהְם ווִיא דעֶר שִׁיסְטֶער, עֶר מִיז אִיהְם הָאבִּין ווייל עֶר דַארְף שְׁטִיווִיל, הָאט עֶר שׁוֹין דִי שְׁטִיווִיל אִיז דעֶר שִׁיסְטֶער אַשִׁיסְטֶער; נִיט מעֶהְר, מִכָּל שֶׁכֵּן מִכָּל שֶׁכֵּן זַיין קְרעֶטְשְׁמַאר, אִין דעֶר קְרעֶטְמֶער דעֶר יוּד, אִיז בַּיי דעֶם בַּעַל גַאוָה פְּרִיץ מְבוּזֶה אַרְגֶער ווִיא אַגַאסִין הִינְט, עֶר שְׁפֶּעט פִין אִיהְם, עֶר מַאכְט פִין אִיהְם חוֹזִיק, עֶר שְׁלָאגְט

ווֶעל איךְ מִיט-נֶעהמִין אַקלֵיין שטעֶרינטִיכִילעֶ, אַזאַ פאַרחַזִירטעֶר קאָפּ ווֶעט פִּיעֶל ווִיסִין, אַבִּי אַשטעֶרינטִיכִיל, האָט עֶר אָבּעֶר מוֹרא גִיהַאט, טאָמעֶר האָט דעֶר משוּמד יאָה אַסִימִן אִין זַיין מַאמעֶס שטעֶרִינטִיכִיל, ווֶעט מעֶן אִיהם נאָר צעֶרֵייצִין עֶר זאָל שוֹין נִיט ווֶעלִין גִיבִּין קֵיין גֵט בּשוּם אוֹפן נִיט, אִיז געֶבּלִיבִּין, עֶר אַהרן שַמשׁ זאָל מִיט נעֶהמִין דאָס גאַנצעֶ שטעֶרִינטִיכִיל ווִיא עֶס אִיז, מִמָהנפשֶך, אוֹיבּ עֶס ווֶעט קאָנִין געֶהן אַקלֵיינס אִיהם צִי גִיבִּין, קאָן מעֶן דעֶך אִין מִישעֶלאַווקעֶ אִינִים שטעֶטִיל אַקלַיין שטעֶרִינטִיכִיל בּאַקִימִין, האַ.

געֶטראָפִין, נַפתָלִקִי האָט זֵייעֶר גִיט גִיקאָנט דעֶר מִיטעֶרס שטעֶרִינטִיכִיל, אִין אַז מעֶן האָט גִימַאכט אַפּרִיוו אִינטעֶרצִירִיקִין אֵיין אַנדעֶר שטעֶרִינטִיכִיל, האָט עֶר גִישאָלטִין מִיט דעֶר פּאַסקִידנעֶר סאָלדאַטצקִיר קללָה, אִין האָט גִיזאָגט, אַז עֶר האָט אַסִימִן אִין זַיין מַאמעֶ בּרַיינה דאָבּרִישִים שטעֶרִינטִיכִיל.

האָט מעֶן דאָס גרוֹיסעֶ שטעֶרִינטִיכִיל געֶמִיזט בּרעֶנגִין צִים מִישעֶלאָווקעֶר דַיִין (קֵיין רָב אִיז נִיט דאָ צִי צַייטִין אִין קֵיין שטאָט אִין רוּסִיש פּוֹילִין, זִינט חסִידִישעֶ רֶבִּים ועֶגִין גִיוואָרִין אַמאָדעֶ, האָט אֵיין רֶבִּי אַזעֶלִיכעֶר עֶטלִיכעֶ שטעֶט אִינטעֶר זעֶך), דאָס שטעֶרִינטִיכִיל (אִין דעֶר קַאפִּיטאַן פִין דעֶר ראָטעֶ אִיז אוֹיך גִיוועֶזִין בּיים דַיִין) ווייַסט נַפתָלִקִי, האָט אַסִימן איך האָבּ אִים ראש הַשָנה אִין שטאָט דרַיי פּעֶרִיל אַרוֹיס גִיגַנבִיט אֵיידעֶר דִי מַאמעֶ האָטִים אָנגעֶטִיהִין צִי געֶהן אִין שִיל אַרַיין.

דִיצעֶהן רעֶנדלִיךְ האָט מעֶן אִיהם יאָה אִיבּעֶר גִיבִּיטִין, גִיגִיבִּין קֵלִים, אִיז גִיוועֶזִין אַף הוֹצָאוֹת הַגֵט, וואָס נַפתָלִקִי רִיצקאָ פָּויקעֶר האָט דוּרך אַשלִיח גִיגִיבִּין שֵיינצִין.

אַהרן שַמשׁ אִיז אַהֵיים געֶקִימִין פאַר פֵּסח דרַיי טאָג, פאַרבִּיטעֶרט אָפּגִיהאָרִיווִיט פִּינִים ווֶעג, אִין שָרה האָט געֶוויינט אַף אִיהם קִיקִינדִיק.

שֵיינצִין האָט דעֶר שלִיח אִיבּעֶר גִיגִיבִּין בּיים דַיִין אִין לאָהִידָהפּאָלִי תֵיכּף דעֶם גֵט, אִין דִי שטאָט האָט גִיהַאט אַגאַנצִין פֶּסח פִין עֶפִּים צִי שמִיסִין.

8.

מֶיכל בּעֶלפעֶר שטעֶהט ווִי אַמַצֵבה מֵיינט אִיהר, נֵיין, מֶיכל אִיז גִיוואָרִין אַפאַקטעֶר אִין לאָהִידָהפּאָלִי אִין האָט זעֶך גִיוואָרפִין ווִי אַלעֶבִּידִיקעֶר אַף אַלעֶ זַייטִין, אִין חאָט אָנגִיהוֹיבִּין, בּיסלִיך ווַייס צִי פאַרדִיעֶנעֶן געֶלט.

אַלע לויפערײַ מיט שיטין געלט ניט גיהאָלפין, נפתּלקי איז גיוואָרין גישמדט אין איז גיוואָרין אַסאָלדאַט אַפּויקער, געלט גיבּין האָט חאָטשע דאָס גיפּועלט, אַז ניט דאָ אין דעם פּאָלק האָט מען נפתּלקין אַרײַן גיגיבּין, אין איין אַנדערן פּאָלק, מיט צעהן מײַלין ווייטער איז גישטאַנין איין אַנדערער פּאָלק, אַהין האָט מען איהם געשיקט, בּײַלצי איז בּרוך השם גרינג איבּער געקימין, זיא איז גילעגין גיוואָרין מיט אַיונגיל, וואָס הייסט נאָך דעם אָסטרער מגיד.

נאָ ווי זאָגט מען עפּיס אַפּילו טאַטע ומאַמע, האָבּין מיט אַקינד קיין חופּה קדושין ניט גינעהמין, פין די אויגין, פּינים האַרצין, אין נימיעווקי פאַרגעסט מען נפתּלקין.

שיינצי האָט דעך אָבער יאָה חופּה קדושין גינעהמין מיט דעם פּויקער, מיט דעם גישמדטען נפתּלקין, ליגט זיא אַפין פּנים אין וויינט, בּיטער, זיא מיז נעהמין אַגט בּײַ דעם פּויקער.

אהרן שמשׂ האָט מיט-גינעהמין פין קהל בּריוויליך צי אַלע קהלנים פין די שטעט וויא מען זאָגט דאָרטין שטעהט דער פּאָלק ווי דער גישמדטער נפתּלקי איז אַפּויקער די עטליכע רענדליך וואָס שיינצי האָט, גיבּט זיא דעם פאָטער אַף הוצאות נאָך פּורים זאָל ער פאָהרין צי בּרענגין אַגט.

אהרן שמשׂ אַרחמנית נעבּיך (נעבּיך האָט מען זעהר ליב צי זאָגין) מיז אין די גרויסע סליאָטים בּלאָטים נאָך פּורים פּאָהרין, בּיז ער האָט אָפּגעזיכט דעם גיוועזינעם נפתּלקי (דער וואָס הייסט היינט ריצקאָ) אין אַשטעטיל מישעלאָווקע שטעהט ער מיט אַראָטע.

יודין בּני רחמנא האָבּין זעך אין מישעלאָווקע אָנגינעהמין פאַר דעם אהרן שמשׂ, בּפרט אַז מען האָט דעם מישעלאָווקער גלח גישענקט אַרויט רענדיל, האָט ער גיזאָגט יאָה ער מיז דאָס פּריקלענטע (פּארפּליכטע) יודישע ווייבּ, גטן.

די אָפּיציריו פין דער ראָטע האָבּען אויס-געפרעגט ריצקאָ פּויקער וויא אַזוי די מעשה איז גיוועזין, האָט ער זיי אויס-גיזאָגט פין דעם גרויסין שטערינטיכיל, אין פין די צעהן רויטע רענדליך וואָס ער האָט שיינצין גיגיבּין.

האָבּין איהם די אָפּיצירין גילערינט, ער זאָל זאָגין יאָה איך גיבּ אַגט, נאָר זיא זאָל מיר אָפּגיבּין דאָס שטערינטיכיל אין די צעהן רויטע רענדליך.

אהרן שמשׂ מיז צירק פאָהרין צוועליף מײַל, אין בּרענגט דאָס שטערינטיכיל מיט צעהן רענדליך, אַפּראָסטע יודיל אַפּילו אהרן שמשׂ איז גיפאַלין אַפין שׂכל, אפשר

הָאט גִילָאזט אִינִים קַאפִּיטַאנס קַאנצעֶלַארִיעֶ אָנשרַייבּעֶן אַפּאַפִּיר ווִי מעֶן דאַרף צִי אַזאַ זַאך, נַפְתָּלִקִי הָאט זעֶך מִיט יִדִישעֶ אותִיות אַזוי ווִי געֶחַתמִיט, דעֶר גַלח הָאט גִיהַייסִין צווַיי אָפִּיצִירִין פאַר עֵדוּת זעֶך חַתמִנִין, אַחוּץ דעֶם הָאט מעֶן נָאך אַפּאַפִּיר אָנגעֶשרִיבּעֶן, אַז נַפְתָּלִקִי בּעֶט זעֶך פאַר אָפּוֹיקעֶר צִי געֶהן דִיעֶנעֶן דעֶם קַייסעֶר, נַפְתָּלִקִי הָאט זעֶך נָאך אַמאָהל אַזוי ווִי געֶחַתמִיט אַף יִדִיש, דִי בּיידעֶ פַּאפִּירִין (פּרָאשעֶנִיעֶס) הָאט מעֶן עֶרשט גִידַארפט ווַייטעֶר אַוועֶק שִיקִין צִי ווּעֶמִין אִיטלִיכס קעֶהר, בִּיז דִי רעֶזָלִיצִיעֶס ווּעֶלִין אָנקִימִין, הָאט דעֶר גַלח אָן געֶזָאגט, מעֶן זָאל דָאס הַאלטִין בּסוד, אַחוּץ דעֶם הָאט דעֶר גַלח געֶגלַייבּט דעֶם קַאפּטַאן פִין דעֶר רָאטעֶ, עֶר זָאל הַשגָחה הָאבִּין נַפְתָּלִקִי זָאל נִיט עֶרגִיץ אַוועֶק לוֹיפִין.

דרַיי ווָאכִין הָאט דעֶר קַאפּטַאן אַלעֶ טָאג גִיזעֶהן נַפְתָּלקִין בּיי זעֶך אִין בּיי דִי פּוֹיקעֶרס ווִי עֶר לעֶרִינט זעֶך פּוֹיקִין, עֶרשט אַף דעֶר פעֶרטעֶר ווָאך, אַרִים דִיעֶנסטִיק הָאט דעֶר קַאפִּיטַאן אָנגִיהוֹיבִּין צִי פרעֶגִין פאַר וואָס זעֶהט מעֶן נַפְתָּלקִין נִישט, ווִי אִיז נַפְתָּלִקִי, ווִי אִיז אִינזעֶר נַפְתָּלִקִי.

הָאט עֶר גִיווָאהר גִיווָארִין, אַז נַפְתָּלִקִי הָאט גָאר חַתוּנה אִין לאָהִיהָפָּאלִי, דעֶרִיבּעֶר הָאט עֶר געֶמִיזט פָאהרִין אָפּזִיכִין דעֶם קַאפִּיטַאן ספּרַאוונִיק ווִיא עֶר אִיז אַרִים געֶפָאהרִין אִין דִי דעֶרפעֶר פּעֶקלִיך חַאפִּין, אָדעֶר אַנדעֶרעֶ עֲסקִים, בִּיז דעֶר קַאפִּיטַאן הָאט אִיהם עֶרשט פרַייטִיק פַארנַאכט געֶפִינעֶן אִין הָאט אִיהם אַיינגִיגִיבִּין אַף פַּאפִּיר אִין בּאַשרִיבִּין דִי גַאנצעֶ זַאך, אַזעֶלִיכעֶ צווַיי הַארבּעֶ זַאכִין אִין אַיינִים, אִי שַמדן אִי קרוֹינס דִיעֶנסט (ווָאיעֶנעֶ סלָוזבַּא) דָא קָאן אַקַאפִּיטַאן ספּרַאווּנִיק נִיט מַאכִין קַיין מלָאכוֹת, עֶר אִיז גלַייך גִיפָאהרִין קַיין לאָהִיהָפָּאלִי, אִין הָאט גִיט פַארחַאפּט אַיידעֶר זַיינווִילעֶ הָאט גִיקָאנט אָן קִימִין מִיט אַיין עֵצה, אֶפשר מִיט אַיין שָעה שפּעֶטעֶר, ווָאלט מעֶן גִיווּעֶן גִיקָאנט אַנטלוֹיפִין מִיט נַפְתָּלקִין אִיבּעֶר דעֶר גרעֶנִיץ צִי, זַיינווִילעֶ הָאט אָבּעֶר פַארנַאכט עֶרשט גִיווָאהר גִיווָארִין אִין דָארף פִין דעֶר גַאנצעֶר מַעשֶה, ווִי ווַייט עֶר הָאט גִיקָאנט אִיז עֶר גִילָאפִין מִיט דִי פּעֶרד, סִיז אַזוי דָאס אִימגלִיק גִיווּעֶזִין, דעֶר ספּרָאווּנִיק זָאל פַארחַאפִּין נַפְתָּלקִין.

שַיינצִי אִיז אַמַיידִיל אַיין אֵשת אִיש, ווּעֶמִיס ווַייבּ, אַפּוֹיקעֶרס, דָאס נַדן געֶלט ווּעֶט מעֶן אִיהר נִיט אַרוֹיס גִיבִּין, נָאר דָאס גרוֹיסעֶ ווָאִילעֶ טהַייעֶרעֶ שטעֶרִינטִיכִיל וואָס זִיא אִיז אַגַאנצִין שַבָּת גִיגַאנגִין הוֹיך גִישלַייעֶרט, אִיז אִיהרס דַאכט זעֶך, אַנָא לעֶנִיט ווַייטעֶר.

גָאט שטרָאפט מִיט אַיין הַאנט, אִין מִיט דעֶר אַנדרעֶר בּעֶנשט עֶר, טַאקעֶ הָאבִּין

דער קאַפּיטאַן ספּראַוונִיק האָט תּיכּף אַחאַפּ געטיהין נַפתָּלקין, דריי סאָלדאַטין זאָלין איהם היטין, אין צוויי דיסאַטניקים זאָלין צים אויף נעהמין נַפתָּלקים זאַכין.

וואָס טיהט זעך דאָ, וואָס איז דאָ פּאַר אַפּליצימע זאַך.

דער קאַפּיטאַן ספּראַוונִיק נעמט טאַקע שטילערהייט געלט בּיי בּריינה דאָבּרישין אין זאָגט צי צי העלפין, נאָר נַפתָּלקין מיז ער אַוועק פיהרין מיט זעך.

חַלִיש הין, חַלִיש הער, בּרעך די הענט, וויין, יאָמער, נַפתָּלקין האָט מען מיט אַלע זיינע זאַכין אַוועק געפיהרט, וויהין? אַטהייל זאָגין אין גאָראָד אַריין, אַטהייל זאָגין גאָר אין דער גוּבּערני גלייך קיין זיטאָמער, אין אפשר קיין קאַמיניץ, אַטהייל זאָגין צוריק אין דאָרף אַריין.

אַגערידער, אַגעפּילדער, אַגעשישקעריי, אַגעשמיסעריי, וואָס, וויסט מען נישט, לאהיהָהפּאָלי איז אַשטאָט אין לאהיהָהפּאָלי טרעפט זעך אַלץ ווילדע זאַכין, די שטאָט האָט עפּים נייעם אַלע מאָהל.

נאָך בּיי נאַכט איז זיינווילע מיטן שווער אַוועק געפאָהרין צוריק אין דאָרף אַריין, בּריינה דאָבּריש האָט מיטגינעהמין דעם קהלני טוביה בּילענקים אף אַנגעדינגינער פיהר אַוועק גיפאָהרין אַף אַגאַנצער נאַכט אין גאָראָד אַריין, פין דאָרטין וועט מען זעהען, אפשר וועט מען מיזין וויטער פאָהרין.

דער גרעסטער סוד שבּסודות קימט אַרויס נאָך נאַן חדשים, די יודינה וועט גילעגין אַז זיא טראָגט דעם סוד נאַן חדשים, דעם סוד פין נַפתָּלקים אַוועק פיהרין, האָט מען דעם אַנדערן טאָג גיוואָהר גיוואָרין פין זכריהן דעם חשוב בּיים קאַפּיטאַן ספּראַוונִיק, ער האָטים איהם אָבּער ערשט אויסגיזאָגט, אַז מען האָט נַפתָּלקין שוין גיהאַט אַוועק געפיהרט מיט סאָלדאַטין.

נַפתָּלקי פלעגט צי זיין בּיים קאַפּיטאַן פין דער ראָטע וואָס שטעהען אין נימיעוויקי אַהיימישער, אין האָט אַלע . . . . שירתן געטיהין . . . . איז דער גלח פינים פּאָלק פאַר פיר וואָכין גיוועזין צי גאַסט בּיי דעם קאַפּיטאַן, אין האָט אָנגיהויבּין צי שמיסין מיט נַפתָּלקין ער זאָל זעך שמדין, האָט נַפתָּלקי גיזאָגט יאָה, ער וויל זעך שמדין, נאָר מיט אַתּנאַי ער זאָל ווערין אבּאַראַנטשיק*) (אַפּויקער), זייער גיט, דער גלח

(* אין בּאַלטע האָט זעך אַיינער מר"... ר"... אַשוואָגיריל, אויך נאָר גישמדט רעריבּער כדי ער זאָל קאָנין ווערין אַבּאַרבּאַנטשיק, וויל דענצמאָהל האָט מען קיין יודישע רעקרוטין נאָך ניט גינעהמין, אין ער האָט חשק גיהאָט צי אַפּויק.

הָאט עֶר אִיבֶּער גִילָאזט אַרויס רעֶנדִיל אַנִידִיזִנע, אִין הָאט אִיהר מִיט גִיטֶע ווערטעֶר גִיזָאגט דִיא ווֶעסט בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִיט הָאבִּין וואָס צִי זָארגִין, אַבֶּן יָחִידִים אַוויַיבּ בַּיי אַזאַ גרויס עֲשִׁירוּת ווֶעט דִיר אַוודַאי גִיט זַיין, פרַייט אַיךְ דָא גֶעזִינטעֶרהַייט, זִינטִיק אי"ה אַז אִיהר ווֶעט אַלֶע אַרויס קִימִין מִיטְן פָּארפָאלג צִי אִינז, ווֶעלִין מִיר עֶרשׁט אַיךְ אִין נִימִיעֶווקִי מַאכִין אַחַתוּנָה, זַייט גֶעזִינט, זַייטשֶׁע מִיר טַאקֶע גֶעזִינט.

אַהרן שַׁמָשׁ אִין דָאס ווַייבּ אִין שַׁיינצִי, הָאבִּין נִיט גִיקָאנט גֶענִיג אִיהם אָנווִינשִׁיוִין זַיין ווַייבּ זָאל גרִינג אִיבֶּערקִימִין גֶעזִינטעֶרהַייט, פָאהרט גֶעזִינט.

7.

דָאנעֶרשטִיק אִיז גִיוועֶזִין אַחָתנמָאהל, גִיטַאנצט אִין גֶעהִילִיעֶט אִין לְאָהִיהָפָאלִי, דָוִד סמִיק הָאט גִימַאכט אַף אָרִימֶע לַייט אִים דָאנִירשׁטִיק, גֶעלט אִין עֶסִין אַז מֶען גִיבּט אָרִימֶע לַייט, ווִינשִׁיוועֶן זַיי אַלדעֶס גִיטץ.

פרַייטִיק אִיז גִיוועֶזִין דִי חוּפָּה, אַוודַאי גִיטַאנצט, מַזָל טוֹב מַזָל טוֹב פִין אַלֶע זַייטִין, נָאר אַף שַׁבַּת צִי נַאכץ זָאל זַיין דִי גרויסֶע ווֶעטשִׁירֶע, ווַייל שַׁבָּת אִיז שַׁבָּת, ר' טוֹבִיָה אִין ר' שמעֶרִיל טוֹבִיהס הָאבִּין אַלץ אָנגִיגרַייט.

דָאס פָּארפָאלג טָאהר מֶען נִיט פִיהרִין בַּאלעֶגִין. ווַייל דִי חַתוּנָה אִיז גֶעקִימִין אִים-גִירעֶכט, מִיר זֶענִין דעֶך דרויף יִידִין . . .

שַׁבַּת צִי נַאכץ, קוים הָאט מֶען הַבְדָּלָה גִימַאכט, אִיז פלִיצִים זַיינווִילֶע אָנגעֶקִימִין צִי לויפִין, גֶעטרִיבִּין דִי פעֶרד צִי דעֶר פגִירֶה, אִין אִיז אַרַיין גִילָאפִין זעֶך סוֹדִין מִיט דעֶם שוועֶר אִין מִיט דעֶר שווִיגעֶר מִיט אַפִינצטעֶרעֶר הַוָיָה.

אַלֶע דרַיי קִימִין אַרויס פִינִים אַלקִיר ווִיא מֶען הָאט זעֶך גֶעסוֹדִיט, אִין מֶען ווַייסט נָאךְ נִיט וואָס פאַר אַעֵצָה מֶען זָאל זעֶך גִיבִּין, אוֹיבּ מֶען זָאל ר' טוֹבִיהן דעֶם קָהַלְנִי פרעֶגִין, אָדעֶר עֶמִיצִין אַנדעֶרש אַגעֶנִיטהִירעֶן פִין אִיהם, מִכּוֹח אַיין עֵצָה בֶּעטִין, אַלֶע דרַיי זֶענִין טרָויִרִיק, אִין ווִי מְבוּלְבָּל.

קִימט פלִיצִים אַרַיין דעֶר קַאפִּיטַאן ספּרַאווּנִיק, מִיט דִיסַאטנִיקִים, אִין מִיט סָאלדַאטעֶן הָאט מֶען אַרִים גִישטעֶלט שמעֶרִילס שטִיבּ, דִי טִיהרִין זֶענִין אַלֶע פַארשטעֶלט קַיינִים נִיט אַרויס צִי לָאזִין.

אַמשוּגָענֶע וועלט, אַגראָבּער יוּנג דָוִד סמיק, עֶר איז דעך ווי אַשטימעֶ בּהֵמה אַשעֶן מיידיל בּיי אַשמשׂ איז בּיי איהם אויך אַגיטעֶר שוּדך, נאָר זיא, זיא, זיא די טוֹיזעֶנט רוּחתניקעֶ בּריינה דאָבּריש, זיא פיהרט דעך די וועלט. וואָס איז אין איהר אַריין פאַר אַשגָעוֹן, אַמעֶהר פרעֶג דעֶם קליגין זייַנווילעֶ עֶר איז דעך אַתּכשיט אַלמדן אין אַפּרימעֶר זאָגט מעֶן אַז עֶר אַליין האָט געֶפיהרט דעֶם חָתן בּיי דעֶר האַנט צים שַמשׂ מיידיל, חאַ חאַ חאַ, געֶה קלעֶהר אַוועֶלט, וועֶר ווייסט . . . לאָס איך בּעֶסעֶר שווייַגין, וואָס דעֶן.

די אַלעֶ גירעֶדיכצין, מיט די אַלעֶ קַשות, ווי מיר ווייסין זעֶנין ניט קָשה, דעֶם תּריץ ווייסט זייַנווילעֶ, נאָר עֶר וויל בּעֶסעֶר די קַשות זאָלין בּלייבּין, איידעֶר עֶר זאָל אויס זאָגין דעֶם בּיטעֶרן תּריץ אַז נַפתָּלקי איז קיין שיקסעֶ אויך ניט וועֶרטה, נאָר אַז מעֶן וועֶט איהם חַתונה מאַכין מיט אַזאַ שעֶן מיידיל, אין מעֶן וועֶט זיא געֶהמין אַף אייבּיקעֶ קעֶסט אין דאָרף אַריין, וועֶט נַפתָּלקי וועֶרין אַסטאַטיק, ווייַל זיא וועֶט איהם אין דעֶרהייַם צי האַלטין.

דיעֶנסטיק אַז די זיפּיצליך האָט דעֶר שנייַדעֶר אָפּגיבּראַכט, אין געֶלעֶ פלידירין מיט קנעֶפּילין אויך, אין קאָזלאָווינעֶ שיך מיט שפּיצעֶן וואָילעֶ, מיט נאָך אַסויבּלין היטיל דעֶרצי, אין דעֶר כַּלֶה אַשפּיגיל, מיט קראָם זעֶקליך, אין סיטקים אין געֶלעֶ יאַמפּעֶרקילייך אין אַבּריסטיכיל מיט שפּאַניר-גאָלד אַף כַּלֶה מַתָּנות איז אַלץ פּאַרטיק גיוואָרין, איז זייַנווילעֶ אַוועֶק גיפאָהרין צוריק אין דאָרף אַריין, דאָ האָט עֶר גיבּעֶטין ר׳ טוביהֶ בּילעֶנקים מיט שמעֶריל טוביהס זיי זאָלין מישטריווין די חַתונה, פרייַטיג זאָל זייַן די חוּפּה, דעֶם שוועֶר אין די שוויגעֶר האָט עֶר גיבּעֶטין, זיי זאָלין פאָלגין טוביהן אין שמעֶרלין מיט אַלעֶ זאַכין, גלייַך ווי איהם אַליין, דָוִד סמיק האָט גישאָקילט מיטן קאָפּ יאָה אין האָט גיזאָגט (דאָס עֶרשטעֶ מאָהל וואָס מעֶן העֶרט פין איהם אַוואָרט) אַסייַנינדיקעֶ כַּלֶה, אַמאוּשר חָשן ניסט קָסהֶ.

בּריינה דאָבּריש האָט צי גיזאָגט פאָהר געֶזינט, צאַנצעֶלאָמיש וועֶל איך חַשונה מאַכין מייַן בֶּן יָחיד, צאַנצילאָמיש אַסעֶנים דאַנק דיר זייַנווילעֶ, זעֶה צאַנצילאָמיש די האַדאַיש זאָלין די אָקשין פּיליווין, איך פאָלג דייַן ראָטה אין דייַן עֵצה צאַנצילאָמיש געֶלט זאַליוועֶ איך ניסט, אַזוֹי ווי דיא זייַנווילעֶ הייַשט.

זייַנווילעֶ איז גיגאַנגין צי אַהרן שַמשׂ זעֶך גיזעֶגינין ווי אַמחותּן, אין מיט שָׂרה דעֶר שַמשטעֶ אַפילו האָט עֶר זעֶך גאָר ליבּליך אין פרייַנטליך גיזעֶגינט, דעֶר כַּלה

אִין מֶען מִיז מאַכִין אַטאַנץ, מִיט אַפרעֶהלִיכִין לַייִרִים, שפּרִינגט מעֶן אַרַיין, אִין מעֶן האָט חַתוּנָה.

בַּיי שַׁיינצִין בַּיים מֵיידִיל, אִיז אַוודַאי גִיוועֶזִין נאָר דעֶר רַעש, אִין דעֶר פרעֶהלִיכעֶר לַייִרִים מִיט דעֶם געֶשרֵיי מַזל טוב וואָס האָט זִיא גִימאַכט פאַר אַכַּלֶה, דאָס גרויסעֶ שטעֶרִינטִיכִיל האָט דעֶם עֶרשטִין צִיה געֶטִיהִין, אִין דעֶר געֶפִילדעֶר האָט דאָס אִיבּרִיקעֶ געֶמאַכט זִיא פאַר אַכַּלֶה, נַפּלָקתִים כַּלֶה.

דִי תְּנָאִים האָט מעֶן געֶשרִיבִּין, אַוועֶטשעֶרעֶ אִיז גִיוועֶזִין אַגאַנץ גִיטעֶ, זַיינווִילעֶ האָט גִיהַייסִין, האָט דִי שוויגעֶר גִיגִיבִּין צעֶהן רויטעֶ רעֶנדלִיך נַפּתָּלקִין אִין דִי העֶנט אַרַיין, אִיז זַיינווִילעֶ צִי גִיגאַנגִין מִיט נַפּתָּלקִין צִי דעֶם שעֶנִים מֵיידִיל צִי דעֶר כַּלֶה שֵׁיינצִי, אִין הֵייסט נַפּתָּלקִי זאָל פִין זַיין האָנט גִיבִּין דעֶר כַּלֶה דאָס געֶלט אַמַתָּנֶה, דעֶר בַּיי האָט זַיינווִילעֶ גִירעֶט מִיט ווערטעֶר, כַּלֶה שֵׁיינצִי, דאָס גִיבּט דִיר דַיין חָתָן נַפּתָּלקִי אַמַתָּנֶה, מַזל טוב אַייך בֵּיידעֶ, אעֶפשר וועֶל אִיך נִיט קאָנִין זַיין אַף דעֶר חַתוּנָה, ווַייל מַיין ווַייבּ אִיז אַף דעֶר צַייט מחוֹלה (עֶר נעֶמט אַרויס דרַיי רעֶנדלִיך פִין זַיין קעֶשִינעֶ) גִיבּ אִיך דִיר כַּלֶה צִי דִי העֶנט מַיינעֶ דרַיי רויטעֶ רעֶנדלִיך אָף דרָשה גִישאַנק, אִיהר ר׳ אַהרן מחוּתָּן (צִי אַהרן שַמָשׁ וואָס שטעֶהט מִיטִן ווַייבּ נעֶבִּין שֵׁיינצִין זאָגט זַיינהִילעֶ) זעֶנט אַיין עֶהרלִיכעֶר יוּד, אִיהר וועֶט נִיט פאַרגעֶסִין אויס צִי רִיפִין דרָשה גִישאַנק פִין מַיינִיט וועֶגִין, אַיאָה.

נעֶם שֵׁיינצִי נעֶם, נִישט קָשה, שעֶם דִיך נִיט זאָגט שָׂרה דִי שַמשטעֶ דאָס אִיז אַלץ דַיינס בָּרוּך הַשֵׁם, דַיינס אִין דַיין חָתנס צִי מַזל.

אַרִים הַאלבּעֶ נאַכט, אִיז מעֶן זעֶך צעֶגאַנִין, אַהרן שַמָשׁ מִיט זַיין ווַייבּ שָׂרה דִי שַמשטעֶ, אִין שֵׁיינצִין האָט זעֶך מִיט אַנאַכט פרִיהר אַוודַאי נִיט גִיחָלוֹמט, וואָס הַיינטִיקעֶ נאַכט אִיז מִיט זֵיי פאַר אַגלִיק גִיוואָרִין, רויטעֶ רעֶנדלִיך פלִיצִים אִין אַזעֶלִיכעֶ רַייכעֶ מחוּתָּנִים, מִן הַסתָּם אִיז דעֶך שֵׁיינצִים מַזל הויך אִין הִימעֶל דאַ.

גאַנץ לאַהִיהָפאָלִי פִין אַיין עֶק שטאָט צִי דעֶר אַנדרעֶר, אִין אַלעֶ ווִינקִילִיך אַפִילו, שמִיסט מעֶן פִין דעֶם שוֹדך, אַלץ פִין דעֶם גרויסִין גלִיק ווִי דאָס מֵיידִיל אִיז גלִיקלִיך, פָּשוּט מעֶן שִיט זִיא אָפּ מִיט גאָלד מעֶן גִילט זִיא אָפּ, וועֶר אִיז גִיוועֶזִין דעֶר משוּגעֶנעֶר זאָל גראָד אַהרן שַמָשׁ׳ס מֵיידִיל אָנשלאָגִין, פלִיצִים אַזאַ גרויסעֶר אַדִיר ווִי דָוִד, וועֶר וואָלט מִיט אִיהם נִיט געֶטִיהִין אַזאַ גרִידעֶ גאָלד, נַדָן, אִין דעֶרצִי דאָס גרויסעֶ בּרַיינה דאָבּרִישִים שטעֶרִינטִיכִיל, חלעֶבִּין גבריאל גִיטִילִים וואָלט אויך געֶטִיהִין מִיט אִיהם,

אײַנלעגן דעם נדן זעקס הינדערט רענדליך, האָט איהם ר׳ טוביה אַליין אויך געבראַכט אַהער צו די תּנאים.

אַף דעם חתן אָדער אַף דער כּלה פרעגט קיינער ניט, די מחותּנים אין דער נדן, אין די תּנאים אין די חתונה איז דער עוקר, אַזוי ווי דאָ האָט מען מעהר געגעבן, וויא אַהרן שמשׂ וואָלט געקאָנט זעך אַמאָהל אויס טראַכטן, איבער דעם זענען אַלע פרעהליך אין שמחה וששון, אפשר וואָלט דאָס מיידיל שיינצי מען זאָל זיא רעכט אַפרעג טיהן, ווילסט דיא דעם נפתּלקן ווי די קיקסט איהם אָן פאַר אַחתן אין פאַר אַמאַן נעהמין-געזאָגט ניין-ער איז אַגראָבער פאַסקידנע יונג איך וויל איהם ניט מיט זיין געלט, אין מיט זיין גרויס שטערינטיכיל, אַז מען פרעגט זיא אָבער גאָר ניט, אין עס ווערט אַגעפילדער אַפרעהליכער געפילדער, מען האָט לעכט אָנגעצינדין אין העגלייכטער מען האָט אַטישטיך גילעגט אַפין טיש, דעם גרויסין דריי-רעהרידיקן לייכטער אַנידערגישטעלט מיט דריי הויכע לעכט, אין פלעשליך מיט בראָמפין שטעהן אָן געגרייט, טעלירס מיט איינגעמאַכץ אויך, יודין קימין אָן אַלע מינוט, אין נאָך אין נאָך, מען צעהלט אַפין טיש רענדליך, אין מען ריפט צו אַהרן שמשׂ מיטן ווייב מיט זייער מיידיל צום טיש, ווער ריפט, ר׳ גבריאל געטילים אַליין, ער אַליין ריפט זיי, זעהט זייטשע מוחל ווי דער מחותּן ר׳ דוד מיט זיין איידים אין ברײַנה דאָבריש געבין מיר זעקס הינדערט רענדליך רויטע רענדליך ביד שליש, אַף אַיאָהר זאָל דאָס געלט זיין ביי מיר אין די הענט, ביז ביידע צדדים וועלין דאָס געלט וועלין פין די קינדערס וועגין אַרויס נעהמין (ער טיהט אַקיק אַף שיינצין אין אַף נפתּלקין וואָס זיינווילע ווייזט אַף איהם) אַיך מיין איך חתן כּלה דאָס איז אייער געלט די זעקס הינדערט רענדליך, זענט איהר טרוצה, נאָ איז אַמזל טוב, לאָז גאָט געבין מיט מזל (גלייך ער האָט גאָר געוואַרט אַף אַתשובה) ווי אַדינער האָטים אַזעץ געטיהן מיט די טעפּ אין דער ערד אריין, דערביי דאָס געשריי פין אַלע זייטין מזל טוב מזל טוב אַז עס האָט פאַרטייבט די אויערן, הירשיל אסטראָפאָליר דער ווערטיל זאָגער האָט אַמאָהל געזאָגט אַטעם, פאַר וואָס שפּילין כּלי זמר אַף אַחתונה? וויל סיז ווי אַוועריבניק, דאָס פידילע שפּיעלט, אַפלעשיל בראָמפין שטעהט אַפין טיש אין מען טאַנצט, דעריבער מאַכט עס אַחשק דעם וואָס געהט פאַרביי, שטעהט ער צו אַזעלנער צו ווערין, דאָ זאָל ניט זיין דאָס שפּילין מיטן טאַנצין מיטן פלעשיל בראָמפין, משוגע וואָלט עמיץ געוועזין צו צו שטעהן אַזעלנער צו ווערין, אַקוראַט אַזוי וואָלט קיינער ניט חתונה געוואָלט האָבין, מיז מען לאָזין כּלי זמר שפּילין,

אין מיטער, אין זיינווילע האָט זעך גישאַסטיט אין גיוואָרפין אַף אַלע זייטין, מיט שניידערס, קרעמירס, אין שיסטערס, האָט ער גילאָזט מאַכין פין נפתּלקים וועגין זיפיצליך אין געלע פלידירין, אין קאָלאָווע שיך, נאָר מיט אַתנאַי, מען זאָל בּיי נאַכט ווי בּיי טאָג נעהין אין פּאַרטיק מאַכין אַף דינסטיק.

שיינצי האָט אַקיק געטיהין אַף דעם גרויסין שטערינטיכיל, נאָך אַגרעסערס ווי גיטילע ר׳ גבריאלס, דאָס שטערינטיכיל וועט זיין איהרס, אין זיא וועט געהען דרינין, דער חתן מאָג זיין אַשטימער אַפילו, פאַרגעסט זיא, אין דער מינוט וואָס זיא זעהט דאָס רייכע גרויסע שענע שטערינטיכיל, אַהרן שמש אין שׂרהן, איז אַוודאַי וואָיל, שענצי איז שוין איין עשורית, חוץ דעם איז נפתּלקי אַבּן יחיד בּיי אַזאַ געזינטין טאַטי וואָס האָט אפשר צעהן טויזענט רענדליך זיין אייגינס, דערצי בּאַשענט זיינווילע אַפילו נאָך אַמאוסרען חתן.

נפתּלקי געהט אַלע מאָהל אין טיהט אַקיק אַף דער זייער שענער שיינצין, אין גלייבּט זעך אַלץ ניט, אַז דאָס שענע מיידיל וועט ווערין זיין כּלה אין בּאַלד טאַקע זיין ווייבּ, ער פאַרבּייסט מיט די ליפּין, אין זאָגט אַלץ שטילערהייט צי דער מיטער בּריינה דאָבּריש אָוואַה, מאַמע איזיש אַסענע אָוואַה סען, ווי הייסט זיא מאַמע די סענע, זאָג סוין, נאָ זאָג סוין מאַמע, נאָ זאָג סוין.

סיז דעך ווינטער, איז בּאַלד נאַכט גיוואָרין, דאָ בּיי שמעריל טוביהס האָט מען געראַבינט מנחה ומעריב, שמערילס ווייבּ אין די מיטער איהרע האָבּין דעך אין צווייען אַשמחה, אי שדכנית נעהמין די מאַנין, אין דאָ וועט מען מאַכין אַוועטשירע מיט תּנאָים, בּפרט ווי ר׳ זיינווילע זאָגט, זאָל תּיכּף אַחתונה אויך זיין, אַהרן שמש וועט ניט מאַכין די רייכע חתונה, ווער דען, טאַקע דאָ אַף דער גאָספּידע ווי די מחותּנים שטעהען איין, בּיי שמערלין וועט מען פאַר בּריינה דאָבּרישים געלט, מאַכין אַשאַרפע חתונה, בּיי אַזאַ חתונה וועט מען פאַרדיענען נאָך אַמאָהל.

צי די תּנאָים האָט שמעריל אָנגעגרייט אַלע כּלים וואָס מען דאַרף. אַחזן, אין אַשיל שמש, טינט אין אַפּען אין צוויי בּויגין פּאַפּיר, טעפּ אַף צי בּרעכין אויך.

דעם גרויסין עושר ר׳ גבריאל גיטילים (זיא האָט מען געריפין גיטילע ר׳ גבריאלס אין איהם גבריאל גיטילים וויל ער איז איין אויף געקימינער עושר האָט ער ניט קיין טאַטע מאַמע, אין ניט קיין שווער אין שוויגער צי הייסין נאָך עמיצין פין זיי) וויל זיינווילע האָט מיט אַהרן שמש אָפּגעשמיסט, מען זאָל בּיי איהם בּיי גבריאל גיטילים

וואס זאָל דאָס שענע מיידיל איהם ניט נעהמען פאַר אַחָתן, אַז נַפתָּלקי וועט מיך אַבּעט טיהן, פאָהר איך מיט איהם אין שטאָט אַריין, דער שווער מיט דער שוויגער אַף אַבּאַזינדער בּריטשקע, וועל איך מיך אַריין לעגען, דער שודך זאָל זיין, אין טאַקע תּיכּף די חַתוּנה, נאָר דיך בּיילציג וועל איך ניט מיט נעהמען, ווייל דיא קריגסט דעך מיט איהם, נאָ, בּעטסט דיא מיך נַפתָּלקי.

ווי אַזוי בּעט נים זאָגט נַפתָּלקי, אַז דיא ווילשט נעם זיא ניט מיט, זיא וועט סעלטין די כַּלה אין גיסעדיקט לאָש זיא דאָ זיין, אַיאָה.

אין שטאָט ענטפערט זיינוויליע וועט מען תּיכּף מאָרגין אם ירצה השם שיקין צים קרעמער אין נעהמען אַף צוויי נייע ראַצעמאָרינע זיפּיצלעך, אין אַף אַראַדזיוואַלקי אויך, אין נייע פלידירין. לאָש זיין געלע זאָגט נַפתָּלקי מיט גיטע קנעפּיליך וואָילע.

פאַרשטעהט זעך זאָגט מיט איין ערינצטער הַויה זיינוויליע, דער שניידער וועט פאַרשוואַרצט וועריין. אַז ער וועט ניט מאַכין געלע פלידירין אין אַגעלין אַרבּע כַּנפות, וויא צי אַחַתוּנה אַנגידם אַזיהנדיל שטעהט אָן.

אין ספּאָגיל נייע קאָזלאָווע סיך מיט ספּיצין, אַיאָה זיינוויליע צי אַחַשוּנה מאַכט מען מיט צווקיש סיך מיט ספּיצין קאָזלאָווינע אַיאָה זאָגט נַפתָּלקי.

געה דיא נַפתָּלקי לעג דיך שלאָפין, ווייל מיר דאַרפין גאַנץ פריה אויף שטעהען פאָהרין אין שטאָט אַריין, אַז איך וועל זיין אין שטאָט, וועל איך דיר תּיכּף לאָזין קאָזלאָווי שיך מאַכין, דער שיסטער וועט פין מיר האָבּין אַשוואַרצין סוף, ער מיז מאַכין נַפתָּלקין מיט דער מאָדע וואָילע שיך, דיא וועסט ניט טאָהרין אַוואָרט זאָגין בּיילצי ווייסט דיא פאַר וואָס נַפתָּלקי, אַנאָ זאָג. ווייל די מיי וועלין איהר צי עשין די יופהים וואָרין זיא איז מעוּבּרש זאָגט נַפתָּלקי.

נאָר איינער גלעט זיינוויליע נַפתָּלקין בּעסער זאָג ווייל מיר ועלין זיא ניט מיט נעהמין אַף די תּנאים אין ניט אַף דער חַתוּנה, לאָס זיא דאָ בּלייבּין, אַיאָה.

נַפתָּלקי טיהט אַלאַך, לאָש זיא דאָ זיין אין נימיעווקע, מיר וועלין זיין אין לאָהָדהָפּאָלי אַף דער חַשוּנה, אַיאָה מיך וועשט דיא מיט נעהמין זיינוויליע.

דער קליגער זיינוויליע האָט אַלץ וואָיל אויסגעפיהרט, פאַר געלט איז דער פּרנס חוֹדש טוֹביה בּילענקים מיט זיין זיהן שמעריל טוֹביהס בּאַלד גיוואָרין שדכנים.

אַהרן שַמשׁ מיט זיין ווייבּ אין זייער מיידיל שיינצי די זעהר שענע שיינצי ועגין געקימין צי שמעריל טוֹביהס, דאָרט ווי דער חָתן איז איינגישטאַנין מיט זיין פאָטער

חָאטשֶׁע נַפְתָּלִקִי אִיז אוֹיךְ אַבִּיסִיל נִיט נִיכְטֶרְן גִיוועֶזִין, נָאר דָאס בִּיטִירנִישׁ וואָס דעֶר סאָלדאַט רַייסט אִיהם אַלְץ, אִין רַייסט אִיהם ווַייטעֶר נָאךְ שְׁטִיקְעֶרְוַויים פִּינִים זִיפִּיצִיל, גראָד דעֶרְצִי פאַר דעֶם שְׁוואָגִיר זַיינְווִילְעֶם אוֹיגִין (פאַר דעֶם שְׁוואָגִיר זַיינְווִילְע הָאט עֶר מעֶהר דֶרֶךְ אֶרֶץ גִיהַאט ווִי פאַרִין פָאטעֶר מִיט דעֶר מִיטעֶר) דָאס הָאט נַפְתָּלִקִין גאָר נִיכְטֶרְן געֶמַאכט, עֶר רעֶט ווִי אַפאַרשְׁעֶמְטעֶר ווַייש אִיךְ וואָשׁ עֶר ווִיל דעֶר סוֹפֵר אִיסְקָא, עֶר זָאגט אִיךְ הָאבּ בַּיי אִיהם גִיגַנבִיט אַמעֶסִין קְנעֶפִּיל וואָשׁ קָאשְׁט אַגִילדִין, זָאל מִיר דִי הֶענט אָפּגִינעֶהמִין ווערִין אוֹיבּ אִיךְ הָאבִּישׁ גִינעֶהמִין, סלָאגט עֶר מִיךְ אִין סלעֶפּט מִיךְ צִים חִיעֶל-חעֶבִּיל (פֶעלְדוועֶבִּיל) סוֹין פִין אַסעָה סלעֶפּט עֶר מִיךְ אִין רַיישׁט מִיךְ.

זַיינְווִילְעֶ אִיז געֶשְׁווִינד גִיפַאלִין אַף אַיין עֵצָה, אִין זָאגט שְׁווִיגעֶר גִיבּט דעֶם שִׁיכּוֹרְן מַאסְקוִויטעֶר אַגִילדִין, וואָס אִיז נעֶבִּיךְ נַפְתָּלִקִי שִׁילְדִיק, אַז אַשִׁיכּוֹר טְשׁעֶפּט זעֶךְ צִי, מִיט אַבּוּלְבּוּל, דָאס זִיפִּיצִיל אִיז בְּלוֹיז אַיין אַלְט זִיפִּיצִיל, אַכַּפָּרָה פאַר נַפְתָּלִקִין, אִיהר ווֶעט דעֶךְ אִיהם בְּלוֹיז מַאכִין נַייעֶ ווָאִילְעֶ מַלְבּוּשִׁים, אַז עֶר ווֶערט מָארגִין אִם יִרְצֶה הַשֵׁם אַחְתָן, טִיהְ אוֹים נַפְתָּלִקִי דָאס צעֶרִיסִינעֶ זִיפִּיצִיל, פעֶ סִיז נִיט שֶׁעֶן אַנָגִידִם אַזִיהנדִיל וואָס דַארְף מָארגִין תְּנָאִים שְׁרַייבִּין זָאל זעֶךְ פָארִין מִיט אַשִׁיכּוֹרְן מַאסְקוִויטעֶר.

דָוִד סמִיק שָׁאקִילט מִיטִן קָאפּ פִין ווַייטִינס נַפְתָּלִקִי זָאל נִיט זעֶהעֶן צִי זַיינְווִילְעֶן, ווִי אַיינעֶר זָאגט זעֶהר קְלִיג, אִין געֶהט מִיט בְּרַיינָה דָאבִּרִישִׁין אַרַיין אִין דעֶר קְרעֶטשְׁמעֶ. דעֶם סָאלדַאט שְׁלעֶפּט עֶר מִיט זעֶךְ אַהִין, בְּלַייבּט זַיינְווִילְעֶ מִיט בַּיילְצִין אִין נַפְתָּלִקִי אִיבּר אִין שְׁטִיבִּיל.

בַּיילְצִי טִיהט נַפְתָּלִקִין אַצִיה אִין אַזַייט, אִין זַיינְווִילְעֶ זעֶצט זעֶךְ לעֶהרְנִין בַּיים טִישׁ, קְלָאמעֶרשְׁט הֶערט עֶר נִישׁט אִין ווַייסט נִיט פִין וואָס דעֶר בְּרִידעֶר מִיט דעֶר שְׁוועֶסְטעֶר שְׁמִיסִין, זִיא רעֶט אִין אִיהם אַרַיין מִיט אַלְע כּוֹחוֹת, אִין עֶר נַפְתָּלִקִי זָאגט אַלְץ בַּיילְצִי קַאפַּיילְצִי שִׁיז אַלִיגִין, ווראָשׁ בַּיילְצִי קַאפַּיילְצִי שִׁיז אַלִיגִין, אַזַא סַיין מַיידִיל, וואָשׁ טִיהט זִיא אִין לָאהָיהָפָּאלִי.

בַּיילְצִי רעֶט אִין רעֶט, דעֶר נָאךְ טִיהט זִיא אַזָאג הוֹיךְ פרעֶג דִיר אִיהם זַיינְווִילְעֶן, אַיָאה זַיינְווִילְעֶ דעֶר סוֹדְ מִיט דעֶם סַיינִים מַיידִיל רעֶט מעֶן אִיהם.

זַיינְווִילְעֶ געֶהט צִי צִי נַפְתָּלִקִין אִין טִיהט אִיהם אַגְלעֶט אָךְ אִיז מִיר אַזַא נַפְתָּלִקִי אַזַא פָּאטעֶר אַיין עוֹשֶׁרִם אַזִיהן מִיט זעֶקְס הִינְדעֶרְט רעֶנְדלִיךְ נַדָן, אִין דִי מַאמעֶ ווִיל דעֶם בֶּן יָחִידִם כַּלָה אַוועֶק גִיבִּין אִיהר שְׁטעֶרִינְטִיכִּיל דָאס גְרוֹיסעֶ שְׁטעֶרִינְטִיכִּיל, פאַר

דיך פָּאלגִין, בּיילצִי נִסָּמה מיינֶע דִיא בְּלַייבּ אִין קרֶעטצמֶע, צַאנצִילָאמִיש ווֶעט דעֶך דרַיי פִיר טָאג גִידָויעֶרן, ווֶעסט דִיא דִי האַדאַיִש דָא גִיבּין הירז אִין מֶעהל, אִין צִי קווָארט בּרָאמפִין, אַיָאה דָוִד, (דָוִד סמִיק שָאקִילט מִיטן קָאפּ יָאה).

זייַנוויִלֶע טִיהט אַשאָקִיל מִיטן קָאפּ נייַן, אִיך זָאג מֶען זָאל טִיהן דעֶם שִׁודך אִין תֵּיכֶּף חַתוּנה מַאכִין, נִיט אָפּלעֶגִין דִי חַתוּנה בְּשׁוּם אוֹפן נִיט, בּיילצִי לָאז טַאקֶע אִין דעֶרהֵיים בּלייבּין, אִיך ווֶעל נָאר אַזוי לַאנג בּלייַבּין מִיט אייַך אִין שטָאט, בִּיז דעֶר שִׁודך ווֶעט זייַן, די חַתוּנה ווֶעט אִיהר מַאכִין אָן מִיר, אִיך קָאן בּיילצִין נִיט לָאזִין דעֶרהֵיים אַליין גאַנצֶע אַכט טָאג, בּיי אַזאַ צַייט ווִי זִיא אִיז אַף דעֶרצַייט, אָפּלעֶגִין די חַתוּנה טָאר מֶען נִיט, אִיהר זעֶנט דעֶך אַקלִיגֶע, דאַרפט אִיהר שווִיגֶער צִי פַארשטעֶהעֶן, אַז בּיי אַזאַ שִׁודך מִיז מֶען גִיך חַתוּנה מַאכִין, אַחֶרִיץ אִיז דָא, אַז אִיהר הָאט נִיט צַייט, אִיהר הָאט אָקסִין אויסצִירעֶכטִין, אִין קֶאנט נִיט אִיבּר לָאזִין דָאס דָארף אַליין, דָאס ווֶעל אִיך אִין דִי רעֶד אַלץ אוים פייַנעֶן, אַז עֶס זָאל רעֶכט זייַן (דָוִד סמִיק שָאקִילט מִיטְן קָאפּ יָאה) מִיר בּלייַבּט נָאך אַגרויסֶע אַרבִּיט, בּיילצִי ווֶעט מִיר אויך מִיזִין העֶלפִין, אִינזעֶר נַפְתָּלִין חֵשֶׁק צִי מַאכִין צִים פָּאהרִין. עֶר ווֶעט נִיט ווֶעלִין אַוועֶק ווָארפִין זייַנֶע מָאסקווִיטעֶר, בּיילצִי מִיז לויבִּין דָאס שעֶנֶע מיידִיל ווָאס מֶען רעֶט אִיהם פַאר אַכַּלה, אִין אִיך ווֶעל זָאגִין אַז צִי אַזאַ ווָאִילִין שִׁודך מִיז מֶען תֵּיכֶּף פָאהרִין אִין שטָאט אַרַיין טִיהִין, כְּדֵי איין אַנדעֶרעֶר זָאל זִיא נִיט אַוועֶק חאַפִּין, נָא, בּלייַבּט דָאס אַזוי, זָאגט.

צַאנצִילָאמִיש זָאלסט דִיא מִיר מַארִיך יָמִים זייַן, מייַן זייַנווִילֶע שעֶרצֶע, עֶר אִיז דעֶך אָבּעֶר נָאך נִיסט געֶקִימִין, צַאנצִילָאמִיש ווֶעל אִיך מִיזִין סִיקִין דעֶם סטָארִיז אִיהם זִיכִין, ווֶעה אִין פִּינצטעֶר אִיז דעֶר מַאמֶע צַאנצעֶלָאמִיש, האַ, ווִי זָאגשט דִיא דָוִד, עֶר אִיז נָאך נִיסט דָא. בּיילצִי טִיהט אַגִישרַיי שאַ, אָט העֶר אִיך זייַן קָיל אִין דרוישִׁין.

נַפְתָּלִי קִימט אַרַיין אִין אַרַאצעֶמארִין זִיפִּיצִיל מִיט אַסטרָאקֶע אִינִים שטרַיימִיל, נָאר שטִיקעֶר פִינִים זִיפִּיצִיל זעֶנִין אָפּגעֶרִיסִין פִינִים לייַבּ געֶרִיסִין, אִין דָאס שטרייַמִיל אִיז פִין דעֶר בּלָאטֶע אוים געֶשמִירט, מִיט אִיהם קִימט אַשִׁכּורעֶר סָאלדַאט ווָאס רייַסט אִין טשעֶפִּיט זעֶך אִין אִיהם, דעֶר סָאלדַאט זָאל נִיט שִׁכּור זייַן, ווָאלט נַפְתָּלִי נִיט גִיקָאנט אַנטלויפִין, נָאר ווייַל עֶר אִיז שטאַרק שִׁכּור הָאט אִיהם נַפְתָּלִי גִיקָאנט מִיט זִיך שלעֶפִּין בִּיז אַהעֶר. ווָאס ווִיל צַאנצִילָאמִיש ווֶעה אִיז דעֶר מַאמֶע דעֶר מָאשקווִיטעֶר פִין דִיר נַפְתָּלִי — פרֶעגט בּרַיינה דָאבִּריש דעֶם בֶּן יָחִיד. — ווֶעה אִין פִּינטשטֶער אִיז דעֶר מַאמֶע.

סטעֶרִינטִיכִיל דאָש גרוֹישעֶ, ראַטִיוועֶ מִיך צאַנצִילאָמִיש, וועֶה אִיז דעֶר מאַמעֶ אָך אִיז דעֶר מאַמעֶ צאַנצִילאָמִיש.

גִיט וואָס אִיהר ווִילט אײַעֶר שטעֶרִינטִיכִיל אַוועֶק גִיבִּין, נאָר נִיט מִיר, אִיךְ ווִיל נִיט — זאָגט זײַנווִילעֶ — דאָס שטעֶרִינטִיכִיל זאָלט אִיהר גִיבִּין אײַעֶר בֶּן יָחִיד, אִין נאָך זעֶקס הִינדעֶרט רעֶנדלִיךְ נַדָן-געֶלט זאָלט אִיהר אוֹיךְ גִיבִּין אײַעֶר בֶּן יָחִיד, אִין לאָם מִיר פרִיה אַפאָהר טִיהִין אִין שטאָט אַרײַן, ווִי מעֶן האָט דאָנעֶרשטִיק דעֶרצעֶהלִיט פִין דעֶר שטאָט, האָט דעֶר אַהרן שַמשׁ זײַעֶר אַשעֶן מײַדִיל, אִיהר האָט דעֶךְ גִיהעֶרט דִי מַעשׂה פִין ר׳ . . . . פַּסק דִי תְּנָאִים צִי צעֶרײַסִין אִיז דעֶךְ דאָס מײַדִיל אַצִינדעֶרט נִיט קײַן כַּלָה, נאָ לאָם זִיא ווערִין נַפְתָּלִקִים כַּלָה, חאָטשעֶ מײַן זײַדִין אִיז אֶפשר קײַן כָּבוֹד נִיט גִיוועֶזִין צִי זײַן אַהרן שַמשם מחוּתָן, נאָר כְּדֵי עֶר זאָל נִיט ווערִין חַס וְשָׁלום מאַצִקִים מחוּתָן, מִיז מעֶן דעֶם שוֹדךְ טִיהִין (בְּרײַנה דאָבּרִיש ווִיל עֶפִּים זאָגִין) אִיךְ בֶּעֶט אײַךְ שווִיגעֶר שווײַגט, אִין העֶרט מִיךְ אוֹיס אִין גאַנצִין, אַז אײַךְ וועֶט קָשֶׁה זײַן, וואָס טוֹיג צִי אַזאַ שוֹדךְ אַזאַ גרוֹיסעֶר נַדָן אִין אַזאַ גרוֹיס שטעֶרִינטִיכִיל, מִיז אִיךְ אײַךְ זאָגִין, אַז דִי שטאָט לײַט זעֶנִין גאָר קײַן נאַראָנִים נִישט, אוֹיעֶרן אִין אוֹיגעֶן האָבּעֶן זײ אוֹיךְ, אִינזעֶר נַפְתָּלִקִים חֶפצִית, ווײַסט מעֶן אִין לאָהִיהָפּאָלִי בּעֶסעֶר ווִי אִיהר ווײַסט, זײ האָבּעֶן גִיהעֶרט אַוודַאי מעֶהר ווִי אִיךְ האָבּ גִיזעֶהעֶן, אָן צִי קִיקִין אִינזעֶר נַפְתָּלִקִין, אִיז אַשטאָט מאַן אַמֵיבן וואָס אִין אִיהם שטעֶקט.

דעֶר אַהרן שַמשׁ ווִיל אוֹיךְ האָבּין אײַן אײַדִים וואָס זאָל חאָטשעֶ אַבִּיסִיל קאָנִין לעֶהרנִין, אִין דאָס מײַדִיל חאָטשעֶ אַבֵּית מֶדרש שַמשם אַמײַדִיל, ווִיל אַשעֶנִים חָתָן, אִיךְ האָבּ גִיזעֶהעֶן דאָס מײַדִיל אִימִיסנעֶ בִּשַׁעַת׳ אִיךְ בִּין גִיפאָהרִין אַנִימִילט יאָהרצײַט האָבִּין אִין שטאָט אַרײַן אַיפַת תּוֹאַר, זײַעֶר זײַעֶר אַשעֶן מײַדִיל, אִין גאָר קײַן נאַר נִישט ווִי מעֶן האָט מִיר דעֶרצעֶהלט, מִיר אִיז נאָך דעֶנצמאָהלט אײַנגִיפאַלִין פאַר נַפְתָּלִקִין וואָלט זִיא גִיקאָנט זײַן אַרפִיאֶה, עֶר וועֶט דעֶם שײנִים מײַדִיל צִי לִיבּ, ווערִין אַסטאַטִיק (דָוִד סמִיק שאָקִילט מִיטן קאָפּ יאָה) נאָר זִיא אִיז שוֹין גִיוועֶזִין אַכַּלָה פאַר דעֶם מֶיכלִן, אַצִינדעֶרט אַז דעֶר שוֹדךְ אִיז צעֶנִישט גִיוואָרִין, מִיז מעֶן תֵּיכֶף זאָגִין צִים אַלִים עֶרשטִין, אַז זעֶקס הִינדעֶרט רעֶנדלִיךְ, אִין אײַעֶר גרוֹיס שטעֶרִינטִיכִיל דעֶרצִי, דאָס אִיז אַזאַ לאַקִימעֶ זאַך (דָוִד סמִיק שאָקִילט מִיטִן קאָפּ יאָה) אַז אַהרן שַמשׁ מִיטִן ווײַבּ אִין דאָס מײַדִיל ווִעלִין אוֹיךְ אַזוֹי מאַכִין מִיטִן קאָפּ יאָה ווִי דעֶר שוועֶר מאַכט. . .

צאַנצִילאָמִיש מִישט דִיא מײַן קִינד מִיט אִינז פאָהרִין אִין סטאָט אַרײַן, אִיךְ ווֶעל

אימיסנע איז זיינוויל'ע גיגאַנגען שַבּת פאַר מִנחָה איבּערן דאָרף, און האָט גיזעהען נַפתּלקין געהן מיט צוויי שיקסים און מיט איין אָפיצירס קנעכט, וויער טראָגט צום קאַפּיטאַן פון דער ראַטע, און ווי עס האָט אָפּנים גיהאַט איז נַפתּלקי ניט ניכטערין גיוועזין, און האָט גירעט מאוּסה ווערטער מיט די שיקסים, נַפתּלקי האָט מַחמת טרדת און מַחמת בּראַמפין און קאָפּ, דעם שוואַנגער זיינוויל'ען ניט גיזעהן, אַחוּץ דעם האָט זיינוויל'ע גיזעהען בּיי נַפתּלקין אַרויס שטעקין אַפּלעשיל בּראַמפּין פון דער קעשינע, און אַדאָרף טאָהר מען שַבּת ניט טראָגין,

זיינוויל'ע האָט שבית-צי-נאַכץ אַריין גערופין דעם שווער ר' דוד סמיק מיט דער שוויגער בּריינה דאָבריש, און זיין ווייבּ בּיילצין צי זעך אינים שטיבּיל אַריין ווי ער איז גיזעסין און גילערינט.

דאָ האָט זיינוויל'ע אַלע דריי דערצעהלט וואָס ער האָט דעם שַבּת גיזעהען פון נַפתּלקין, און האָט מיט אַזאַ לָשון און מיט אַזאַ וויינענדיק קול גירעט, אַז זיין ווייבּ בּיילצי און אפילו די שוויגער בּריינה דאָבריש האָבּען אָנגיהויבּין צי וויינין, דוד סמיק דער שווער האָט נאָר גיטענהיט, אַז נאָר דאָס ווייבּ, נאָר די מיטער איז שילדיק.

זיינוויל'ע דער קליגער לַמדן, האָט פאַרשטאַנין אַז פון דעם דיא בּיסט שילדיק, נאָר דיא בּיסט שילדיק ווערט קיין רפיאה צי דער מַכּה ניט זיין, און פון דעם וואָס בּריינה דאָבריש שלאָגט זעך מיט בּיידע קיליקים און קאָפּ אַריין ווערט נַפתּלקי ניט ווערין קיין אַנדרער מענש, דערצי האָט נעבּיך זיין ווייבּ בּיילצי אַמעוּבּרת ווייבּיל אָנגיהויבּין צי חַלישין, און מען האָט זיא קוים קוים דערמינטערט.

אַז סיז אבּיסיל שטילער גיוואָרין, האָט זיינוויל'ע גיבּעטין דעם שווער מיט דער שוויגער זאָלין זעך אַנידער זעצין נעבּין בּיילצין וואָס מען האָט זיא אַנידער גילעגט אף זיינוויל'עס בּעטיל.

הערטשע צי — זאָגט זיינוויל'ע מיט אפרעהליכער הַויה — איך האָבּ נאָך איין רפיאה, ווי אַזוי איהר זאָלט אַרויס ראַטיווען אייער בּן יָחיד, נאָר, איהר מיזט מיר צי זאָגין, מיך תּיכּף צי פאָלגין.

די שוויגער בּריינה-דאָבריש שפרינגט צי צום איידים מיט אַהאַלזין און מיט אַגיבּעט יאָה טאַקע דיא בּישט היינט און אימידאָר צאַנצילאָמיש אַגיט קינד צאַנצילאָמיש זאָג פון די שפרס, וואָס מען זאָל טיהין צאַנצילאָמיש, איך ווער דיר אַוועק גיבּין מיין

דער איידים איז געזעסן אין האט גילערינט, אגיט קינד ווינווילע, האט איהם גיקאסט זעהר פיעל געלט, דעם אסטרער מגידס איין אייניקיל, אין איין איינציק יונגיל נפתלקי איונגיל פין איאהר פיפצעהן, זעהר אמאוסר אגישטיפילטער בחור, אנאר, אין אגרויסער עם הארץ, אפילו דאבנין האט ער ניט גיקאנט.

מלמדים פלעגט מען צי האלטין, אין אבעלפער אוודאי, נאר נפתלקי, האט ניט גיוואלט לערנין, אפשר מען זאל איהם גיוועזין שלאגין אין נעטהין, וואלט נפתלקי געמיזט לעהרנין, איז אבער דויד סמיקס ווייב ברײנה-דאבריש גיוועזין די גרויסע בריה צי דער ארענדע (אז מען האט גיזאגט נאר דורך איהר, האט דויד סמיק די צעהן טויזענט רענדליך זיין אייגינס, ווען ניט זיא וואלט ער ניט גיהאנדילט מיט אקסין, אין וואלט אפילו ניט גיטויגט אקאץ אשוואנץ צי צעבינדין, נאר זיא נאר זיא ברײנה דאבריש) זיא די מיטער האט ניט גילאזט אריהר טיהן נפתלקין, ער איז ביי דער מאמע דאס אויג אין קאפ, אבן יחיד.

אז אזא נפתלקי איז עלטער אין עלטער גיווארין, אין איז גאנצע טעג לעדיק ארים געגאנגען מיט אלע קאליקים דארף שקצים (ווייל די געזינטע פאווירישע קינדער, ארבייטין אפין פרוץ, נאר סיידין אקאליקע געהט לעדיק) איז ביי איהם גיוועזין אוואילער משא ומתן, אז אראטע סאלדאטין זענין אנגעקימין אין דארף אריין, ער איז מיט די סאלדאטין גאנץ פריה ארויס גיגאנגען צים מישטער אינטערן דארף, אין איז גיגאנגין זעהען ווי מען לעהרינט באווינדער איטליכין סאלדאט דעם נאמין פינים קייסער זאגין אין דער קייסירינים, מיט אלע דעם קייסערס קינדערס נעהמין, אין דעם הויפט יענעראלס נאמין אויסענוועניק צי קאנין נאך זאגין, ווי מען פיצט די ביקסין, די קנעפליך פינים מאנדיר, אימידים איז נפתלקי גיוועזין.

די פאויקערס זענין איהם גיוועזין גאר אוואילע זאך, ער האט גיבראכט פלעשליך בראמפין פין דערהיים מען זאל איהם לאזין קלאפין אף דער פויק אביסיל מיט די שטעקיליך, די אפיצירין אין אלע סאלדאטין האבין גיקאנט נפתלקין ביים נאמין, אין ער האט זיי אלע שירת געטיהין.

זיינווילע דער איידים האט גיזעהען אז שבת אפילו, איז נפתלקי ניט דא צים דאבנין ניט צים עסין, ווי איז ער, ביי די סאלדאטין, שפעטער איז ער געקימין, האט איהם די מיטער גיגיבין צי עסין, אין ער איז באלד צוריק גילאפין זעהן ווי מען שערט די קעפ ביי די סאלדאטין.

אַיאָה די צעָחן גילדין וואָס קָהל זאָל לעָבּין, נעָהמט איהר אָן, זיי האָבּעָן דעָך איין געָשיקט דעָם פּדיון, אַיאָה רֶבּי.

בּיי ר׳ . . . האָט טאַקעָ דאָס קלינגין געָפּועלט, אַז עָר האָט געָשווינין, האָט שוין שמעָריל צי גינעָהמין די ניינציק גילדין, ניט מעָהר.

נאָר ר׳ . . . האָט חוץ דעָם געָלט עפּיס צי באַברעָמין די גאַנצעָ זאַך אַזאָג געָטיהין מיט אַפּרימעָר הַויה אַהאַלבּ יאָהר דורך אַנאַנדעָר זאָל מעָן איהם ניט אויף ריפין, אין ניט צי לאָזין צי קודש לבנה. העָרט איהר רבּותים.

מֶיכל בּעָלפעָר איז נעָבּיך אַוועָק גיגאַנגין מיט אַשוועָהר האַרץ אין מיט אַגרינג בּייטילעָ, שפּעָטליך איז שוין גיוועָזין, אין בּיי אַתּעָנות טאָג שלעָפּט מעָן די נאַכט-שטעָרין (אָדעָר ווי אַנדעָרעָ ריפין די בּראָמפּין שטעָרין ווייל אַז שטעָרין שטעָהן מעָג מעָן אַטרינק בּראָמפּין טיהן) באַצייטין אַרויס, איז דעָר עולם צי גאַנגעָן איטליכעָר זיין וועָג.

ר׳ . . . האָט דעָר טאַפּט אַזאַ באַרג געָלט, אַזוי פּיעל מאַכט עָר ניט אַפּילו אין פיר שטעָט, האָט עָר נאָך דעָר וועָטשירעָ תּיכף געָהייסין איינשפּאַנין די פיהר, אין אַוועָק גיפאָהרין, ווייטעָר לאַגין, ווייטעָר מַעשהות דעָרצעָהלין, ניט גיך וועָט זעָך איהם אַזאַ מעַשה טרעָפין ווי אין לאהיהפּאָלי.

די שטאָט לאהיהפּאָלי האָט גיהאַט וואָכין לאַנג צי רעָדין אין צי שמיסין פין מֶיכל מַצבהס׳ מעָשה, ווערטליך גלייכעָ ווערטיליך זעָנין געָפלויגין אַלץ אַף מֶיכלס תּעָנית אין אַף זיינעָ טעָנית.

אָחרן שַמש האָט צעָריסין די תּנאים.

ר׳ שלמה בּעָשעָכים האָט איין אַנדעָרן בּעָלפעָר צי גינעָהמין.

וואָס איז פין מֶיכל מַצבהָ גיוואָרין, וועָלין מיר שפּעָטעָר ווּיסין.

6.

ניט ווייט פין לאהיהפּאָלי, אַמייל פין דעָר שטאָט האָט גיהאַלטין דויד סמיק איין אַרעָנדעָ פין אַגרויס דאָרף בּימיעָווקעָ וואָס האָט גיקעָהרט צים לאהיהפּאָליר שר.

דעָר דויד סמיק האָט גיהאַט איין איינציקעָ טאָכטעָר איין אויסגיגעָבּינעָ, וואָס

צי בעטין איהר זאָלט ביי מיר נעהמין אַף אַפּדיון, פאַר מיין עבירה בין איך שוין געניג אָפּגעקימין חרפּת אין בושת, זאָגט רבי, ווי פיעל זאָל איך אייך גיבין אַף אַפּדיון, איך האָב אַכט יאָהר געהאָריוויט אַף מיינע עטליכע גראָשין, קהל האָב איך אויך גיגיבין צעהן גילדין אַף אַטרינק, זאָגט רבי מיט רחמנית ווי פיעל זאָל איך אייך גיבין אַף אַפּדיון.

דאָס גאַנצע זאָגיכץ האָט מיכל זייער גיך, אין גישמאַק אָפּגיזאָגט אין צוויי מינוטין.

ר׳ . . האָט ניט צייט גיהאַט זיך מישב צי זיין, אין מיט אַגרויסין שווערין פרימין קרעכץ זיך צירוק אַף דער באַנק אַועק גיטיהין, אָפּ גילאָזיט די פּאות, נאָך אַקרעכץ אין נאָך אַקרעכץ, דער נאָך טיהט ר׳ . . . אַזאָג, רשע אַזוי פיעל ווי פיעל דיין נאָמין באַטרעפט. אַזוי פיעל גילדינס זאָלסט די גיבין ר׳ . . . . אייניקיל אַף אַפּדיון, הערסט דיא רשע.

שמעריל טוביהס חאַפּט אַקריידיל אין באַחשבונט, מיט אַזאָג אַקיראַטנע הינדערט גילדין (אין טיהט זעך אַקעהר צי מיכל בעלפער) צעהל בחור, אין מאַך קיין הוית ניט, עס וועט ניט פעהלין, חלעבין דיא האָסט אַמול וואָס דיא הייסט נישט נתן וואָלסט דיא געמיזט גיבין תק זהובים, גיב גיכער ווייל דיא הייסט מיכל אַף דיין טריף מזל, נאָר הינדערט גילדין.

מיכל בעלפער זעהט אַז ר׳... קיקט שוין זייער שטאַרק אין וויל שוין די הינדערט גילדין אַשלעפּ טיהין, הייבט ער אָן מיט אַרחמנית פּנים צי בעטין, רבי לאָז גיניג זיין האַלבע גילדינס, ווי מען גיבט פּורים כופר נפש געלט צי האַלבע גילדין, חלעבין איך האָב נעביך זייער שווער געהאָריוויט אַף מיינע . . . .

ר׳ . . . ווערט אין כעס גיבסט דיא רשע ווי ר׳ שמעריל האָט באַחשבונט תיכף איז גיט, אַז ניט וועל איך. . . .

מיכל זעהט די שפּיעל איז פאַרין טייוויל, אַזאַ ר׳ . . . האָט ליבער געלט פין רחמנית, טיהט ער מיט אַביטערן קרעכץ אַצעהל שמעריל טוביהס אין די הענט אַריין, אין קלינגט אימיסנע מיט איטליכין גילדין בשעת צעהלין, ער האָט גיהערט, אַזאַ פראָסטע פּאָווערן ביי אַפיהר האָלץ קויפין, העלפט דאָס קלינגין מיט דעם געלט בעסער אויסצידינגען, אין צעהלט אָפּ נאָר נײַנציק גילדין (ער טיהט אַקיק צי ר׳ . . .) רבי

ר׳... טִיהט אַמאַך צִי דעם זוהר, אִין קִיקְט קלאָמערשט גאָר נִיט אָן דעם מֶיכְלִין, נאָר דִי שַׁמָשִׁים טִיהט ער אַפרעג, וואָס האָט אִיהר מִיר געבְּראַכט דעם רָשָׁע אַהער צִי מִיר, מַיין זֵיידע, אִין מַיין טַאטע האָבִּין געניג געטראָגִין דִיא גַאנצע וועלט אַף זֵיירע פְּלֵייצִים.

יְחֶזְקֵאל שַׁמָש גערהט צִי, אִין לֵייבּ דער בְּלִינדער שטעלט זֵיך אִינטער יְחֶזְקֵאלִין רֶבִּי אִין לאַהֲיָהָפּאָלִי רֶבִּי, האָט זֵיך נאָך אַזאַ מַעֲשֶׂה נִיט פאַרלאָפִין אַזאַ מַעֲשֶׂה, אִיז קָהָל גִיזֶעסִין קָהָל, וואָס שטאַרקִיסט דִיא מִיך בְּלִינדער הִינט, אִיך קאָן בָּרוּךְ הַשֵּׁם שמֵיסִין אִיך (דאָס האָט יְחֶזְקֵאל אוּמִיטִין גִיזאָגט צִי לֵייבּען) מֵילָא רֶבִּי, האָט קָהָל גִיזאָגט קָהָל, אַז אַזאַ גרוֹיסער גִיטער יִוד גרוֹיסער, אִיז גראָד אִין לאַהֲיָהָפּאָלִי, לֵייבּ אִיך וועל דִיר גִיבִּין אַפליאַסק וועט דִיר דאַס אַנדערע אוֹיג, אויך אַרוֹיס דאָס אַנדערע אוֹיג, ווִיל קָהָל רֶבִּי, ווִיל קָהָל אִיהר זאָלט אִיהם גִיבִּין אַפַּסק אִיהר, צִי פִין דער שטאָט אַרוֹיס טרַייבִּין פִין דער שטאָט, אִין פִינִים שׁוּהךְ אִיהם מִיט אהרן שַׁמָש מַייִדִיל אִיהם אָפּ לֵייבּ אִיך זאָג דִיר נאָך אַמאָהל אִיך, אַז דִיא זאָלסט מִיך נִיט שטאָרכִין דִיא, אִיך קאָן בָּרוּךְ הַשֵּׁם שמֵיסִין אִיך, מִיר דאַרף מען דִי צִינג נִיט פִּיקִין מִיר — אִין פִינִים חֶדֶר ווִי ער אִיז אַבְּעלפער אִין אַחֵדר אִיהם אַוַודאי.

יְחֶזְקֵאל האָט נאָך נִיט אוֹיס גִירעט דאָס אִיבּרִיקע, חַאפּט זֵיך אָן ר׳... מִיט בֵּיידע הענט בַּיי בֵּיידע פֵּיאוֹת אוֹיף שטעהנדִיק, מִיט אַווִילד פרִימִין גִישרַיי סטאַטש, אַזאַ רָשָׁע זאָל זַיין אִין אַחֵדר, ווִי יִוִדִישע קִינדערלִיך לערנִין, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא האָבּ רַחמנוּת אַף יִודִישע קליינע קִינדערלִיך, אַזאַ רָשָׁע זאָל לערנִין מִיט דַיינע יִודִינִס קִינדערלִיך, נַיין, נַיין, אִיך הֵיים נִיט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט, אוֹי אִין וועה געשרִיגִין, אֵיין עהרלִיכִין יִודִינִס אַטאָכטער זאָל נעהמִין אַזאַ פּוֹשֵׁעַ, אַזאַ רָשָׁע, נַיין, נַיין, אִיך הֵיים בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט, נַיין, בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט, נַיין אִיך הֵיים נִיט (דער ר׳... וואָלט זֵיך ווייטער צעבּרענט אִין אֶפשר גערַייסִין פִין דער שטאָט אויך אַרוֹיס טרַייבּען, האָט ער זֵיך דערמאָהנט, אַז מען דאַרף געלט נעהמִין, אִיז ער געבּלִיבִּין אַמִינִיט שטִיל שווייגִינדִיק, אִין אַקִיק געטִיהִין אַף מֶיכְלִין.

מֶיכל דער קלִיגער, האָט זֵיך תֵּיכֶף גִישטוֹיסִין, אִין טִיהט זֵיך אַנעהם צִים געלט בֵּייטִילע ווִי עס הענגט בַּיי אִיהם אַפִּין האַלז, אִין טִיהט אַווַייז דעם ר׳.... (ווִי אֵיינער רעט אָט אִיזִים, וואָס דִיא ווִילסט ר׳....) דערבַּיי זאָגט ער רֶבִּי דער שַׁמָש האָט אַייך נִיט דעם אֱמֶת גִיזאָגט, קָהָל זאָל לעבִּין האָבּען מִיך צִי אַייך געשִׁיקט, אַייך

עֶר קִיקט אַרַיין אִינִים זוהר, אִין ווייסט וואָס דאָרטִין שטעהט (ווי ר״ . . . . . זאָגט) ווי דער כַּפָּרָה האָן ווייסט וואָס עָס שטעהט אִינִים בְּנֵי אָדָם, אָדער ווי דער פלעדערוויש ווייסט וואָס די קרעטשמירקע זאָגט אִין קוימִין אַרַיין די בְּרָכָה.

ווייל דער גאַנצער זוהר אִיז אַף אַגוּיש לָשׁוֹן (נִיט לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ יודִישׁ) אַף כַּלדעִיש לָשׁוֹן . . . . . . , ... אִיז זייער זייער שווער זעך צִי שטוּיסִין וואָס די ווערטער בַּאטייטִין אַף יוּדִישׁ, חוּץ לָזֶה, האָט מען דרינִין אִימִיסְנֶע פאַרדְרֶעהט די נעהמִין, כִּמְעַט, טאַקע כְּדֵי נִיט אִיטלִיכער זאָל וויסִין וואָס מען מיינט, אַפְּרָאָסטער יוּד אַז עֶר וויל וויסִין אוֹיבּ דאָס אִיז אֱמֶת, ווייל אִיך דער וואָס בַּאשרַייבּט די מַעֲשֶׂה, זאָגִין נאָר איין זאַך פינִים זוהר, וועט מען מיר מוֹדֶה זַיין אַז סִיז אַקוּראַט אַזוֹי, לְמָשָׁל דער זוהר רִיפט חָכְמָה פאָטער, אִין בִּינָה מִיטער, ווייל מיט הַבָּנָה קאָן מען איין זאַך פון דער אַנדרער מַמְצִיא זַיין, דערִיבּער טִיהט דער זוהר אַבִּייט, אִין רִיפט שוין גאָר נִיט חָכְמָה אִין בִּינָה, ניין, עֶר רִיפט שוין די בּיידע אַבָּא (דאָס הייסט דער פאָטער) וְאִמָּא (דאָס הייסט די מִיטער) אָדער גאָר דָּכָר וְנֻקְבָא (דאָס הייסט אַזָכָר מִיט אַנְקֵיבָה) נאָ, ווי זאָל אַמענש וואָס ווייסט נִיט די שפרִינגִירִישֶׁע פאַרדרעהכצען, וויסִין. וואָס דְּכַר וְנֻקְבָא בַּאטַייט, דערפִין קאָן מען זעך מְשַׁעַר זַיין אַף דעם אִיבּריקִין.

דערִיבּער רִיפִין אַלֶע חֲסִידִים דעם זוהר דער זוהר הַקָּדוֹשׁ אָדער קַבָּלָה ווייל דאָ ווערִין אַלֶע גְלַייך הייליק, עֶר קִיקט אַרַיין, אָדער עֶר זאָגט זוהר אִין קיינער וועט אִיהם נִיט אָפּפרעגִין דרינִין, עֶר זאָל האָבּען פאַר זעך אַגְמָרָא אָדער איין אַנדער יוּדִישׁ סֵפֶר. וואָלט עֶמִיצער גִיקאָנט קִימִין פרעגִין רַבִּי דִיא זאָגסט דִיא ווייסט וואָס אַפִּין הִימִיל טִיהט זעך. אַנָא זאָג מִיר דעם פְּשָׁט אִין דער גְמָרָא אָדער אַהאַרבִּין תּוֹסְפוֹת, קאָנסט נִיט, בִּיסט דִיא אַפְּרָאָסטער לִיגְנער.

דער זהוהר מאָג זַיין צִי גִימַאכט, אָדער אָפִין פאַר ר׳ . . . אִיז גאָר גְלַייך, פון חֵן ווענִין טויג צִים שווינְדִיל דער זוהר זאָל לִיגִין אָפִין, אִין ר׳... קרעכצט אִין קִיקט אַרַיין, קרעכצִין קאָן עֶר זייער וואָיל אויסענווענִיק.

אִין שטִיבּ ווערט שטִיל שאַ, אַז דער מֶיכל בּעלפער אִיז אַריין געקימִין, די צוויי שַׁמָשִׁים שטאָרקִין מֶיכלִין אַרוֹיף צִי ר׳ . . . . . אִין זיי בּלייבּין פון וויטִינס שטעהן, אַלֶע גלאָצִין מִיט די אויגִין אַף ר׳ . . . . . וואָס עֶר וועט דאָ זאָגִין, אִין וואָס אַזאַ . . . אייניקיל דעם . . . רָבִּים אַזִיהן וועט טִיהִין.

פַאַרשטעהעָן אַז דעָר קאָלטינִיוואַטעָ פַרנס חוֹדֶש קָהָלנִי מִיט זַיין טאַקעָ פאַקעָ חָלִילָה האָט זַייעָר רעָכט געָטִיהִין אָפּצִישִׁיקִין מֶיכל מַצֵבָה מֶיכל בעָלפעָר וואָס האָט גִינעָסִין אִין אַתָּעֲנִית עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, צִים צַדִיקס זִיהִן, צִי דעָם ר׳... דעָם רָבס זִיהִן, צִי ר׳... אַייִנִיקִיל אִי דִי שטאָט וועָט אִיהם פאַרשפאָרִין געָלט צִי גִיבִּין, אִי דעָר ר׳... וועָט האָבִּין געָלט פִין דעָם הִילטַיי פִין דעָם פּוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל, ווִי עָר וועָט מְשַׁוֶה ווערִין מִיט אִיהם.

ווִי שטעָהט אַיין ר׳... בַּיי שמעָרִיל טוֹבִיהס, דעָם קָהָלנִי ר׳ טוֹבִיה בִּילעָנקִים אַזִיהִן האָט זַיין אַיינפאָהר, וואָס יוּדִין שטעָהן אַיין בַּיי אִיהם, קַיין עוֹשֶׁר אִיז דעָר שמעָרִיל טוֹבִיהס נִיט פִינִים יוּדִישִׁין אַיינפאָהר אִין לאָהִיהָפאָלִי, דעָרצִי אִיז דעָר שמעָרִיל טוֹבִיהס טאַקעָ ר׳ אִיצִיק זַאהִיקִים אַיידעָם, דעָרִיבּעָר האָבִּינס בַּיידעָ מַסכִּים גִיווען אַף ר׳ אַברֶהָמִיל וועָלִים (וואָס קעָהר אָן אַפּעָטעָר ר׳ אִיצִיק זַאהִיקִים ווַייבּ) עֵצָה, מֶיכלִן אַהִין צִי שִׁיקִין אַף אַפְּסַק.

אַיידעָר דִי שַׁמָשִׁים יְחֶזְקֵאל מִיט לַייבִּין האָבִּין גִיבּראַכט מִיכל בּעָלפעָר צִי ר׳... זעָנִין עָטלִיכעָ שוין פרִיהר געָקִימִין פאַרסאַפִּיט צִי לוֹיפִין זאָגִין דִי בְּשׂוֹרָה, אַז אָט פִיהרט מעָן אִיהם דעָם בָּחוּר, אִין ר׳... גִיזאָגט מִיטִן לָשוֹן ווִי ר׳ אַברֶהָמִיל וועָלִים האָט גִיגִיבִּין צִי פאַרשטעָהעָן, פִין וועָסט ווענִין עָר שִׁיקט אִיהם פִין קָהָל, אַהעָר, כְּדֵי עָר זאָל געָלט מאַכִין.

דעָרצִי דאַרף מעָן אַפִילוּ קַיין צַיין נִיט צִי פאַרשטעָהעָן, אַז ר׳... האָט דאָס פאַרשטאַנִין עָר דאַרף דאָ געָלט נעָהמִין, נאָר אַזאַ עַם הָאָרֶץ ווִי ר׳... ווַייסט דעָך נִיט, וואָס עָס קִימט פאַר אַיין עוֹנֶשׁ פאַר דעָר עֲבֵירָה עָסִין אִין אַתָּעֲנִית, גִיהעָרט האָט עָר, אַז עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת אִיז אֶפְשַׁר אַיינעָר פִין דִי אַרבַּע תַּעֲנִיתִים, האָט עָר ווִי אַלעָ עַמֵי הָאַרָצִים געָמַיינט, דאָס הַייסט האַרבּעָ תַּעֲנִיתִים, אִין עָר ר׳... מִיז זַייעָר שטאַרק זעָך אָננעָהמִין דִי האַרבּעָ תַּעֲנִיתִימס קרִיוודעָ, עָר מִיז דעָך בַּאווַייזִין, אַז עָר אִיז נאָך פרִימעָר פִין גאַנץ קָהָל, האָט בַּיי זעָך אָפּגִיקלעָהרט אַז עָר מִיז דאָ שַׁארף שמִיסִין, בִּפְרַט דעָר בָּחוּר, זאָגט מעָן, האָט געָלט, אִיז דעָך אַוודאַי גִינעָטִיהִק צִי מאַכִין אַגרוֹיסעָ וואַרעָ, מִיט הַוַיִת, עָר זאָל זעָך דעָרשרעָקִין.

ר׳... אִיז אַדִין יוּדִילעָ, מִיט אַווַייסעָר יאַרמִיקעָ, אִין אַפִּיאָס גרעָדִיטִירִין אַלט זִיפִּיצִיל מִיט אַסטראָקעָ, אָן אַגאַרטִיל ועָהט מעָן אַרוֹיס דעָם טַלִית קָטָן דעָם לאַנגִין, עָר זִיצט אוֹיוִין אָן בַּיים לאַנגִין הִילצעָרנִים פראָסטִין טִישׁ, אַף אַבאַנק אַדעָמבּעָנעָר, אַקִישִׁילעָ פִין צִיץ אִינטעָר גִילעָגט, אַפִּין טִישׁ לִיגט פאַר אִיהם אָפִּין אַזוהַר.

אַטשאַטעָ חַסידים קימען זעך צים אויף צו צוהערין די מַעשׂהות, דערנאָכדעם איז די צייט וואָס די יונגע בַּעלי בּיתלעך ווערבּויונען זעך אַליין צו ווערין חסידים, חאָטשע די עלטערע חסידים קאָנען שוין די מַעשׂהות פון צעהן מאָהל הערין טאַקע פון דעם ר׳ . . . . . איזים בּיי די יונגע צוציקים גאָר אַנייע זאַך, מאַכין זיי משׁונהנה הַויִחת (יאָה פאַרשטאַנען ניט פאַרשטאַנין, געשיקט זעך ס׳ אַזעלכס צו גלייבּין, אָדער געשיקט זעך ניט, ר׳ . . . אַליין דעם . . . איינקיל האָטים דערצעהלט, איזים אֶמֶת) אין דער וואָס זאָל חס ושלום ניט ווען אַלץ אָננעהמען פאַר מזומן, דער איז איין אַפּיקורים.

די טשאַטעָ חַסידים אין די יונגע בּעלי בּיתלעך גיבּין אָבּער גאָר נישט קיין געלט, אָדער ווען זיי גיבּין יאָה אַקליינע מַטבּע קלעקט דעך דאָס ניט ר׳ . . טראָגט ער אָפּ די מַעשׂהות אַהיים צו די נגידים, דאָרטין די סחורה אָפּ צו לעגין, מען זאָל איהם גרויסע מַטבּעות גיבּין, אַטהייל גיבּין געלט אַבּי איהם פּטור צו ווערין, ניט צו הערין די חַלשׁות מַעשׂהות, אַטהייל ווערין פאַרשוואַרצט אין מיין אויסהערין, דער נאָך גיבּין געלט ר׳ . . . .

אין קאַמיניץ איז דער ר׳ . . . גיזעסין בּיי איינעם איין עושר ר׳ משה בּלאַנק שפּעט בּיי נאַכט מיט זיינע מַעשׂהות דערצעהלין, דער ר׳ משה בּלאַנק האָט איהם שוין גיגיבּין אַפּאָר קערבּליך, ר׳ . . . דערצעהלט אָבּער ווייטער אין ווייטער, סיז שוין גיוועזין נאָך האַלבּע נאַכט, אַלע האָבּען גיוואָלט געהן זעך לעגין שלאָפין, ער וויל אָבּער גאָר ניט אויף הערין, האָט איינער אַקליגער אַזאַג גיטאָהן, אין מכּוח דער מעשׂה, האָט איהר ר׳ . . . ניט גיהערט האָט אָפּנים.

וואָס וואָס, וואָס פאַר אַמעשׂה פרעגט דער ר׳ . . . ער האָט געמיינט, אָט וועט ער דאָ האָבּין אַפרישין ליגין עפּים אַפרישע מעשׂה פּינים . . . דאָס קאָן איהם טויגין אין זיין קרום אַריין, זאָגטשע ר׳ קָרוב וואָס פאַר אַמַעשׂה.

איהר ווייסט ניט — זאָגט דער קליגער שפּעטער — איהר ווייסט ניט ר׳ . . . די מַעשׂה מיט דעם דיד אין דער בּאַביצע, מיט די קינדערליך, וואָס דער בּער איז געקימין אין האָט אָפּ . . . . געטיהין, די טיהר אויסגישלאָגין, סיז דעך אויך אַמוֹפת.

דער גאַנצער עולם האָט זעך אַזוי צעלאַכט, אַז ר׳ . . . איז אַנטלאָפין גיוואָרין, אַזוי איז מען זיינער פּטור גיוואָרין בּיי ר׳ משה בּלאַנק.

אַז מען ווייסט שוין ווער דער ר׳ . . . איז, אין וואָס ער איז, וועט מען ערשט

חסידישע רבים אָדער וואָס זיי רופֿן גוטע יודין געלט-מאַכן אַף דער מדינה וואָס ער פֿאָהרט אַרום) דער . . . רב (אַקליין שטעטיל ניט ווייט פֿון מעזיבוז) איז געווען ר' . . . איין איידים, דעריבער איז ער אויך געווען נאָך ר' . . . טויט אַחסידישער רבי, זיין זוהן ר' . . . איז געבליבן איתום נאָכן פֿאָטער, אין דערצו איין עם הארץ מפורסם.

ר' . . . האָט נישט געקאָנט ניט קיין נגלה, ווי דער פֿאָטער איז געווען אַלמן, האָט דער זוהן . . . ניט געוואָלט לערנען יונגערהייט אין האָט פֿאָפּראַסטע ניט געקאָנט, נעביך גאָר לחלוטין ניט (נסתר דאָס הייסט קבלה ביי חסידים) האָט ער פּשיטא ניט געקאָנט, אַפילו דאָס ביסיל פּלוידערן וואָס אַחסידישן רבינס אייהן הערט זעך אָן פֿון קינד ווייס אָן דער מיט אָפּציקימן אַשלש סעודת שבת, דאָס האָט ער אויך ניט געקאָנט, פּשוט איז פּשוט, ער איז געווען אָן אַלע זאַכן, נאָר דעם . . . . . . אַזיהן, ניט מעהר, עפּיס אַנדערש צו ווערן, האָט דער ר' . . . ניט געטויגט אָדער ער האָט ניט געוואָלט האַריווין שוועהר אַרבייטן, צו שטעלן זעך פֿאַר אַמשרת, אָדער פֿאַר אַשאַפֿער אין אַדאָרף האָט ער געמיינט עס שטעהט איהם ניט אָן (חאָטשע אינזער גמרא זאָגט פּשוט נבילה בשוק ואַל תצטרך לבריות דאָס הייסט אַפילו אַשינדער צו זיין אַבי ניט צו דאַרפֿן מען זאָל איהם צדקה געבן, דאָס ווילן די לייט ניט וויסן) דעריבער איז ער אַרום געפֿאָהרן פֿון איין שטאָט צו דער אַנדרער, אין פֿון איין שטעטיל צום אַנדערן געב געלט ר' . . . . . ., ווייל ער איז דעם . . . . . רבס זוהן.

פֿאָרט האָט דער ר' . . . עפּיס געטוהן וואָס אַלע חסידישע רבים טוהן, ער האָט געלאַגט אין ליגן געזאָגט, אַף איין אַנדרער מאָדע, ניט קיין מופֿתים האָט ער פֿיר געזאָגט ער ר' . . . . האָט מעשהות דערצעהלט, מעשהות פֿון ר' . . . זיין זיידן האָט ער געהאַט זעך אין טאַרבים פֿיל צו דערצעהלן, אַזעליכע משונהנה מעשהות, וואָס שטעהן גאָר ניט אינים ספר . . . (וואָס אַליניצער שוחט ר' בער האָט צום אויף געזאַמילט פֿון אַלע ליגנערס פֿון זיין דור, אַפֿין . . . אין פּינים . . . וועגן צו זאָגן, אין האָטים געדריקט, איידער ר' . . . האָט אָנגעהויבן צו מעשהנען) די גרעסטע ליגן האָט דער ר' . . . דערצעהלט מיט ערנצטע פּרימע הויזת, גלייך ווי סיז אמת אין עס וואָלט זעך געטראָפֿן ביים . . . די מעשהות עטליכע אין צוואַנציק האָט ער אימידים נאָך אַמאָהל, אין נאָך אַמאָהל, אין ווידער אַמאָהל אַלץ דערצעהלט בשעת

מִיר דֶעם בָּחוּר הַייסִין טַאקֶע אַנִידֶער לֶעגִין צֶעהְן גִילְדִין אַף אַטְרִינְק, אִין חָלִילָה דִי שַׁמָשִׁים נִיט צִי פַארגֶעסִין פַאקֶע, מִיז עֶר זַיי גִיבִּין צִי הַאלְבֶּע גִילְדִין אִיטְלִיכִין, נָא גִיבּ שׁוֹין בָּחוּר הִילְטַיי אַהֶער צֶעהְן גִילְדִין, אִין זַיי מְסַלֵק דִי שַׁמָשִׁים טַאקֶע, שַׁמָשִׁים, פִיהְרט אִיהם אַהִין צִים צַדִיקְס זִיהְן טַאקֶע, אִין זָאגְט טַאקֶע קָהָל הָאט גִיהַייסִין עֶר זָאל מִיט אִיהם מְשׁוּנֶה ווֶערִין הַא, חָלִילָה דֶעם צַדִיקְס זִיהְן, זָאל נִיט אַוועֶק פָאהְרִין חָלִילָה בְּרוֹגֶז, אָן גֶעלְט חָלִילָה פִין לַאהֲדָהְפָּאלִי חָלִילָה.

אַיידֶער ר׳ אִיצִיק הָאט גֶעהִיקֶעט, אִין אַיידֶער ר׳ טוֹבְיָה בִּילֶענְקִים הָאט גֶע אִיט אִיט, אִיז ר׳ אַבְרָהֶמִיל פַאקֶע טַאקֶע צִי גִינַאנְגֶען צִי מֶיכְלִן דֶער אִיז טַאקֶע ווִי אַמַצֵבָה גֶעשְׁטַאנֶען גֶעבִּינְדִין דִי הֶענְט, הָאט עֶר אִיהם אָפְּגֶעבִּינְדִין דִי הֶענְט, אִין הַייסְט זֶעך גִיבִּין צֶעהֶען גִילְדִין.

מִיכְל דִיבָּוועֶט גֶעלְט, אִין אִיז מְסַלֵק צֶעהְן גִילְדִין דֶעם קָהָלְנִי ר׳ אַבְרָהֶמְלִין, אִין נָאךְ אַווַייסִין גִילְדִין דִי שַׁמָשִׁים, שֶׁכְּל הָאט עֶר גִיהַאט, אַחוּץ דֶעם, נָאךְ אַגְרִיווִינְקֶע אַרַיין צִי רִיקִין דֶעם בְּעֶזִין שַׁמָשׁ יְחֶזְקֵאל (כְּדֵי עֶר זָאל אִיהם נִיט ווִידֶער בִּינְדִין אִין זָאל מִיט אִיהם גֶעהְן דוּרךְ אַיין אִינְטֶער גֶעסִיל צִי ר׳ . . . . .) דֶער אַנְדֶערֶע שַׁמָשׁ לַייבּ דֶער בְּלִינְדֶער אַף אַיין אוֹיג זָאל נִיט זֶעהֶען, יְחֶזְקֵאל הָאט פַארשְׁטַאנִין.

אַזוֹי הָאט זֶעךְ גִיעֶקְט דָאס קָהָל זֶעצִין, אִין דִי צְווַיי קָהָל שַׁמָשִׁים יְחֶזְקֵאל מִיט לַייבֶּען הָאבִּין גֶעפִיהְרט נִיט גֶעבִּינְדִין מֶיכְל בְּעֶלְפֶער אַחַאפּ אִין דֶער זַייט אַרַיין אַוועֶק מִיטְן אִינְטֶערגֶעסִיל, גֶעשְׁווִינְד אַוועֶק צִי ר׳ . . . דֶעם . . .

דֶער עוֹלָם אִיז מִיד פִינִים תָּעֲנִית אַטְהַייל, אִין דְרוֹיסֶען צִי שְׁטֶעהֶען אִיזִים ווִינְטֶער נִיט גִיט דֶער פְרוֹירִין צִי ווֶערִין, דֶערִיבָּער זֶענִין נָאר אַפִּיפְצִיק מֶענְשִׁין גִילָאפִין צִי ר׳ ... גָאסְפִּידֶע ווִי עֶר שְׁטֶעהְט אַיין, דִי אִיבְּרִיקֶע זֶענִין צֶעגַאנְגִין ווִיא זַאלְץ אִין וואַסֶער, יָאה הֲנָאֶה פִין קָהָלְס פְּסַק, נִיט הֲנָאֶה, אַבִּי עֶס הָאט זֶעךְ עֶפִּיס גֶעטִיהְן, אִין עֶס טִיהְט זֶעךְ נָאךְ אִין לַאהֲדָהְפָּאלִי.

5.

ר׳ . . . דֶעם . . . רָבָּס, דֶער וואָס אִיז אַצִינְד גֶעקִימִין קַיין לַאהֲדָהְפָּאלִי. גֶעלְט מַאכִין (דָאס גֶעלְט וואָס עֶר מַאכְט אִיז נִיט פַאלְשׁ גֶעלְט חָלִילָה, נָאר דֶער מֶענְשׁ מַאכְט פַאלְשֶׁע אָנְשְׁטֶעלִין, מֶען זָאל אִיהם גִיבִּין גֶעלְט, דָאס רִיפְט מֶען בַּיי אַלֶע

דֶער עוֹלם וואָס דאָ איז גיוועֶזין אין קָהלס-שטיבּ, האָבּין אַלֶע אַרויס גילאָזט אַגילֶעכטֶער אַף עֶטליכֶע מינוּט.

אַלֶע בּלייבּין שטיל אַז מען זֶעהט ר׳ טוביהֶ וויל עֶפינין דאָס מויל, ר׳ טוביהֶ בּילֶענקים זאָגט אָבּעֶר גאָר אַגלַייך ווֶערטילֶע, אַחבּראָש איינֶער, פאַר וואָס האָסט דיא דאָס ניט געֶטיהין איין אַנדערן טאָג ניט אין אַתָּעֲנוּת איט, וואָלט קָהָל דערוַויל אַטרינק גֶעטיהין גיטין מעֶד.

בּיידעֶ אַנדרעֶ קַהַלנים האָבּין לְכַתְּחִלָּה ניט פאַרשטאַנין דאָס גלַייכֶע ווֶערטיל, עֶרשט מיט אַמינוּט שפּעֶטעֶר האָט ר׳ איציק זאַהיקעֶ אַרויס גילאָזט אַגילֶעכטעֶר ס ס ט אַטש, אַז אַז ד דעֶר בּ בָּחוּר ז זאָ זאָל זאָל גי גי גי גיוועֶזין נ ניט ניט אין א אַ תָּעֲנית פּ פּ פר פרעֶסין, וואָלט דֶ דֶ דעֶך קָהָל נ ניט ניט גי גי גיזעֶסין, האַ.

דעֶר עולם וואָלט גילאַכט, נאָר דאָס בּיטעֶרעֶ היקעֶן האָט קאַלי גימאַכט, ר׳ אַברהֶמיל ווֶעלים טיהט זֶעך אַטאַפּ בּיים קליינים בּעֶרדיל אין זאָגט מיט איין עֶרינצטעֶר הַוָיָה וואָס מיר ווֶעלין איהם שעֶנקין, חָלילה, אינזעֶר טרינק ווֶעלין מיר אַף דעֶר נאַכט טיהן טאַקעֶ, עֶר האָט ניט גיוואָלט טאַקעֶ וואַרטין בּיז אַף דעֶר נאַכט פּאַקעֶ, מיר ווֶעלין טאַקעֶ פּאַקעֶ יאָה וואַרטין טאַקעֶ.

מיכל שטעֶהט אין גיהאַקטעֶ ווינדין, נאָר פּאָרט טיהט עֶר אַזאָג איהר זֶענט אַוַודאַי גירעֶכט, איך האָבּ אַגרויסעֶ עֲבֵירָה געֶטיהין, נאָר, בּיי אינז יודין איז דאָ אַשְׁלְחָן עָרוּךְ, שטעֶהט דאָרטין אַרויס געֶשריבּין וואָס פאַר איין עוֹנֶשׁ עֶס קימט אַף איטליכעֶר עֲבֵירָה, חאָטשעֶ איך בּין ניט קיין לַמְדָן, וויים איך אַז פאַר אַזאַ עֲבֵירָה קימט ניט בּינדין, קימט ניט שוֹפֵך דַם צי זַיין אַמעֶנשין, אֶפשר.

עֶר מיכל וואָלט גיוועֶזין וַוייטעֶר גיזאָגט, טיהט ר׳ טוביהֶ בּילֶענקים אַגישריי מיט כַּעַס תַּרבּית שייגיץ איט. פּושע ישׂראל איט, איך ווֶעל דיר איט וויזין איט ווֶער עֶלטעֶר איז איט.

ר׳ אַברהֶמיל ווֶעלים, מאַכט גאָר איין עֶק דעֶם קָהלס פְּסַק, אין הייבּט אָן גאָר מיט, חָלילֶה, מיר שיקין דעֶם בָּחוּר מיט צוויי שַמָשים פּאַקעֶ אַוועֶק צי ר׳ . . . . דעֶם . . . . דעֶם צַדיקס זיהן קאָן חָלילֶה אַוועֶק פאָהרין פין לא הָיָה פאָלי אין זאָל קיין געֶלט ניט מאַכין, וויל די שטאָט איז היינט זייעֶר גיפאַלין טאַקעֶ, דעֶר צי האָט ר׳ . . פּאַקעֶ עֶרשט גימאַכט געֶלט, נאָ, האַ, נאָ קאָן דעֶך דעֶם צַדיקס זיהן חָלילֶה, האַ בְּרוֹגֶז אַוועֶק פאָהרין פין לאָהיהפאָלי חָלילֶה, האַ, לאָם

כָּבוד, ווי אַזאַ הילטיי שטעהט אָן, לאָז ער וויסין דער אַחבּראָש, לאָז ער ניט עסין אין אַתּעֲנית, אַזאַ מיכל מַצֵבָה האָט געמיינט מען וועט איהם ניט חאַפּין, ניין אַמַכָּה, איידער די שטאָט זאָל פאַרשוואַרצט ווערין קימפּיטאָרינס זאָלים חַס וְשָׁלום רייסין, בּעסער ווער דיא מיכל מַצֵבָה אויסגעריסין, אַבּי סיז שוין בּפַרהֶסיא וועטיס דער שטאָט ניט שאַטין, קיקט נאָר ווי ער געהט אַזוי גלייך טאַקע ווי אַמַצֵבֶה, אַמַצֵבֶה זאָל מען איהם שוין גיך אין בּאַלד שטעלין.

אַמַכָּה איהם, איהם אַמַצֵבֶה שטעלין, ניט דערלעבין זאָל ער עס, אַזאַ הילטיי איז קראַנק צו ליגין אינטער אַפּלויט וויט ווייט הערט ווייט פינים בּית עָלמון.

דאָס האָבּען ווידער עטליכע מענשין גיזאָגט, גישווינד גירעט נאָר שוין ניט גילאָפין וויל די שַמָשים מיט מיכלן געהן דעך ניט לויפינדיק.

געבּינדענער-הייט האָט מען מיכל מַצֵבָה געפיהרט אין קָהָלס שטיבּ אַריין, בּאַלייט פון דעם לאַהיהפּאַליר עולם.

אין קָהָלס שטיבּ זענין גיזעסין דריי ראָשי קָהָלָה (אָדער קָהַלנים ריפט מען זיי אַף רוסיש, יודין האָבּין אין די שטעטליך זיי געריפין אַף דעם אַלטין נאָמין פַּרנס-חֲדָשים) ר׳ טוביה בּילענקים איוד אַלאַנגער אַמאַגערער מיט אַרויטער לאַנגער בּארד, חאָטשע די ליפּין זענין פאַרשמאַכט, האָט דאָס פָּנים פאָרט גיפלאַמט. אֶפשר וויל דרויסין איז ווינטער קאַלט, אינים קָהָלס שטיבּיל איז גיוועזין הייס וואַרים. דערצו האָבּען זעך אָנגעשטיפּט פיעל מענשין, ר׳ אַברהמיל וועלים זייער אַגראָבּער אַקליינער מיט אַשיטער גראָה קליין בּערדילע, אין אַצעריסינעם קאַפּטין, מיט בּעזע צוויי מאוסה אויגין, אין ר׳ איציק זאַהיקע אַיוד פון אַיאָהר פיפציק מיט זייער אַלאַנגער בּאָרד גיטהיילט אַף צוויי העלפטין כּמעט ווי צוויי בּערד, אין בּיידע פיאות זענין קאָלטינים, ניט גרויס ניט קליין איז ער, אָנגעטיהין אין אַלאַנגין גישטעפּטין בּרישלייק, אין גינאַרטילט מיט אַנשאַר פון אַגאַרטיל, די דריי זיצין אַרים אַטיש, ר׳ טוביה בּילענקים גאַנץ אויוין אָן די אַנדערע צוויי פון בּיידע זייטין.

ווי מען האָט מיכל מַצֵבָה אַריין גיבּראַכט, שטיפין איהם די צוויי שַמָשים צו צום טיש, געהע צו די בָּחור, עסין אים עֲשָׂרה בּטבת קאָנסט דיא, האָבּען מיר דיר כָּבוד אָן גיטיהין דיך אַהער צו קָהָל צו בּרענגין, אין קָהָל זאָל לעבּין, וועט הייסין דיר נאָך מעהר כָּבוד אָן טיהין.

שענער, ער האט שיינצין זייער ליב גיהאט. אין זיא האט ערשט נאך די תנאים אנגיהויבין איהר מיכלן זייער ליב צי האבען, חאטשע אין אזא שטעטיל — (איך האב מיך ארויס גיחאפט האט ניט פאר איבל) — אין אזא שטאט ווי לאהיהפאלי, טאהר אחתן מיט אכלה ניט פיל שמיסין, נאר דורך דעם אויס-רעד, אז ער וויל זיא אויס לערנין ציפער חשבנין, מהיכא תיתא עס קאן אמאהל צי ניץ קימין, האט אהרן שמש גיזאגט, פלעגט מיכל אלע טאג ציקימין, אויב ער מיט איהר האבין געציפערט, ווייסט מען ניט, געשמיסט האבין זיי אוודאי, ווי אקליגער חתן מיט אזא זעהר שענער כלה האבין געדארפט.

4.

אין דער שטאט **לאהיהפאלי** איז עשרה בטבת (שנת תקעב) אגערידער, פין איין עק שטאט צי דער אנדרער לויפין אלטע אין יונגע יודין אין ווייבער אין קליינע מיידליך אפילו לויפין ווי בשעת אשריפה, מען לויפט מען יאגט זעך, מען דער יאגט איינער דעם אנדערן, אטהייל לויפין שווייגינדיק, אין אטהייל רעדין אין מאכין ווי מען קלינגט מיט דער צינג אין מיט די ליפען, עס פארלויפט זעך ניט, אזא הילטיי, אזא הילטיי, אין קיין שום שטאט טרעפט זעך'ס ניט, נאר אין לאהיהפאלי מיז זעך אזעליכס טרעפין, רחמנא יצילינו, סיז באשערט די שטאט לאהיהפאלי זאל האבין עגמת נפש, אזא הילטיי, אזא הילטיי, דער אייבערשטער זאל משמר אין מציל זיין, קים גיחער, גישווינד, לאמסיר הערין וואס דער אחבראש וועט זאגין, נאר אפשמייסין אין פין דער שטאט ארויס טרייבין, איך וויל איהם אנקיקין דעם הילטיי אין זיין טריפה פרצופרא, וואס האט גיזאלט זיין דער שטאט, זאל מיר צי זיין קאפ אויסגעהן, אשטאט חלעבין לאהיהפאלי, אין לאהיהפאלי קאן זעך אזעליכס אויך טרעפין, אזא פושע ישראל, פארצייטין וואלט מען אזא רשע פארשטיינט, דאס וואס דא איז גיזאגט גיווארין, האבען אצעהן יודין דורך אנאנדער גירעט אין גיזאגט, אלע אין איינעם איטליכער באזינדער טאקע לויפינדיקער הייט, סאפינדיקר הייט, אין איין אטהים, אטהייל מיט אהאלבין אטהים.

מיט אמאהל ווערט פין אלע זייטן אגישריי אט איז ער, אט איז ער, אט פיהרט מען איהם, גיט גיט, ביידע הענט ארינטער געבינדין צוויי קהלס שמשים, גיט מיט

חנאה, אז אין שמעון דעם רייכינס ווייבס שטערענטיכיל זאל איהר שיינצי געהן אנגעטיהין, טיהט זיא אגישריי וואס פאר אגאט מיר האבען, אט יענטע פעסי האט געמיינט זיא האט מחילה גאט ביי די פיס אנגעחאפט, אין פלעגט אלץ מאכין מיטן חן מהילה, וואס ווילין נאך די פאסקידנע שמשטים האבין פין מיר וויזאגט מען עפים ני דאי ני לאי, וואס מאכסט די יענטע פעסי נאך מחילה מיט דער מאנאריע, הייינט וועט די פאסקידנע שמשטע האבין די גדולה, אז איהר שיינצי וועט געהן אין שיל אריין אין יענטי פעסים שטערענטיכיל מחילה, וואס שוויגסט דיא אהרן, ממה-נפשך אזוויג איז דעך מחילה מן השמים.

אהרן שמש מיט די טריפינדיקע אויגין, טיהט אקיק אף זיין ווייב שרהן אין אף שיינצין, זעהט ער, אז ביידע ווילין דעם שודך, טיהט ער אמאך מיט דער האנט נא ר' שלמה, אז סיז באשערט משונה, לעגט אייך אריין דרינין.

דער מלמד שלמה בעשעכים האט זעך טאקע אריין גילעגט, אין סיז גיווארין תנאים צו מזל, ראש חודש אדר זאל זיין די חתונה.

שיינצי האט קיין חשבון פין געלט ניט געוויסט, דעריבער האט זיא ניט פארשטאנין אז פין ריש זהובים נדן-געלט באם מען וועט לייען אף אשטערענטיכיל, וועטים מן הסתם, ניט אזוי גרויס זיין וויא גיטילע ר' גבריאלס שטערענטיכיל, האט זיא שוין איינגיקלעבט אין קעמריל אשטיקיל שפיגיל תיכף נאך די תנאים, זיא זאל זעך דרינין אנקיקין נאך דער חתונה אינים גרויסין שטערענטיכיל, דער וויל אים זיא אכלה.

שרה די שמשטע האט גיהאט גרויס הנאה, אמאהל זאל זיא אויך קאנין זיין אמחותנתטע, אמאהל זאל מען איהר אויך זאגין מזל טוב, ניט אלץ זיא זאל זאגין איטליכין מזל טוב, אין פין דער נקמה יענטי-פעסים שטערענטיכיל זאל אנקימין צו איהר שיינצין דער פאסקידנע שמשטעם שיינצי וועט געהן דרינין, אים זיא שוין גיווארין ברייטער ווי לענגער.

אהרן שמש אקליגער יוד, האט אלע נגידים בשעת זיי האבען איהם גיזאגט-מזל טוב אהרן, גיענטפערט (ניט אשענים דאנק) מזל טוב אייך, איהר וועט דעך חתונה מאכין, קימט אייך דער מזל טוב משונה, איך וועל נאר זיין אשמש ביי אייך צים-אויף נעהמין דאס געלט אף דעם נדן, אין אף קליידערלעך משונה.

דער חתן מיכל בעלפער, האט שכל גיהאט הנאה צו האבען, אז ער האט גיזעהען ווי די שענע שיינצי, איז נאך שענער, גיווארין אין ווערט וואס אטאג שענער אין

אַהרן שַמש האָט זעך אַבעֶזיר געֶטיהין אַיודֶנה האָט לאַנגעֶ האָר אין קעֶרצעֶן שֵכֶל משונֶה, דיא האָסט פאַרגעֶסין אַז אשטעֶרעֶנטיכיל מיז שיינצי האָבּין משונֶה, אַיאָה, הַא מֵילֶא, קעֶסט קאָנין מיר זיי גיבּין משונה, נאָר אַשטעֶרעֶנטיכיל, דאָס איז משונה דעֶר עיקר, וואָס זאָגט איהר דאָ ר׳ שלמה.

דאָ איז שיינצי אַריין געֶשפּרינגין פינים קעֶמיריל, מיט אַגיוויין איך וויל אַגרויס שטעֶרעֶנטיכיל, וואָס דעֶן איהר ווילט מיך פאַר שלייערין ווי אַשיקסעֶ אָן אַשטעֶרעֶנטיכיל, וויל איך אַוודאַי נישט.

שָׂרָה די שַמשטעֶ ווערט בּלאַט מיט שלמה בּעֶשעֶכים, אין טייט מיט די פינגעֶר אַף איהר מאַן. זעֶהט איהר מחילה וואָס עֶר האָט אָן גיאַרבּיט, ווען האָט זיא גיזעֶהעֶן אַשטעֶרעֶנטיכיל פאַר זעך מחילה, וואָלט זיא מחילה גאָר געֶוויסט וואָס אַשטעֶרעֶנטיכיל איז, קימט עֶר מחילה אין הייבּט אָן, דאַכט זעך איהר מחילה, אַז אָן אַשטעֶרעֶנטיכיל הייסט מחילה פאַרשלייעֶרט.

שיינצי עֶנטפעֶרט אַוודאַי האָבּ איך ניט גיזעֶהעֶן, וואָס איך האָבּ קיין אויגין ניט, אַז די נגידיתטים געֶהעֶן שמחת תורה קישין די תורת געֶהן זיי אין שטעֶרעֶנטיכליך, די קַבּצָנישעֶ ווייבּעֶר האָבּין טאַקעֶ אָן אַשטעֶרעֶנטיכיל אַפּנים ווי משה גראָנים, איך וויל טאַקעֶ אַגרויס שטעֶרנעֶטיכיל ווי גיטילעֶ ר׳ גַבריאֵלס מיט גרויסעֶ פעֶריל, אין מיט דימיטין פאַר וואָס ניט.

חַא חַא חַא — לאַכט שָׂרה — אָט דיא בּיסט נאָך מחילה גאָר אַקעֶלבּעֶלעֶה, גיטילעֶ ר׳ גַבריאֵלס שטעֶרעֶנטיכיל קאָסט אֶפשר טָויזעֶנט רעֶנדליך מחילה.

ר׳ שלמה בּעֶשעֶכים האָט אין די רעֶד אויסגיקנעֶלט איין עֵצה, ווייסט איהר וואָס מעֶן טיהט, לחלוטין אַזוי ווי אַברָהם אָבינו האָט גיטעֶניט גֵר ותושָב אָנוכי עִמָכֶם, פין דעֶם נַדָן געֶלט וועֶט מעֶן אַנטלייַעֶן געֶלט אַף אַשטעֶרעֶנטיכיל, וועֶט זיין אי גֵר אי תושָב לחלוטין, הַא אָט שמעון דעֶר רייכעֶר איז היינט לחלוטין זייער געֶמיין, די שטיבּ האָט עֶר פאַרקויפט, בּלייבּט איהם נאָר דאָס שטעֶרעֶנטיכיל דעֶם ווייבּס לחלוטין, מֵילֶא, וויל זיא ניט פאַרקויפין, אָבּעֶר געֶלט צי לייעֶן אַף דעֶם שטעֶרעֶנטיכיל לחלוטין מיס זיא דעֶך וועֶלין, דאָס יונגיל לעֶרינט בּיי מיר, האָט מעֶן מיר ניט צי צאָהלין לחלוטין שַכר לִמוד, אין דאָס יונגיל איז אַפילו אַבּר הַבָנה אַיונגיל, לחלוטין געֶהט עֶר נעֶבּיך קריעֶה ובליֶה, הַא, אַיאָה אַוואָילעֶ עֵצה לחלוטין.

שָׂרה אויבּ זיא וואָלט מַסכים גיוועֶזין אַף דעֶר עֵצֶה, אָדעֶר נישט, האָט גרויס

שודך, ווי איהר קוקט איהם אן לחלוטין דעם מיכלן, איז ער טלובש לחלוטין מעשה מלכות, ער האט איין קאפטין אין דעם אנדערן, אין האט אפשר דריי הינדערט גילדין מזומן, אחוץ דעם איז ער אייך אגרויסער בעל תכלית, ער לעגט אייך אגראשין צו אגראשין, אין איז ביי די נגידים דאס אויג אין קאפ, ער ווייסט אייך לחלוטין פון אלע משא ומתנת וואס זיי טיהין, וויל ער שרייבט לחלוטין אלע וייערע כתבים, אפילו דער פאדראדשיק מאיר ציפה'ס בעט איהם תמיד זיינע קאנטראקטין צו לעינין וואס ער האט מיט דער קאזנא אף שטעמפיליאווע פאפיר לחלוטין, אין דעם שטאט ארענדארס קוויטעם אף פויליש, לעינט ער אייך, אין זאגט ווי איטליכער פרוץ הייסט, אין ווען דער זמן איז, היי היי וואלט איך ווערטה גיוועזין פון גאט אמיידיל צו האבין, וואלט איך אועליכין לחלוטין מיט ביידע הענט גיחאפט פאר איין איידים, זיין קנעלין האט לחלוטין קיין שאץ ניט, אסדרה חומש אפ צו לערנין מיט די גרעסטע תלמודים איז ביי מיכלין לחלוטין ווי אפרשה, אז איהר ווילט, וועל איך אייך נאך אסוד אויס זאגין, מיכל האט אגאנץ וואיל קולכין, אז ער וועט ארויף חאפין דעם טלית אפין קאפ, וועט ער זיין אבעל תפולה, וואס מען וועט לעקין די פינגער לחלוטין נאך זיין דאבנין, פאלגט שלמה בעשעכים, אין טיהט דעם שודך לחלוטין טאקע זאריז, איהר ר' אהרן ווייסט דעך ווי עס שטעהט פן יקדמנו אחר עקט, אין לאז זיין אמזל טוב לחלוטין.

שיינצי חאטשע בשעת ר' שלמה האט געשמיסט מכוחן שודך האט מען איהר גיזאגט געה אף ארגעלה אין קעמירל אריין, ווי ווייט איז דען פון דעם שמשס שטיביל ביז צים קעמיריל, נעהנטער וויא פינים פריפיטשיק צים ריבקילע, אוועקטיל פון ברעטליך קאן גאר ניט אויף האלטין, זיא זאל ניט הערין איטליכס ווארט וואס ר' שלמה בעשעכים האט גירעט.

שרה די שמשטע האט גיזאגט דער שודך געפעלט איהר, רייש זהובים וועט זיא גיבין נדן, הינדערט גילדין האט זיא מחילה איינס אין איינס צו צעהלין חאטשע זאריז, אין סיז דעך דרויף אשטאט מחילה, וואס שוויגסט דיא אהרן, דיינע געזינטע בעלי בתים מחילה, אז דיא וועסט זיי טראגין לעקיך, וועלין זיי ניט צים אויף ווארפין הינדערט גילדין מחילה, איי קליידערלעך מחילה, דרויף איז גאט אפאטער, פעדרין מחילה, אין מהילה בעטגיוואנט, וועל איך פאר נויט מיינס אוועק גיבין מחילה, אין טאקע תיכף נאך ומים טובים מחילה זאל זיין די חתונה.

מִיט הֶעקִילֶעך (נִיט מִיט סטרָאקִים) אִין שטַארק צִי גִיגַארטִילט מִיט אַשוואַרצִין גַארטִיל, אַהוֹיכִין ספָּאדִיק מִיט אַרייַנעֶר פְּלִיסִינעֶר יַארמִיקֶע, דָאס אִין גַאנצעֶן הָאט גִיהַייסִין מֶיכל בֶּעלפֶער.

שַׁיינצִי הָאט אִיבּרן זִימעֶר (פַאר דעֶם ווִינטעֶר וואָס אִינזעֶר מַעשה הַייבּט זעֶך אָן) זעֶך אוֹיס גִילֶערִינט דַאבנִין אִין לֵיענִין אִין שרַייבִּין טַאקעֶ בֶּעסעֶר פִין אַלֶע מַיידלִיך, אִין מֶיכל הָאט גִינעֶהמִין זַיינעֶ פִּיפּצעֶהן ווַייסעֶ גִילדִין.

דעֶר שַׁמשׁ מִיט דעֶר שַׁמשטעֶ, הָאבּעֶן אַפִילו גִיקרעֶכצט, פִּיפּצעֶהן ווַייסעֶ גִילדִין צִי גִיבִּין פִין דעֶר קעֶשִׁינעֶ, נָאר פָארט הָאבּעֶן זיי הֲנָאָה גִיהַאט, אַז דָאס אֵיינצִיקעֶ קִינד הָאט גרוֹיס חֵשֶק גִיהַאט, אִין הָאט גִיקָאנט דַאבנִין לֵיענִין ווִי אַוואַסעֶר, דעֶר צִי אַלעֶ פִירגרִייזִין הָאט זִיא גִיקָאנט אוֹיסעֶנווֶענִיק שרַייבִּין. ווָאִיל טַאקעֶ.

3.

דעֶר מְלַמֵד שלמה בֶּעשׁעֶכִים אִיז קַיין נַאר*) נִיט גִיוועֶזִין, עֶר הָאט פַארשטַאנִין אַז דעֶר מֶיכל בֶּעלפֶער הַאלט אִיהם זַיין גַאנץ חֵדֶר, אִין ווִי בַּאלד מֶיכל ווֶעט חַתִינָה הָאבִּין ווֶעט עֶר אַליין ווֶערִין דעֶר גרעֶסטעֶר מְלַמֵד (חַתוּנה הָאבִּין מִיז מעֶן, בַּאִים מעֶן וִויל ווֶערִין אַמְלַמֵד, כָּל זְמַן מעֶן הָאט נִיט חַתוּנה הַייסט מעֶן נָאר בֶּעלפֶער) דעֶרִיבּעֶר הָאט עֶר בַּאצַייטִין מִיט מֶיכל מַצֵבָה גִימַאכט אַשׁוּתֶפֶת מִיט אַתְנַאי, בֶּאִים עֶר ווֶעט חַתוּנָה הָאבֶּען, זָאל עֶר זעֶך נִיט מַאכִין קַיין בַּאזִינדעֶר חֵדֶר, רַק בּשׁוּתָפֶת זָאל זַיין דָאס גַאנצעֶ חֵדֶר, נָאר אַקדִימֶה זָאל הָאבֶּען ר׳ שלמה בֶּעשׁעֶכִים צוויי רעֶנדלִיך.

מֶיכל מַצֵבָה אִיז מרוּצֶה גִיוָוארִין דרוֹיף, נָאר אַף דעֶם תְּנַאי, אַז ר׳ שלמה בֶּעשׁעֶכִים זָאל אִיהם גִיבִּין תְּקִיעַת כַּף, עֶר אַליין זָאל זַיין דעֶר שַׁדכָן, אַז אַהרן שַׁמשׁ זָאל אִיהם גִיבִּין זַיין מַיידִיל פַאר אַווַייבּ.

שלמה בֶּעשׁעֶכִים דעֶר מְלַמֵד הָאט זַיין תְּקִיעַת כַּף גִיהַאלטִין, אִין הָאט דעֶם שַׁמשׁ אַהרן מִיט דעֶר שַׁמשטעֶ שָׁרהָן גִיגעֶבִּין צִי פַארשטעֶהן, אַז דָאס אִיז זַייעֶר אַווָאִילעֶר

---

*) נַאר, פרָאסטעֶ יוּדִין מַיינעֶן, אַז דָאס ווָארט נַאר אִיז אַלָשׁון קוֹדֶשׁ ווָארט, רעֶדִיבּעֶר שרַייבִּין זיי נַאר בֶּאמת אָבֶּער אִיזִיס אַדַייטשׁ ווָארט, אַף אַלטעֶ אַפִילו, דעֶר וואָס הָאט דעֶם שֵׂכל נִיט ווִיא אַמעֶנשׁ דאַרף הָאבֶּען, הַייסט אַף דַייטשׁ נַארר מִיט צוויי ר׳, אַיוּד שרַייבּט נַאר מִיט אֵיין ר׳.

2.

מֶיכל בּעֶלפעֶר איז גיוועֶזין בּיים בּעֶסטין דַרְדְקאָ מְלַמֵד שלמה בּעֶשעֶכים דעֶר אויבּעֶר בּעֶלפעֶר, מעֶן האָט איהם געֶריפין מֶיכל מַצֵבָה ווייל עֶר איז תָמיד גלַייך מיטן קאָפּ אַרויף גיגאַנגין (ניט ווי אַנדרעֶרעֶ וואָס דעֶר קאָפּ געֶהט בּיי זיי פריהר) מֶיכל האָט גיקאָנט שעֶן שרייבּין, אין מיט דעֶר גרעֶסרעֶר כּיתּה האָט עֶר גילעֶרינט חוּמש, דעֶריבּעֶר איז עֶר חָשוּב גיוועֶזין בּיי דעֶם מְלַמֵד שלמה בּעֶשעֶכים, עֶר האָט איהם גיגעֶבּין מֵדי זְמַן בּזְמַן צוואָנציק ווייסעֶ גילדין, אַחוּץ בּעֶהלפעֶר געֶלט פין איטליכין קינד, דאָס האָט אֶפשר גימאַכט נאָך אַמאָהל צוואָנציק גילדין אַזמַן, קעֶסט האָט עֶר חוֹדֶש ווייס גיגעֶסין בּיי די בַּעלֵי בָתים.

נאָך האָט דעֶר מֶיכל מַצֵבה מֶיכל בּעֶלפעֶר גיהאַט אַזמַן נאָך מעֶהר פין צוואָנציק ווייסעֶ גילדין, וואָס עֶר האָט גילעֶרינט מיידלעֶך שרייבּין, נגידישעֶ מיידלעֶך האָבּין לעֵינין אין דאַבנין גילעֶרינט בּיים מְלַמֵד שלמה בּעֶשעֶכים, נאָר פאַרין שרייבּין האָט מעֶן מיכלן בּאַזינדעֶר גיצאָהלט.

מֶיכל בּעֶלפעֶר האָט גיקאָנט אַבּיסיל מאַסקוויטיריש אויך, פלעֶגט מעֶן צי איהם געֶהן איבּעֶרלעֶיינין אַבּילעֶט איך בּעֶט דעֶך מֶיכל טיה נאָר אַזעֶה, ווען געֶהט מיר אויס מיין בּילעֶט, פאַר אַזאַ טוֹבה צאָהלט מעֶן ניט אַגראָשין, אַפילו ניט אַשעֶנים דאַנק זאָגט מעֶן ניט, ווייל לרוֹב האָט מֶיכל אַשלעֶכטעֶ בּשוֹרה געֶזאָגט האָ האָ, דעֶר בּילעֶט איז שוין לאַנג עוֹבר.

ציפעֶר, האָט מֶיכל אויך גיקאָנט, דאָס איז אַוודאַי גאָר ניט צי ניץ געֶקימין, ווייל יידין פין אַזאַ שטאָט, זאָגין אַגלייך ווערטיל, אין לאַכין דעֶרבּיי היי היי ווי נעֶם איך דאָס געֶלט וואָס איך וואָלט גיקאָנט איבּעֶר חֶשבּנין מיט רינגיליך שטרעֶכיליך, אָט די וואָס רעֶכינין אַף ציפעֶר, זאָגין אַלץ פיניף, בּאַהאַלט אַכט בּאַהאַלט בּאַהאַלט, צים סוֹף איז ניט דאָ אַגראָשין, חאַ חאַ חאַ.

מֶיכל מַצֵבה אַשעֶנעֶר יונג פין אַיאָהר צוואָנציק מיט געֶקרייזילטעֶ פֵּאוֹת תָמיד האַרט פינים צוואָגין מיט בּיר, גאַנצעֶ שיך מיט שפּיצין, אין זאָקין בּיז אין דעֶר העֶלפט פאָדים ווייטעֶר אַראָפּ פין בּאַמוויל, אין לייַנוואַטינעֶ פלידירין מיט געֶלעֶ בּעֶנדליך, אין אַבּלאָה קיטאַיאָווינים אַרבּעֶ כּנפוֹת מיט אַקעֶלנעֶריל פאַרין האַלז, אַקאַפּטאַניק

אַשַׁמשׁ'ס אַמֵיידיל, אַבֵּיתמֶדרֶש שמשׁ'ס אַמֵיידיל, וואָס דעֶר פאָטעֶר מיט דעֶר מיטעֶר וואָינין אין בֵּית מֶדרֶש אין אַשטיבּיל, ועֶהט פאַר איהרעֶ אויגין ניט מעֶהר נאָר יוּדין, אָדער יוּנגליך בַּעַלבָּתלִיך, אָדעֶר מְלַמדִים וואָס קימין אַמאָהל אַרַיין צים פאָטעֶר, אָדעֶר די וואָס קימין אַמאָהל היפּין די מיטעֶר צי אַקימפּיטאָרין גישווינד שָׂרָה מעֶן דאַרף אַייך, נאָך האָט זיא גיזעֶהעֶן מעֶנשין פינים בֵּית מֶדרֶש אים ווינטעֶר, וואָס זעֶנין פינים לעֶרנעֶן גיקימין אַטרינק וואַסעֶר טיהין, אין די מיטעֶר פלעֶגט זעֶך צי בּעֶזורין אָהאָ, די תּוֹרָה האָט זעֶך צעֶבּרעֶנט אין אַייך, שעֶפּט איהר מיר אויס דאָס גאַנצעֶ וואַסעֶר, אַוודאַי יאָה פאַר די דריטהאַלבּין גילדין שכירוּת אַוואָך וואָס אַהרן נעֶמט מישטעֶנז גיזאָגט זאָל.עֶר נאָך וואָסעֶר גיבּין מישטעֶנז גיזאָגט חאָטשעֶ נאָך אַמאָהל מישטעֶנז גיזאָגט וואַסעֶר האָט מעֶן גישעֶפּט.

קיין ווייבּעֶר אָדעֶר מֵיידליך האָט זיא שֵׁיינצִי קיין מאָהל ניט גיזעֶהעֶן, נאָר זימעֶר פלעֶגין מֵיידליך זעֶך צים אויף צִיקימין אין פאָליש פין דעֶר שיל, זעֶך לעֶרנין טאַנצין אַיינעֶ בּיי דעֶר אַנדרעֶר; דעֶנצמאָהלט אים זיא אויך גיגאַנגין אינים קאָהן. האָט זיא זעֶך אויס גילעֶרינט טאַנצין, אין טשַייכין שפּילעֶן, אין לידליך זינגין.

שֵׁיינצִי האָט זעֶך מקַנאֶ גיוועֶזין, אין די נגידישעֶ מֵיידליך, וואָס האָבּעֶן דאָ אינים פאָליש גיוואוינט זַיירעֶ פירגריזין אָף געֶוויריט פאַפּיר געֶשריבּין, אין ווי זיי האָבּעֶן זעֶך בּאַריהמט אַז זיי קאָנין שוין דאַבנין אין לעֶינין, האָט זיא גיוויינט. אין גיבּעֶטין דעֶם פאָטעֶר מיט דעֶר מיטעֶר, מעֶן זאָל זיא אויך אויסלעֶרנין שרייבּין דאַבנין אין לעֶינין.

איין אייניציק קינד, אַז זיא וויל ניט עֶסין ניט דעֶם לעֶקיך, ניט די גיבּראָטינעֶ פעֶרטיל קאַפּהינעֶר וואָס די מיטעֶר שָׂרָה גיבּט איהר, נאָר וויינעֶן אין וויינעֶן, זיא וויל רַק מעֶן זאָל זיא לאָזין לעֶהרנין וואָס אַנדעֶרעֶ מֵיידליך קאָנין, האָבּעֶן די פאָטעֶר אין מיטעֶר איהר געֶמיזט צי ליבּ טיהין אין צי גיזאָגט יאָה שֵׁיינציניאָ ליאָבּיניאָ, אַפִּי עֶם מיר ווילין דיר מאָרגין גאַנץ פריה בּאַדינגין דעֶם בּעֶלפעֶר מֶיכל, וועֶט עֶר דיך אויסלעֶרנין בּעֶסעֶר פין אַלעֶ מֵיידליך זאָלסט דיא קאָנין.

בּאֶמת איז דעֶר אַהרֹן שַׁמשׁ קיין אָרימאַן ניט גיוועֶזין, עֶר האָט גיהאַט געֶלט, אין דאָס ווייבּ שָׂרָה האָט גיהאַט איהר בּאַזינדעֶר קניפּיל געֶלט, האָט מעֶן טאַקעֶ דעֶם אַנדעֶרן אין דעֶר פריה נאָך פאַר דעֶם דאַבנין געֶריפין דעֶם מֶיכלן, אין בּאַדינגין הערטאָם פאַר אַלעֶ דריי זאַכין, דאַבנין לעֶינין אין שרייבּין, איהם צי גיבּין פיפצעֶהן גילדין.

בּעֶסטעָ אָרט דאָס בֵּית מֶדרֶשׁ, אַגאַנצין טאָג זיצין יוּנגעָ לַייט אין יוּנגליך וואָס לעָרנין אָבּיסיל, דאָס איבּריקעָ שמיסט מעָן, בּשַׁעַת דאַבנין קימין זעָך צים אויף די גאָנצעָ שטאָט, דאַבנין, דעָר בַּיי שמיסין אויך, אַטהַייל שמיסין אינים דאַבנין, אָדעָר דאַבנין אינים שמיסין, די איבּריקעָ שמיסין פין אַלעָ מַשׂא וּמַתָּנוֹת, פין פּאָטשטין, אין אַלעָרלַיי געָרעָדעָרַיי, אין דאַבנין קוים קוים אַפּאָר ווערטעָר, אַלץ אינים בֵּית מֶדרֶשׁ.

סַיי ווי סַיי, איז דעָר בֵּיתמֶדרָשׁ שַׁמָשׁ דעָר רעָכטעָר שַׁמָשׁ ווַייל אַלעָ בַּעֲלֵי בָּתִּים זעָנין זַיינעָ בַּעֲלֵי בָּתִּים, צים חֲנוּכָּה געָלט, צים פּוּרים געָלט, אין צי דעָר שיסיל עָרֶב יוֹם כִּפּוּר גיבּט מעָן איהם מעָהר פין דעָם שיל שַׁמָשׁ, שָׁלוֹם-עֲלֵיכֶם-געָלט, אין בּשַׁעַת זַיינעָ בַּעֲלֵי בָּתִּים פאָהרין אַוועָק, אָדעָר ווען זיי קימין צי פאָהרין, קימט איהם תָּמִיד צי גיבּין.

ווער שמיסט די קָהָלס-שַׁמָשִׁים, די געָהן נאָר מאָהנין נתינה, די שעָלט מעָן תָּמִיד מיט ביטרעָ קְלָלוֹת, אין מעָן האָט זיי טאַקעָ דעָריבּעָר פַיינט, זעָנין זיי אייבּיק קַבְּצָנִים אין מבוּזֶה דעָר צי.

דעָר לאָהָדָהפאָליר שַׁמָשׁ אַהרֹן האָט גיהאָט אַשטיבּיל אינים בֵּיתמֶדרֶשׁ, דאָ האָט עָר גיוואָינט מיט זַיין ווַייבּ שָׂרָה, די שָׂרָה איז נאָך דעָרצי גיוועָזין אַוואַרטאָרין בַּיי קימפּיטאָרינס, פלעָגט זיא אַהיים צי בּרעָנגין לעָקיך, אין גיבּראָטינעָ פעָרטיל פין קאַפּהינעָר, פּיטעָר גאַנצעָ טעָפּליך, אין פלעָשליך בּראָמפין, בּשַׁעַת זיא האָט געָפּיליווּיט די קימפּיטאָרין, האָט זיא ניט פאַרגעָסין, איהר מאַן אין איהר מיידיל שֵׁיינצי, זיי זאָלין אויך הַנָאָה האָבּעָן פין די גיטעָ זאַכין.

אַהרֹן שַׁמָשׁ איז קיין עַם הָארֶץ גיוועָזין, עָר האָט אַמאָהל אַמנחָה שַׁבָּת גידאַבינט, אָנהייבּינס ראָשׁ הַשָּׁנָה יוֹם כִּפּוּר האָט עָר אויך גיקאָנט, עָר איז גיוועָזין אין יאַמפּילעָ אַמאָהל אַגמָרא מְלַמֵד, נאָר ווַייל עָר איז קראַנק גיוואָרין אַף די אויגין, האָט עָר דאָס מְלַמְדִים אַוועָק גילעָגט, אין איז אין לאָהָדָהפאָלי גיוואָרין בֵּית מֶדרֶשׁ שַׁמָשׁ, אַז עָר איז גיגאַנגין גיט-יוֹם-טוֹב בּיטין, האָט מעָן איהם תָּמִיד גיגיבּין אַגרויס שטיק לעָקיך, פּוּרים אַציקעָר קישילעָ מיט אַשטיקיל גיפרעָגילטין מאָהן דעָרצי.

דעָר אַהרֹן שַׁמָשׁ מיטן ווַייבּ שָׂרָה די שַׁמָשטעָ האָבּען גיהאַט זייעָר אַשעָן מיידיל שֵׁיינצי, אַמיידיל פין אַיאָהר פעָרצין אים זיא אַלט גיוואָרין, ווען אינזעָר מַעֲשֶׂה הייבּט זעָך אָן שְׁנַת תקעב (אַף דעָם רוּסישעָן חֶשְׁבּון איזיס דעָר ווינטעָר פין 1812 אין 1813.)

מַאכֶער אִין אַדְאָקטָאר, אַגִיוועֶזִינֶער חַזְן, אִין אַהַיינטִיקֶער חַזְן, אַפֶּאקטֶער. אַמְשׁוּגֶענֶער אִין אַיוֹדִינֶה אַיין עֲגִינָה, קָהָל שַׁמָשִׁים, אִין אַסַארוועֶר, אִין אַזַא שְׁטָאט אִיז דָא אַחֶבְרָה חַיָטִים, אַחֶבְרָה קְדוֹשָׁה אַחֶבְרָה מִשְׁנָיוֹת, אִין אַחֶבְרָה גְמִילוּת חֲסָדִים, אִין אַזַא שְׁטָאט אִיז דָא אַשִׁיל, אִין אַבֵּית מֶדְרֶשׁ, אַמָאהָל נָאךְ דֶערְצִי אַקְלַייזִיל, אָדֶער אַחְסִידִים שְׁטִיבִּיל.

חַס וְשָׁלוֹם עֶמִיצֶר זָאל זֶעךְ אַרוֹיס חַאפִּין מִיט אַוואָרט, עֶר זָאל רִיפִין דִי שְׁטָאט שְׁטֶעטִיל, אִיז עֶר אָדֶער אַשְׁטָאט-עַזּוּת-פָּנִים, אָדֶער אַחָסֶר דֶיעֶהנִיק.

אַגְרוֹיסֶע שְׁטָאט הֵייסְט, ווִי סִיז דָא אַפָּאר טוֹיזֶענְט בַּעֲלֵי בָּתִּים, אִין עֶטלִיכֶע מָוֹיעֶרן חוּץ דִי גִיבָּוֹיעֶטֶע שְׁטִיבִּין, דָאס אִיז שׁוֹין גָאר עֶפִּיס אַנדֶערְשׁ, דָא בַּארִיהְמְט זֶעךְ אִיטְלִיכֶער, אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם פִין דֶער אַנדֶערֶער גַאס גֶעגִיבִּין שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם, ווַייל עֶר הָאט אִיהם גִיהַאלטִין פַאר אַפְרֶעמְדִין יָאה חַלְעֶבִּין, ווֶער קָאן אִיז אַזַא גְרוֹיסֶער שְׁטָאט דֶערקֶענִין אוֹיבּ דֶער אִיז אַהִיגֶער, סִיז דָא גְזִמָאוֹת ווָאס מֶען קָאן זֵיי בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט.

דִי מַעֲשֶׂה ווָאס מֶען ווֶעט דָא לֶעיְנִין הָאט זֶעךְ גִיטְרָאפִין אִין צְווֵיי שְׁטֶעט, אֵיין שְׁטָאט הֵייסְט **מֶעזִיבִּיז**, דִי אַנדֶערֶע שְׁטָאט טָאהר מֶען נִיט אוֹיסְזָאגִין. דֶערִיבֶּער ווֶעלִין מִיר זִי רִיפִין **לַאהָיהָפָּאלִי**, פִין לַאהָיהָפָּאלִי בִּיז קֵיין מֶעזִיבִּיז אִיז צֶעהְן מַייל ווַייט.

אִין אַזַא שְׁטָאט ווִי לַאהִיהָדָדָלִי ווֶעמִין גֶעהְט תָּמִיד גִיט, נָאר דֶעם בֵּית מֶדְרֶשׁ שַׁמָשׁ, דֶעם שִׁיל שַׁמָשׁ אָדֶער דִי קָהָל שַׁמָשִׁים אִיז נִיט גִיט, ווַייל זִינְט חַסִידִים זֶענִין אוֹיף גֶעקִימִין, אִיז דִי קַאלְטֶע שִׁיל תָּמִיד פִּיסְטֶע, חוּץ רָאשׁ־הַשָׁנָה יוֹם כִּפּוּר ווָאס רֶענְדַארִים פִין דִי דֶערְפֶער קִימִין מִיט ווַייבּ אִין קִינְדֶער אִין דַאבְנִין אִין שִׁיל, אִיז אַגַאנְץ יָאהר קוֹים קוֹים אַמִנְיָן דָא ווָאס גֶעהְן פִין דִי זֶעקס עֲשָׂרָה בַּטְלָנִים, פִין דֶעם בֵּית מֶדְרֶשׁ מַשְׁלִים צִי זַיין צִים מִנְיָן אַבִּי אָפּ צִי דַאבְנִין, דֶערִיבֶּער זָאגְט מֶען דָאס גְלַייכֶע ווֶערְטִיל ווֶער גֶעהְט תָּמִיד אִין שִׁיל אַרַיין? **דֶער רֶעגִין**, ווַייל דֶער דַאךְ אִיז צֶעבְּרָאכִין, אָבֶּער דֶער עוֹלָם גֶעהְט נִיט אִין שִׁיל אַרַיין.

אַלֶע נְגִידִים דַאבְנִין אִין בֵּית מֶדְרֶשׁ, ווַייל דָא אִיז ווִינְטֶער ווַארִים, אִין טַאקֶע חוּץ לָזֶה, ווִילִין אַפִילוּ דָארְפְס פָּאוועֶרְן זֶעךְ צִים אוֹיף קִימִין צִישִׁין זֶעךְ צִי שְׁמִיסִין, דֶערִיבֶּער קִימִין זֵיי אִין קְרֶעטְשְׁמֶע אַרַיין, דָא בַּאלַאקִיט מֶען בַּיים טְרִינְק בְּרָאמְפִין, יוֹדִין גֶעהְן אָבֶּער נִיט אִין אַשֶׁענְק אַרַיין דָארְטִין צִי טְרִינְקִין אִין צִי שְׁמִיסִין, אִיז דָאס

1.

ווער סיז געניעט אין אינזער רוסיש פּוילין, ווייסט וואָס דאָס הייסט אַ ק ל יי ן ש ט ע ט י ל.

אַ ק ל יי ן ש ט ע ט י ל איז פון עטליכע הײַזלעך, דאָ איז אַלע צוויי וואָכן זינטיק אַירוד, די יודליך האַנדלין מיט בּראָמפּין, מיט תּבואות, מיט רעדנע אַף זעק אָדער מיט סמאָלע, לרוב איז דאָ איינער, וואָס רײַסט זעך, צי ווערין אַגיטער יוד.

אַ ש ט אָ ט, הייסט, ווי סיז דאָ אַפּאָר הינדערט גיבּוֹיעטע שטיבּין (אַהויז הייסט אַשטיבּ) אַשירה גימויערטע קלייטין, דאָ איז איינער איין אויף געקימינער גרויסער עושר, עטליכע רײַכע קרעמערס, עטליכע וואָס האַנדלין פעלד משא ומתּנת מיט האָזין, מיט וואַקס, מיט האָניק, אין מיט פּאָדראַד, גרויסע חלפנים וואָס האַנדלין אַטהייל מיט דעם גרויסין עושרס געלט אַף חצי רווח, אין אַטהייל האַנדלין מיט רײַכע אַרענדאַרים געלט פון אַרים דער שטאָט, אין אַזאַ ש ט אָ ט איז דאָ אַ פּ ר י ץ (דער שר) מיט זײַן הויף, צי איהם קעהר די שטאָט אין אַצעהן דערפער (דאָס ריפט מען-אַ שליסיל) איינער וואָס איז חשוב אין הויף, האַלט די שטאָט אַרענדע, אָדער טאַקע דעם גאַנצין שליסיל דערצי, אין אַזאַ שטאָט איז דאָ איינער אַתּקיף וואָס איז כּל וכל בּײַ דעם קאַפּיטאַן ספּראַווניק, אין אַזאַ שטאָט איז דאָ אַבּעל מחלוקות וואָס יאָגט זעך מיט דער שטאָט אין מיט קהל בּײַ די סאָנדים אין אַפילו בּיז אין דער גובּערני אַרײַן, אין אַזאַ שטאָט סטאַריט זעך דער פּריץ (דער שר) אַגיטער יוד אַחסידישער רבּי זאָל דאָ וואוינין, ווײַל דורך דעם וואָס יודין פאָהרין צי איהם, לייסט מען פאַר בּראָמפּין, פאַר בּיר אין פאַר מעד דאָס קעהר אַלץ צים פּריץ פון דער שטאָט האָט ער מעהר הכנסה, אין אַזאַ שטאָט איז דאָ אַוויינשענקער, אַזוינער-

מאָהלט אײַך אַ גיִמעֶהל,
רויט אָרעֶר געֶהל,
וואָס איִהר וויִלט,
מאַכט אײַך אַביִלד,
אַף דעֶם בלעֶטיִל,
נאָך דעֶם צעֶטיִל,
דעֶם משוּגעֶנמס געֶהן,
דעֶם פאָדראַדשיִקס שטעֶהן,
דעֶם רעֶביִנס זיִציִן,
איִן ווֶעלוויִלס שוויִציִן,
(אָדעֶר אֶפשֵר פאַרקעֶהרט
וויִ סיִז בעֶשעֶהרט)
דעֶם ווײַביִלס שײַנעֶן,
דעֶם קרעֶטשמאַרס טַענהֶען,
דעֶר זיִציִרקיִס ווײֵניִן,
דעֶר שַמשִטיִס מײֵניִן,
דעֶר מעֶהלעֶר ווײֵסט
וואָס דאָס הײֵסט׳
ווֶעדליִק דעֶם צאָהליִן,
אַגיִמעֶהל ציִ מאָהליִן.

דָאס שטֶערִינטִיכל:

אָדעֶר

שַׁבֶּת חֲנוּכָּה אִין מֶעזִיבִּיז

דִי מַעֲשֶׂה וואָס אִיז דאָ דערצעֶהלט אִין דעֶם מַעֲשֶׂה בִּיכִיל,
האָט דעֶם נאָמִין ווִי מעֶן רִיפטעֶס אִין רוּסִישׁ פּוֹילִין- שטעֶרִינטִיכִיל,
דאָס אֵייגִינעֶ ווייַבִּירשׁעֶ פעֶרִילצִירוּנג, האָט גִיהֵייסִין אִין אַנדעֶרעֶ עֶרטעֶר,
שטעֶרִינבִּינדִיל, קאָפּ בִּינדעֶ, בִּינדאַלִיק, אִין נאָך אִין נאָך מִיט אַנדעֶרעֶ ווערטעֶר,
הַיינט אַז מעֶן האָט דעֶם שְׁגָעוֹן אָפּ גִישַׁאפט פִינִים קאָפּ,
אִין יִדִישעֶ ווייַבּעֶר געֶהן ווִי אַלע דאַמעֶס מִיט אַפּאַלשעֶן צאָפּ,
ווִי מעֶן דעֶרצעֶהלט- סִיז אַמאָהל גִיוועֶזעֶן אַרָב מִיט אַרְבִּיצִין פאַרצַייטעֶן,
אַזוֹי וועֶט מעֶן דעֶרמאָהנעֶן וואָס אַשטעֶרִינטִיכִיל האָט אַמאָהל גִיקאָנט בּאַטַייטעֶן,
אֶפשֶׁר וואָלט מעֶן אַשטרַיימִיל מִיט אַספּאָדִיק אַויך פִין אַזֵכֶר ווֶעגִין,
כְּדֵי מעֶן זאָלעֶם אַמאָהל ווַייזִין, גִידאַרפט אִין שפִּירטִים אַרַיין לעֶגִין,
מַיין שפִּירטִים צִים שטעֶרִינטִיכִיל, אִיז אַחסִידִישִין רֶבִּינס שַׁבֶּת חֲנוּכָּה, בּאַשרִיבּעֶן,
חאָטשעֶ גאָר נִיט גִירָאטהִין, אִיז עֶר פאָרט אַבַּעַל מוֹפֵת געֶבּלִיבּעֶן,
דאַכט זעֶך אַשטעֶרִינטִיכִיל מִיט אַבַּעַל מוֹפֵת קעֶהרִין זעֶך נִיט אָן,
פאָרט אִיזִים אַיין מַעֲשֶׂה אַצִיקַאווִיסט אִין עֶסִיז דַוקא עֶפִּים דראָן,
אוֹבּ דעֶר בּאַשרַייבּעֶר פִין דעֶר מַעֲשֶׂה האָט זעֶך דאָס אוֹיס גִיטראַכט,
אִיזעֶם נאָך מעֶהר צִיקַאווֶע, ווִי אַזוֹי עֶר האָט אַזעֶלִיכֶם גִימַאכט,
נאָר אַז מעֶן וועֶט אוֹיס לעֶיִנעֶן אִין גאַנצִין גאָר.
ווֶעלִין אַלעֶ מוֹדֶה זַיין, אַז אַלץ וואָס שטעֶהט, אִיז וואָהר.

דאָס שטערנטיכל:

אָדער

שַׁבָּת חֲנוּכָּה אין מעזיביז

דָאס שְׁטֶערְינְטִיכְל:

אָדֶער

שַׁבָּת חֲנוּכָּה אִין מֶעזִיבִּיז